Hebr. Ej 746

# די מלחמה פאר'ן לעבען

אַ ראָמאַן

אין צוויי טהייל.

אונטער דער רעדאַקציאָן

פון

בן-אריה

פרייז 45 קאפ.

ווילנא

# די מלחמה פאר'ן לעבען

## איינע ערצאהלונג

## פון דעם יודישען פאלקס־לעבען.

## אין צוויי טהייל.

איבערזעטצט אונטער דער רעדאקציאן פון

Дозволено Цензурою 14-го Января 1904 г. Вильна.

**בן־אריה**

פערלאג אונ אייגענטהום פון ז. ש. שרעבערק בוכהאנדלער בווילנא.

ערשטער טהייל

**ווילנא**

בדפוס י. פיראזשניקאוו.

תרס"ד

# БОРЬБА ЗА СУЩЕСТВОВАНІЕ.

Разсказъ въ 2-хъ частяхъ.

Переводъ подъ редакцію И.-В. БЕНЪ-АРІЯ.

*Изданіе книгопродавца З. Ш. Среберка, Вильна.*

Вильна, Типографія И. І. Пирожникова Завальная ул. д. № 1147.

1904.

Дозволено Цензурою 14-го Января 1904 г. Вильна.

# א.

# אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבֶּען.

אִיבֶּער אֵיינֶע פוּן דִי פַארְוָוארְפֶענֶע, עֵנְגֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע הִינְטֶערְגֶעסְלִיךְ אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט N. אִיז אַיי'ֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען אַ יוּדֶענֶע, מִיט אַ לֶעבִּיל בְּרוֹיט אוּנְטֶערְן אָרֶעם. נָאךְ אִיהְר צוּקְנֵייטְצְטֶע שְׁטֶערְן, טִיף אַיינְגֶעגְרָאבֶּענֶע אוֹיגֶען אוּן אוֹיסְגֶעדַארְטֶע גֶעזִיכְט הָאט מֶען זִיא גֶעקֶענְט שַׁאטְצֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַיָאהְר 50, אִין אֱמֶת אָבֶּער אִיז אִיהְר נָאךְ קַיין 30 אוֹיךְ נִיט גֶעוֶוען, דִי שְׁטֶענְדִיגֶע הָארֶעוַואנְיֶע, אָרֶעמְקַייט אוּן דַחֲקוֹת הָאבֶּען אוֹיף אִיהְר גֶעזִיכְט יוּנְגֶערְהֵייט אַיין עֶלְטֶער אַרוֹיפְגֶעוָוארְפֶען. אִיהְר קַאסְטְיוּם אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן אַ פֶערְשְׁמַאלְצֶענֶע צֶערְפְלִיקְטֶע קְלֵיידִיל, מִיט אַ צֶערִיסֶענֶע פַאטְשֵׁיילֶע אוֹיף דִי פְּלֵייטְשֶׁעס. דִי קָאפּ אִיז גֶעוֶוען פֶערְבּוּנְדֶען עֶפֶּעס מִיט אַזַא זַאךְ, אוֹיף וֶועלְכֶע מֶען הָאט בֶּעשְׁטִימְט נִיט גֶעקָאנְט זָאגֶען, וָואס דָאס אִיז: אַ קוֹיטִיגֶער הַאנְטוּךְ אָדֶער גְלַאטְט אַזוֹי אַ אָנִיצֶע.

דֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ חְמוּרְנֶער, עֶס הָאט גֶעטְרִיפְט אַ קְלֵיינֶער רֶעגֶען, אֵיינֶער פוּן יֶענֶע קְלֵיינֶע אוּן קַאלְטֶע אָסְיֶענְנֶע רֶעגֶענְס, וֶועלְכֶע קַאפֶּען אוּן קַאפֶּען אָהְן אַ סוֹף, אָהְן אַ אוֹיפְהֶער, אוּן וֶועלְכֶע וַוארְפֶען אַ אוּנְמוּטְה אוֹיפֶען הַארְצֶען אוּן נֶעהְמֶען דוּרְךְ דֶעם קֶערְפֶּער אִיבֶּער הוֹיפְּט פוּן דֶעם אָרֶעמֶען מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶען דָאס לֶעבֶּען וַוייזְט נִיט קַיין פְרֵיילִיכֶע מִיעֶנֶע אוֹיךְ דֶענְסְטְמָאל, וֶוען דִי נַאטוּר הֶערוּם אִיהְם שַׁיינְט אוּן פְרֵייט זִיךְ,

דִי יוּדִינֶע אִיז צוּגִיגַאנְגֶען צוּ אַ קְלֵיין אַיינְגֶעבֵּייגֶענֶע שְׁטִיבֶּעל מִיט אֵיין פֶענְסְטֶערִיל צוּם גַאס, אָדֶער, רִיכְטִיגֶער גֶעזָאגְט, צוּ דֶער בְּלָאטֶע; זִיא הָאט אוֹיפְגֶעאֶפֶענְט דִי טְהִיר, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען בֶּעשְׁלָאגֶען מִיט טְרַאנְטֶעס אוּן גֶעהַאנְגֶען אוֹיף אֵיין זַאוְויֶעסֶע, אוּן דוּרְכְגֶעהֶענְדִיג דוּרְךְ אַ צִימֶער אִין וֶועלְכֶען עֶס הָאט גֶעאַרְבֵּייט אַ שׁוּסְטֶער, אִיז זִי הֶערַיין אִין אַיין קְלֵיינֶעם קָאמֶערִיל.

בַּייא אֵיין וַואנְד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ בֶּעטְט מִיט אַ קָאמָאד – אַ צֶערְלֶעבֶּערְטֶער חִי׳ אַ דְיֶעשֶׁעטֶע; בַּיי דֶער אַנְדֶער וַואנְד – אַ טִישֶׁעל מִיט אַ פָּאר שְׁטוּהְלֶען אוֹיף

דרייא

דרייא פיס, דערצו אלאנגע באנק; אין מיטען איז געהאנגען א קינדער-וויגעל און מיט דעם האט זיך געענדיגט די מעבעל פון דיזער ענגער וואהנונג. אויפ'ן בעט זיינען געזעסען 2 קינדער: איינער א יאהר 9, אין צעררים׳סענע פלודערין און אין איין ארבע כנפות; דער צווייטער א יאהר 5 – אין א שווארצע גראבע, לייווענדענע העמדיל.

– מאמע! מאמע! אט איז די מאמע געקומען! האט געשריען דער אינגערער מיט א קול, אין וועלכען עס האט זיך געהערט אי פרייד אי טרויער, און איז הערויסגעשפרונגען פון בעטט – מאמע, איך וויל עסען! גיב מיר ברויט!

– פרעסער! – האט געאנטווארט די מוטטער מיט כעס – זעה נאר, ווי ער האט דאס קיין צייט ניט, ער קען שוין א מינוט ניט ווארטען, לאז מיך פריער אין שטוב אריין געהן; דער טאג איז נאך גרויס, וועסט נאך פאספייען זיך אנצופלאצען.

– איי, גיעה! איך וויל סטראשנע עסען! – האט געשריען דער אינגעלע מיט א געוויין, און האט אריינגעלאזען די פינגערלאך אין די הערליך.

– איך דארף געהן אין חדר – האט זיך אבגערופען דער עלטערער, אבשטופענדיג דעם ברודער אן א זייט – גיב מיר, מאמע איבערבייסען וועל איך אוועקגעהן.

די מוטטער האט אבגעשניטען א שטיקיל ברויט, האט ארויסגענומען פון טישקעסטיל איין אוגערקע און האט איהם דערלאנגט.

דער יונגעל האט גענומען די ברויט מיט די אוגערקע און איז אוועקגעגאנגען.

– „א וואהלער חדר, ניט דא וואס צו ריידען!“ האט די מוטטער גערעדט מיט זיך אליין, „אין א שעה ארום וועט ער שוין קומען ווארמעס עססען, ער לערנט זיך דארטען איבער! מיינע שונאים, ליעבער גאטט, זאלען דארפען האבען צו טהון מיט די ארעמע חדרים, מיט די קליינע מלמדים און מיט זייער לערנען צו זאמען; זיי נעהמען נור אומזיסטע געלד ביי דעם ארעמאן.

זי האט אמאך געטאהן מיטין האנד.

– און מ י ר, מאמע? – האט געפרעגט דער קלייניקער, אויסשטעלענדיג אויף דער מוטטער די אויגליך.

– נא, פרעסער! אין א שעה ארום וועט ער ווידער ניט לאזען לעבען; – עסען! מען קען זיי גאר קיין מאל ניט אנקארמענען, מען קען זיך גאר ניט דערהארעווען פאר זיי. – האט זי גירעדט שטיל, כמעט ווי צו זיך אליין. – געכטען ביי נאכט, שוין גאר שפעט, האב איך גענומען אהאלבען לעבעל ברויט – האבין זיי דאס אויפגעפרעססען צו וועטשערע, און היינט דארף

מען

מען שוין אנדערע ברויט, וואו זאל איך דאס נעהמען! איך בין דאך ניט רויטשילד! הײנטיגע פערדינסטען: גראבט די ערד א גאנצען טאג און נעמט אין גאנצען 3 רובּיל א וואך – וואלט ער לכל הפּחות געוועזען געזונד, וואלט ער נעהמען מיט אלע ארבּייטער צו גלייך, 4 – 5 רובּיל א וואך – איז דאס אויך ניט – דארף ער נאך צום אומגליק זיין א קראנקער.

זי איז אריינגעגאנגען אין צימער, וואו דער שוסטער האט געארבּייט.

– ווי פּריה איז דער זייגער, פריידע? האט זי געפרעגט ביי דער בּעל הבּית-טע, א בּלינדליכע יודינע, וועלכע האט געשטריקט א זאק.

– עס וועט שוין זיין נאך האלבען טאג.

– אי! שוין צייט טראגען משה-ן װארמעס.

די ווייבּיל איז צוגעגאנגען צום אויבען, האט ארויסגענומען פון דארטין א טעפּעל און פערוויקלענדיג איהם אין א טישטוך און אנשניידענדיג ברויט, האט זי שוין געוואלט ארויס געהן, נאר זי האט זיך עפּעס דערמאנט.

– אי האבּ איך אקאפּ, ניט דא וואס צו ריידען! איך האבּ נאך ניט א קוק געטאהן אויף די מיידעלע און איך וויל שוין געהן, זי האט דא געוויס געוויינט, וועה איז מיר! זי האט דאך נאך פון אין דער פּריה אן ניט געזייגען, פויגעלע, פּיצינקע מיינע!

די מוטטער האט זיך אומגעקעהרט אין איהר קעמעריל, האט ארויסגענומען פון וויגעלע א קינד, א שמוטציגע, פערוויקעלט אין סמאטעס, האט איהר א קוש געטהאן און צוגעקוועטשט צום הארצען, די מוידעלע האט געזייגען מיט השק.

– די קאפּ דרעהט זיך מיר! עס איז עפּעס א וואונדער, ווי זי האלט זיך נאך אויף די פּליטשעס – האט די מוטטער גערעדט צו זיך, לייגענדיג דאס קינד צוריק אין וויגעלע – אין די 5 וואכען וואס משה האט אבּגעקראנקט זיינען מיר שטארק רייך געווארען, און איצט, אז ער האט שוין אנגעהייבּען איבּער אניים צוא ארבּייטען, וואלט איהם האטש שמעריל צאהלען דיא שלימזלדיגע 3 רובּיל א וואך אין דער צייט – איז דאס אויך ניט, ער לייגט אלין אבּ! „הײנט – מארגען, מארגען – הײנט... אט, א פּנים זיי זיינען זאט, און וואס די ארבּייטער הונגערן איז ניט זייער דאגה. בּערך א מינוט איז זי געשטאנען פערטראכט.

– איך בּין איצטער דורכגעגאנגען די גאס, און בּין קוים א לעבּעדיגע געבּליעבּען. פאר דער גאנצער צייט, וואס משה איז, ניט איצטער געדאכט, קראנק געוועזען, בּין איך אזא בּעל חוב געווארען, אז מען לאזט מיך פּראסט א גאס ניט דורכגעהן. מיט טרערען, מיט מאטערניס האבּ איך אויסגעבּעטען

ביי

בַּיי בְּרַיינְגֶען אַלֶעבִּיל בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, זִי הָאט אַלֵיין נִיט גֶעוָואלְט גֶעבֶּען, אוּנ זִי אִיז גֶערֶעכְט: זִי אִיז דָאךְ נִיט קֵיין מִילְיָאנֶערְטֶע, עֶס קוּמְט אִיהְר שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ אַ רוּבִּיל 5.

–אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר אוֹיפְגֶעהֶערְט מָאהְנֶען בַּיי דִיר –הָאט גֶעזָאגְט פְּרֵיידֶע. דוּ וֵוייסְט, שָׂרָה׳לֶע, מִיר קוּמְט שׁוֹין מֶעהְר וִוי פַאר 2 חֳדָשִׁים דִירָה־גֶעלְד.

– פְּרֵיידִינְקֶע! – הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט שָׂרָה מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיקֶען טָאן – אִיךְ קְלֶער וֶועגֶען דֶעם מֶעהְר וִוי אִיהְר, טְרוֹיסְט מִיךְ: דֶעם עֶרְשְׁטֶען רוּבִּיל, וָועלְכֶען מַיין משֶׁה וֶועט בְּרֵיינְגֶען, וֶועל אִיךְ צֶערְטְהֵיילִין צְווִישֶׁען אַייךְ מִיט בְּרַיינֶגען, אִיצְטֶער אַרְבֵּייט עֶר דָאךְ, אַ דַאנְק גָאטְט.

שָׂרָה הָאט גֶענוּמֶען דֶעם טֶעפֶּעל אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען.

---

# ב.

## אוֹיךְ לִיעבֶּע!

נִיט אֵיין וְוֶיארְסְט וֶועט אוֹיסְקוּמֶען שָׂרָה-ן, משֶׁה דֶעם עֶרְדְנְרֶעבֶּערְס וַוייבּ צוּ גֵעהְן, אֵיידֶער זִי וֶועט פַארְטְרָאגֶען דֶעם מַאן דֶעם וַוארְמֶעס – אַ בִּיסֶעל גְרוֹיפֶּען מִיט אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט.

דִי גַאס, וואוּ זִי וָואהְנְט, רוּפְט זִיךְ „פִּיקֶער“, אוּנ אִיז אַזוֹי עֶנְג, אַז עֶס אִיז נִיט דָא דֶער מָאל, וָואס 2 אִיזְוָואשְׁטְשִׁיקֶעס בֶּעגֶעגֶענֶען זִיךְ אוֹיף אִיהְר, זָאללֶען נִיט צוּנוֹיפפְּלָאנְטֶערִין דִי רֶעדֶער אוּנ זָאלֶען נִיט עֶסֶק׳ן שָׁעוֹת לַאנְג, בִּיז וַואגֶען זֵיי בֶּעפְרַייעֶן זִיךְ. דִי בְּלָאטֶע אִיז אִין יֶענֶע אָרְטֶער אַזוֹי טִיעף אוּנ קְלֶעפִּיג, אַז דִי אַיינְוָואהְנֶער הָאבֶּען נִיט בְּכֹחַ זִיךְ אַרוֹיסצוּרַייסֶען פוּן אִיהְר זֵייעֶר גַאנְצֶען לֶעבֶּען.

אֵיידֶער דִי יוּנְגֶע וַוייבִּיל וֶועט אַרוֹיס קְרִיעכְן פוּן דֶער פִּיקֶערְשֶׁע בְּלָאטֶע אוּנ וֶועט דֶערְטְרָאגֶען דֶעם טֶעפִּיל אוֹיף דֶעם בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט, וֶועלֶען מִיר דֶערְוַויילֶע בֶּעקַאנְט מַאכֶען דֶעם לֶעזֶער מִיט דִי הֶעלְדִין פוּן דִיעזֶער עֶרְצֶעהְלוּנְג, מִיט אִיהְר מַאן אוּנ אַ בִּיסֶעל מִיט דֶעם לֶעבֶּען פוּן פִּיקֶער-גַאס.

שָׂרָה-ס פָּאטֶער אִיז גִיוֶוען אַ לַאטוּטְנִיק (אַ פְּרָאסְטֶער שְׁנֵיידֶער) אוּנ אַזוֹי הָאט מֶען אִיהם טַאקִי גֶערוּפֶען: שְׁמוּאֵל לַאטוּטְנִיק. שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט 4 טֶעכְטֶער, אוּנ דִי בַּעל הַבַּיתְטֶע אִין שְׁטוּב אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער שָׂרָה. זֵייעֶר מוּטֶער אִיז גִישְׁטָארְבֶּען, בְּעֵת שָׂרָה אִיז אַלְט גִיוֶוען 15 יָאהר. בִּיז 15 יָאהְר הָאט זִי זִיךְ עֶרְצוֹיגֶען נָאךְ דֶער זֶעלְבֶּער מֶעטָאדֶע פוּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, נָאךְ וֶועלְכֶע עֶס וֶוערֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם עֶרְצוֹיגֶען הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְדֶער יוּדִישֶׁע קִינְדֶער. כָּל

זמן

זמן שרה איז געוועז איין איינציגע פלעגען זיא די עלטערין: אדער שמייסען און שלאגען, אדער קוסען און האלזבען. דאס ערשטע, דאס הייסט: קלעפ און ריטער, פלעגט זי באקומען פאר אלץ: פאר דעם וואס זי פלעגט, ניט ווילענדיג, עפעס צוברעכען, וואס זי פלעגט לויפען און שטיפען, און אפט פראסט דערפאר וואס די עלטערין איז ניט גוט געוועז אויפען הארצען; געקוסט האבען זיי איהר דערפאר, וואס זי איז דאך פארט געוועז „זייער שווארץ אפעל פון אויג." דעם אמת מוז מען זאגען: אין וואס פיר א גראבע פארמע זייער ליעבע האט זיך ניט ארויסגעוויזען, דאך האבען זיי איהר אינניגסט שטארק געליעבט. ניט איין מאל, בעת שרה איז געוועז קראנק, האט די מוטטער אויסגעשריען: „רבונו של עולם! ווען מיין קינד איז עפעס שלעכטעס בעשערט אין נאגיל, זאלל דאס בעסער אויס געהען צו מיין קאפ!" זי פלעגט ריידען די ווערטער מיט אזא ריהרענדען, ערשיטערנדען טאן, אז ביי קיינעם איז קיין ספק ניט געוועז, אז זי מיינט טאקי מיטן גאנצען הארצען, איבערצוטראגען אויף זיך, וואס עס איז בעשערט איהר טאכטער.

בעת עס איז געבארען געווארען שרה'ס יינגערע שוועסטער, לאה, האט מאן איהר קוסען אין גאנצען אויפגיהערט: „זי איז שוין איצטער ביי אונז ניט קיין בת יחידה," האבען די עלטערין געקלערט, נור קלעפ האט מאן איהר איצט אויך ניט געזשאלעוועט, מאן פלעגט זיי איהר נאך שענקען מעהר ווי פריהער. אין א יאהר ארום איז געבארען געווארין די דריטטע שוועסטער, היענע, — און שרה'ן איז געווארען נאך ערגער: זי האט געדארפט וויגען און ניאנטשען דער שוועסטעריל, ביסלאכוויים האט זיך ביי איהר אין הארצען אנגעקליבען בייזקייט, זי איז שטאנדיג געוועז אומצופרידען, אין כעס. כל זמן די שוועסטער זיינען נאך געוועז קליינינקע, פלעגט זי זיי קנייפען שטילערהייט, נור בעת זיי זיינען אונטערגעוואקסען, האט זי אנגעהייבען, צושלאגען זיי, שוין זיך גאר ניט שעמענדיג. אמת די עלטערין פלעגען איהר דערפאר אבגעבען נאך מיט פראצענט, נור — אויך א דאגה! צו קלעפ איז זי דאך שוין גוט צו געוואנט. דערפאר טרייסט זי זיך לכל הפחות מיט דעם געדאנקען, אז זי האט זיך אויסגעצאהלט מיט איהרע שוועסטערליך. שמואל'ן האט זיך זעהר געוואללט האבען א קדיש, ער איז שוין אפילו אמאל אוועק צו פוס אין ליבאוויטש און האט זיך אומגעקעהרט פון דארט פרעהליך: דער רבי האט איהם צוגעזאגט, אז זיי וועלען אי"ה האבען אזוהן, און באמת איז טאקי מאדאם לאטוטניק פארגאנגען אין טראגען, נור אנשטאט א קדיש, האט זי געבארען א פיערטע טאכטער.

אין 2 יאהר ארום איז שמואל געבליבען איין אלמן, און שרה האט

פארטראטען

פארטראטען ביא דיא קינדער די שטעללע פון א מוטער, שווער איז גיוועזען דעם אלטען, צוגעוואהנען איהר צו דער ארבייט. גענוג קלאפ האט פארטראגען איהר רוקען, איידער ער האט זיך צוגעוואהנט בויגען זיך גאנצענע טאג. נור זי איז געוואהנט געוועזן, אונ זי האט געמוזט געוואהנט ווערען: מיילער, וואס בעטען עסין, זיינען געוועזן 5, אונ ארבייטסהענד ביין פאטער — נור צוויי, אונ אויך די האבען זיך אזוי אראבגעלאזען צוליב דער ווייבס טוידט, אז ער האט ניט געקענט אויסארבייטען אפילו קיין העלפט פון דעם, וואס ער פלעגט אויסארבייטען פריהער. ער האט זיך באמת גענאטיגט אין א העלפער.

אין איין יאהר איז שרה געווארען גאר א אנדערע: פון איין איינגעשפארטען קינד האט זי זיך אומגעביטען אין א בעל-הביתטע, זי איז געווארען שוויינענדיג-סעריאזנע. מיט דיא שוועסטערליך איז זיא זיך בעגאנגען וויא א מוטער: זי האט זיי אזוי געשמיסען אונ געשלאגען אז קיינער וואלט גאר ניט גלייבען, אז אזא מיידיל, נאך אליין כמעט א קינד, זאל קענען שלאגען ווי א געניטע מוטער, פון א גרויסע פאמיליע! מיינט איהר, חס וחלילה, זי איז אויף די שוועסטער געוועזן ביין? ניין, נור זי האט פראסט געגלויבט, אז אזוי דארף מען טהאן. גאטט האט דאך זיי געשטראפט אונ זייא האבען דאך ניט קיין מוטער, וועלכע זאלל זארגען פאר זייער ערציהונג, ווענן מען וועט זיי אזוי לאזען, אהן השגחה, וועלען זיי אין גאנצען פארווילדעט ווערען, דער פאטער, פון זיין זייט, האט געהאלטען מיט דער עלטערער טאכטער. אויף שרה־ן האט ער איצט געקוקט וויא אויף א גרויסע, ער האט זיך אפט מיט איהר געהאלטען עצות אונ האט איהר אויפגעהערט, צו ערציעהען, ד"ה: צו שלאגען.

בעת די שוועסטער זיינען שוין א ביסעל אונטערגעוואקסען, האט שרה זיי אנגעהייבען צו לערנען צו דער ארבייט, אונ ביי שמואל'ן אין שטוב פלעגט זיך כמעט שטענדיג הערען קולות: די עלטערע האט געשמיסען אללע שוועסטער, לאה — די צווייטע קלענערע, אונ חיענע האט אבגעגעבען די קלעפ, וועלכע זי האט באקומען, גאר די איינגסטע שוועסטער מוסעלען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער אלטער מיט די טאכטער האבען געארבייט פון פריה מארגען ביז שפעט אין דער נאכט, אונ אמאהל אויך א גאנצע נאכט, פלעגט פון דעכטוועגען טרעפען, אז זיי זיינען געזעסען אהן ברויט. אונ עס איז גאר ניט קיין וואונדער: די טאכטער פלעגען אויפנאהען צו דריי העמדער א טאג, פאר וועלכע זיי פלעגען בעקומען 24 קאפיקעס. שמואל פאר זיינע לאטעס פלעגט באקומען נאך 16 קאפיקעס. דאס וואלט געמאכט אויף יעדע פערזאן צו 8 קאפיקעס א טאג, נור שבת אונ יום טוב ארבייט מאן

דאך

דאך ניט, און עססען דארף מען דאך, און נאך בעססער ווי אין דער וואכען; דערצו איז דאך ניט שטענדיג דא ארבייט – אט איז דער הונגער מיט זיינע שרעקליכע נעגעל.

מאן קאן זיך פאר שטעלען, וואס פאר אלעבען שרה האט פארבראכט ביז 20 יאהר. זי איז קיין מאל ניט געוועזען היים פארליבט, זי איז קיין מאל ניט אבגעזעססען א גאנצע נאכט, קוועלענדיג פון דער לבנה און פאנטאזירענדיג וועגען א געליעבטען, – ניין, איהר איז גאנץ אפט אויס געקומען, צו פאנטאזירען וועגען ברויט. שטענדיג נויטה, דאגות און אונזיכערהייט און דעם מארגענדיגען טאג האבען פארשטיקט אין דער יונגער מיידיל אלץ, וואס עס רופט זיך אב מיט „יוגענד“, מיט „לעבען“; אפילו שבת – אין דעם טאג פון רוהע, האט זיא ניט געהאלטען פאר נייטיג, דורכצוגעהן זיך אביסעל שפאציערען: עס האט זיך איהר פראסט ניט געוואלט ווייזען פאר מענשען א אבגעריססענע, איין אבגעשליסענע. אמת, איין מאהל האט זיך ביי איהר אין הארצען יע דערוועקט עפעס, וואס דערמאנט אן ליעבע, אן געפיהל, נור דאס געפיהל איז געוועזען אזוי אהנליך צו דער אמתער ליעבע, אקוראט אזוי ווי דער אבשיין פון די זונן, וועלכען די איינוואהנער פון פיקער גאס זעהען אין זייער בלאטע, איז אהנליך צו דער אמת'ער, ערקוויקענדער, בעלעבענדער זונן.

די מעשה איז אזוי געוועזען: אמאל האט איהר ווי עס איז אבגעגליקט, צו פארהארעוועט פאר זיך א יום טוב'דיקע קלייד, זי האט זיך איינגעוואשען, אנגעטאן, פארקאמט, און האט זיך איינגעקוקט ביי דער שכנה אין איין אבגעבראכענע שטיקעל שפיגעלע, וועלכע איז געוועזען צוגעקלעבט צום וואנד.

שרה איז געוועזען ניט קיין מיאוסע.

ביי איהר אין הארצען האט ערוואכט א פונק פון לעבען: זי האט גענומען זינגען איינע פון יענע אידעשע לידעלאך, וועלכע ענדיגען זיך אדער מיט'ן טויט אדער מיט'ן גיהנום. נאכהער איז זי אוועק צו איהרע א בעקאנטע מיידעל, דארטען זיינען געזעסען בחורים, מוליארעס, ניט יענע מוליארעס, וועלכע דער לעזער זעהט ביין מויערען הייזער, קנעטענדיג ליים און וואפנע, אדער שלעפענדיג ציגעל גאנץ הויך, איבער א שרעקליכען לייטער, ניט יענע פערשמירטע, אנגעטהאנענע אין טראנטעס, – ניין, איצטער האבען זיי געהאט גאר איין אנדער געשטאלט, יעדערער איז געוועזען אין ריינע, און אנדערע אויך אין נייע קליידער: די יונגע מאזאליסטע האנד זיינען מיט קיין זאך ניט געוועזען פארשמירט, די האר זיינען אויך געוועזען ריין און פארקאמט. די מוליארעס האבען יעצט אויסגעזעהען וויא מענשען.

שרה האט בעמערקט צווישען זיי א בחור פון א יאהר 18, אהויכער, מיט

ברייטע

ברייטע פּלייטשעס, טונקעל בּלאָנדע האָר און זעהר קלוגע אויגען.

– אָט, ווען ער וואָלט זיך געשדכנט צו מיר – האָט זי ניקלערט און האָט אַ זיפץ געטאָן, – וואָס פאַר אַ שאָנער יונג ער איז!... נור נייטיג דאַרף ער מיר האָבּען... אַזוי ווי ער וואָלט ניט קעננען קריגען אַ שאָנערע און אַרייכערע כּלה פון מיר...

אַ גאַנץ יום טוב האָט זי וועגען איהם געקלערט, זי איז געוועזען צוטראָגען, און איין מאָל האָט זי אויך געהאַפּט וויינען. נור דער יום טוב איז אַריבּער, עס זיינען געקאָמען די וואָכינע טעג, אויפ'ן טיש האָבּען זיך ווידער בּעוויזען די שערעלע מיט די העמדער, און עס האָט זיך אָנגעהייבּען איבּער אַ נייעס די מלחמה מיט די דחקות און נויטה: עס איז שוין קיין צייט ניט געוועזען, צו פאַרטראַכטען זיך און פאַנטאַזירען וועגען דעם שאָנעם מוליער.

מעהר האָט זיך שוין מיט אונזער העלדען אַזעלכע מעשׂיות ניט געטראָפען. בּאַלד איז שׂרה אַלט געוואָרען 21 יאָהר – אַ צייט ווען בּחורים גרייטין זיך צום פּריאָם, און מיידליך – צו דער חופּה. שמואל האָט אָנגעהייבּען זיך פערטראַכטען און קנייטשען דעם שטערען.

שוין צייט צו זאָרגען וועגען אַ שידוך פאַר שׂרה'ן... צייט, צייט! עס פעהלט נאָך מעהרניט, זי זאָל פערזעסען ווערען אַ מיידיל! עס וועט אַפּילו אויס קומען בּלייבּען אָהן כּרויט, ווען מען זאָל איהר חתונה מאַכען, זי איז דאָך, אַדאַנק גאָט, די איינציגע בּעל הבּית'טע, די איינציגע האָראַפּאַשניצע אין שטוב, אַפּולע פער-דין איך איצטער: איך זעה אַפּילו ניט, ווי אַ פּאָדים אין נאָדעל הערייין ציהען... אַי חנה, חנה! צו וואָס האָסט דו מיך איבּערגעלאָזען דאָ אויף מאַטערנים? מיין לעבּען איז סיי ווי קיין לעבּען ניט, בּעסער וואָלט איך געשטאָרבּען אין איין צייט מיט דיר!

נור וואָס פאַר אַ שידוך האָט שׂרה געקענט טהאָן אָהן נדן? ווען אַפּילו פאַר אַ גביר זיינען 4 טאָכטער שיער ניט קיין בּאַנקראָט, איז דאָך שוין וועגען אונזער אָרעמען שניידערל ניט דאָ וואָס צו ריידען.

אמת, ער איז געוועזען אַ בּעל הבּית פון אַ שטוב, נור וואָס פאַר אַ שטוב... אויף הינטערשטע פּיסליך.

## ג.

## אַ חתן – אַ צאַצקע!

שמואל, דיין שׂרה'ן קאָן מען אַבּי ווי ניט אויסגעבּען, זי איז אַיין איידעלע מיידיל – האָט וואָלף דער שדכן פון פּיקער נאָס אַמאָל געזאָגט צו שמואל'ן – דאָס איז געוועזען אַ בּלינדליכער איד פון אַ יאָהר 70, אַ הויכער מיט אַלאַנגען,

שפּיציגען נאז, עטוואס פארביינגען, מיט גראבע ליפּען, א ברייטע באָרד ווי א רידיל, ער האט גערעדט מיט עטוואס א הייזיריקען קול, וואלף האט זיך אין גאנצען אויסגיהארעוועט, איידער ער איז געוואָרען א שדכן. אין דער יוגענד איז ער געוועזען א חזן, אויף זיין 30-טען יאהר, אלס ער האט אום ימים נוראים פערקהילט די האלז מיט די ברוסט, האט ער גענומען אין דער ארבייט דיא הענד מיט די אויגען אונ איז געוואָרען א שניידער. צו 50 יאהר האבען זיך די הענד אויך אבגעזאָגט פון דיענסט אונ האבען זיך געטרייסילט וואנן מען האט געדארפט אונ ווען מען האט ניט געדארפט, נור וואלף האט ניט געזאָרגט, ער האט נאך געהאט אויסזיכטען צו פערדיענען — ער איז געוואָרען א מלמד.

„קנעלען אונ שטארבען — זאָגט א יודישער שפּריכוואָרט — פארזאמט מען ניט.“ 10 יאהר האט ער ארענטליך, ווי ביי איהם איז אויסגיקומען, פארטראַטען די שטעלע פון א מלמד, 10 יאהר האט ער געשלאָגען מיט זיינע ציטערנדע הענד די תלמידים, נור אויפ'ן 11-טען יאהר האט ער באקומען א שלעכטען בערוף „די קינדער פאָלגען איהם גאר ניט“, האבען גערעדט די מאמעס פון די תלמידים, זעהענדיג אז מען שלאָגט קנאפּ זייערע קינדער, וואלף פאלט נאך אלץ ביי זיך ניט: די פּיס קענען נאך דינען. ער איז געוואָרען א וועכטער אונ האט דערפון געלעבט 9 יאהר: נור אין, איין פינסטערע נאכט, ווען אונזער וועכטער וועלכער איז פארקאליעט געוואָרען פון פראסט, האט געכאפּט א ווייליע א דרעמיל אונ מען האט כמעט פאר זיינע אויגען בעגנבעט א קראם האט ער זיך אויף מארגען געמוזט זעגענען מיט זיין שטעלע. וואלפין איז דאמאלסט אויסגעקומען, פון בריק אין וואסער: צו וואס זאָל ער זיך יעצט נעהמען? א זקן פון א יאהר 70! שוין אויסגעהארעוועט מיט אלע זיינע גלידער: די האלז, די ברוסט, די קאפּ, די אויגען, די הענד, אונ אויך די פּיס — אלץ איז שוין געוועזען אין דער ארבייט.

— עט, עס איז גאר נישט — האט געזאָגט וואלף — עס איז גאר נישט! מיר וועלען זיך ווי עס איז דורכשלאָגען! איך האב דאך אבגעלעבט 70 יאהר, קיינעם די שוועלל ניט אבגעשלאָגען. צו איך האב באמת געלעבט אָדער איך בין נור ניט געשטארבען פון הונגער — וועגען דעם וועל איך קיינעם קיין מעשיות ניט געהן דערצעהלען. איך וועל איצטער אויך פון הונגער ניט שטארבען אונ קיין נדבות וועל איך פאר קיינע גליקען ניט נעהמען, איך האב נאך אויף דעם געשוואָרען ביי מיין מאמען אין בויך. איך וועל ווערען א שדכן. נישט קשה, איך וועל נאך קענען צונויפפיהרען א וואנד מיט א וואנד, ווי דער בעשטער שדכן. ליגען זאָגען אונ אבנארען וועל איך נאך אויך מסתמא קענען.

אונ ער האט ווירקליך גענומען צונויפפיהרען „א וואנד מיט א וואנט“ אונ

פערדינען

פערדינגען פון אזעלכע קונצען. מיט שמואל'ן איז ער געווען בעקאנט נאך פון קינדהייט.

– ניין שמואל – האט גיזאגט וואלף – דיין שרקה'ן ווינש איך קיין שלעכטעס ניט, איהר וועל איך געבען א חתן – א צאצקע. קום אריין אהער אין שיינק געמען א ביסעלע שנאפס. איך ווייס וואס פאר א חתן דו דארפסט פאר שרה'ן – האט אנגעהייבען וואלף, צוטראגענדיג די גלעזיל צו די ליפען. – איך ווייס, דו דארפסט ניט די בראנטין מיט די פוסטע קעפ, וועלכע פערקעמען די האר אויפ'ן פריצעסן אופן מיט די היטעלע אויף א זייט.

א ודאי! אויף וואס פאר א שווארץ יאהר דארף איך זיי! איך דארף זיי אויף 1000 כפרות, גיב מיר א חתן א שטילען, וועלכער זאל קענען אביסעל לערנען אויך, פארשטעהסט, איך בין ניט אבי ווער, ניט פון גאס, א דאנק גאט, אמת איך האב פארשווארצט אונזער פאמיליע, ווערענדיג א לאטוטע, נור מיין פאטער, עליו השלום, אליכטיגען גן עדן זאל ער האבען, איז גיוועז, אדאנק דעם לעבענדיגען, ניט קיין שוסטער, ער איז גיוועז א צעהאווער שניידער פון די ערשטע. אלע גבירים פון שטאט זיינען אויסגעגאנגען פאר איהם, איהר פאר שטעהט? אט דאריבער וויל איך טאקע אלייטישען בחור, עס זאל זיין אלץ ווי געהעריג.

איך וועל דיר שוין קריגען, דאגה ניט. ווארט, ביי מיר אין קאפ איז שוין וואס עס איז בעשאפען געווארען, איך רעכען שרה'ן כמעט ווי פאר איין אייגענע טאכטער און איך ווינש איהר ניט קיין שלעכטעס.

– נו לחיים! גאט זאל געבען מיר זאלען טרינקען ביי שרקהן אויף חתונה!

– הלוואי, זאל גאט געבען!

שא! איך האב געפונען! אטהייערער גערדאנק, וויא איך בין א יוד! איך זאג דיר, שמואל, דו וועסט פראסט די פינגער לעקען! אקוראט א זעלכער ווי דו באגערסט, ריכטיג, ווי 2 טראפען וואסער.

– אי, וואלף איז נאך אלץ ניט פון די איבערגעפאלענע!

וואלף האט געטאהן א קנאק מיט דעם גראבען און מיטעלען פינגער. דאס איז געווען א צייכען פון פרייד און צופריעדענהייט.

שמואלס אויגען האבען געלויכטען פאר פרייד.

– מיט וועמען זשע איז דאס?

– ווארט, אייל זיך ניט! פריהער וועל איך דיר דערציילען, וואס דאס איז פאר א שידוך: דער חתן איז א למדן, א תלמיד חכם – א חכם זאג איך דיר! א שטילער, ער ריהרט ניט אן א פליג אויפ'ן וואנד, דערצו זיינען זיי ניט פון פראסטין ארט, דער זיידע איז גיוועז א רב, און דעם חתנס פאטער איז דער

ערשטער

עֶרְשְׁטֶער מְלַמֵד אִין שְׁטָאט. דְרִיטֶענְס... דְרִיטֶענְס... זֵיי זַיינֶען אַ בִּיסֶעל אִין מַעֲמַד אוֹיךְ, נוּ וָואס – עֶס גֶעפֶעלְט דִיר?

– אָבֶּער – הָאט שְׁמוּאֵל אָנְגֶעהֵייבֶּען שְׁטַאמְלֶען – צוּ וֶועלְלֶען זֵיי זִיךְ וֶועלְלֶען, מִיט מִיר מִתְחַתֵּן זַיין? וָואלְלְט נָאךְ מַיין טַאטֶע, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, גֶעלֶעבְּט, דֶענְסְטְמָאל אִיז אַ-נְ-אַנְדֶער זַאךְ, נוּר אִיהְר ווייסְט דָאךְ אַלֵיין: אִיךְ בִּין אַ לַאטוּטְנִיק, אָן וָואס וֶועלֶען זֵיי זִיךְ דָא אָנְהַאפֶּען? חוּץ דֶעם, הָאבּ אִיךְ דָאךְ קֵיין נַדַן אוֹיךְ נִיט, אִיהְר פֶערְשְׁטֵעהְט?

– וֶועגֶען זֵיי זָאלְסְט דוּ נִיט דַאֲגָה'ן, אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין לֶעבֶּען שׁוֹין נִיט אֵיין שִׁידוּךְ אוֹיסְגֶעפִיהְרְט, אוּנ אִיךְ הָאף צוּ גָאטְט, אַז אִיךְ וֶועל דֶעם שִׁידוּךְ אוֹיךְ אוֹיסְפִיהְרֶען, אוּנ דָא וֶועל אִיךְ נָאךְ לֵייגֶען מֶעהְר סְטַארַאנְיֶע. שָׂרָה אִיז דָאךְ מִיר נִיט קֵיין פְּרֶעמְדֶע, נִיט אוּמְזִיסְט הָאט זִיא מִיר דִיא פָּארִינֶע וָואךְ אוֹיפְגֶענֵאהְט אַ-נְ-אַרְבַּע כַּנְפוֹת, אִיךְ הָאבּ אִיהְר צוּגֶעזָאגְט דֶער פַאר אַ גוּטֶען חָתָן אוּנ אִיךְ דַארְף הַאלְטֶען וָוארְט.

אִיךְ קֶען זַיין פָּאטֶער?

– ווִי דַיינֶע אֵיינֶענֶע 5 פִינְגֶער, קֶענְסְט אֶלִיהֶצֶע דֶעם מְלַמֵד? נוּ אִיז דָאס מִיט זַיין בָּחוּר'ל משֶׁה'לֶע.

– וָואס רֶעדְט אִיהְר! צוּ וֶועלְלֶען זֵיי אָבֶּער וֶועלֶען?

– זַיי דָאךְ נִיט קֵיין קִינְד, דָאס אִיז שׁוֹין מַיין זַאךְ.

אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג הֶערוּם אִיז וָואלְף גֶעקוּמֶען מִיט אַ יְדִיעָה, אַז אֶלִיהֶצֶע אִיז מְרוּצֶה, אוּנ עֶר זָאגְט צוּ 30 רוּבִּיל מִיט 3 יָאהְר קֶעסְט, שְׁמוּאֵל אִיז גִיוֶועשְׁ אוֹיפְ'ן 7-טֶען הִימֶעל פַאר גְלִיק. צוּ גֶעפֶעלְט דֶער חָתָן שָׂרָה'ן, וֶועגֶען דֶעם הָאט קֵיינֶער גָאר נִיט גֶעקְלֶערְט, אוּנ בֶּאֱמֶת וָואס אִיז דָא גֶעוֶועזֶען צוּ קְלֶערֶען? שְׁמוּאֵל'ן גֶעפֶעלְט דָאךְ אֶלִיהֶצֶע דֶער מְלַמֵד, אִין דֶעם חָתָנְס יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז אוֹיךְ קֵיין שׁוּם סָפֵק נִיט דָא, אוּנ סוֹף כָּל סוֹף דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְרֵייעֶן, וָואס שָׂרָה וֶועט נִיט פַארְזֶעסֶען וֶוערֶען אַ מֵיידִיל. אוּנ וָואלְף הָאט טַאקִי אַזוֹי גִיזָאגְט אַז שָׂרָה קֶען זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוֹיף אִיהְם אוּנ אוֹיפְ'ן פָּאטֶער. זֵיי ווִינְשֶׁען אִיהְר גִיווּיס קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס נִיט.

דִי כַּלָה אַלֵיין הָאט זִיךְ אַזוֹי בֶּעטְרַאכְט: – אִיךְ דַארְף דָאךְ וֶוען עֶס אִיז חַתוּנָה הָאבֶּען, נוּ אִיז נִיט אַלְץ אֵיינְס דֶער צוּ יֶענֶער? אִיךְ וֶועל נָאךְ גֵעהְ'ן אוֹיסְקְלַייבֶּען? אַזוֹי ווִי אִיךְ וָואלְט עֶפֶּעס גִיוֶועזֶען אַ וַואזְשְׁנֶע אַסָאבֶּע מִיט אַ פוּלֶע נַדַן! נִיט דָא זִיךְ, וָואס גְרוֹיס צוּ הַאלְטֶען, אִיךְ בִּין שׁוֹין, אַ דַאנְק גָאטְט 21 יָאר. נוּר אֵיין לֵאָה אִיז גִיוֶועזֶען טְרוֹיֶערִיג. אוֹיף תְּנָאִים הָאט זִיא גִיזָאגְט צוּ הִיעֶנֶען:

– מִיר גִיפֶּעלְט נִיט שָׂרָה'ס חָתָן: עֶר זֶעהְט אוֹיס מֶעהְר וִוי אַ קַאלְבּ אֵיידֶער וִויא אַ מֶענְשׁ.

– פַאר וָואס זָאגְסְט דוּ דָאס נִיט דֶעם טַאטֶען? הָאט גִיפְרֶעגְט חַיֶיענֶע דֶערְשְׁרָאקֶען.

– וַוייל מֶען וֶועט אוּנְז נִיט פָאלְגֶען, הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט לֵאָה.

# ד.

## דֶערְשְׁלָאגֶען.

ר' אֶלְיָהצֶע אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, אֵיינֶער פוּן דִי בֶּערִימְטֶע דֶערְצוּ אַ הֵייסֶער, בְּרֶענֶענְדִינֶער חָסִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען נִיט זֶעהְר קְלוּג, נוּר פוּן אַ מְלַמֵד פָאדֶערְט זִיךְ מֶעהְר נִיט. דָאס שְׁפְּרִיכְוָוארְט „קְנֶעלֶען אוּנ שְׁטַארְבֶּען פַארְזַאמְט מֶען נִיט,“ בֶּעוַוייזְט, אַז דֶער וֶועלְכֶער נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ זַיין אַ עֶרְצִיהֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דַארְף אַזוֹי פִיל קֶענֶען, אַקוּרַאט וִויפִיל אַ קְרַאנְקֶער דַארְף הָאבֶּען קֶענְטֶענִיס צוּ שְׁטַארְבֶּען, אוּנ אַזוֹי הָאט זִיךְ ר' אֶלְיָהצֶע גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ גוּטֶען מְלַמֵד אוּנ אַ גוּטֶען חָסִיד, פַאר אַנְדֶערֶע אִיז דָאס אַ צְוַוייטֶענְדִיגֶער טְשִׁין – פַאר אַנְדֶערֶע אַ צְוַוייטֶענְדִיגֶע צָרָה. דֶערְצוּ פְלֶעגְט עֶר נָאךְ, יוֹם-טוֹבִים-צַייט, אוּנְטֶערְמִישֶׁען זִיךְ אִין שַׁדְכָנוּת. פֶערְשְׁטֵעהְט זִיךְ אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע זַיין גְלַייכֶען: צוּנוֹיפְפִיהְרֶען אַ וַואנְד מִיט אַ וַואנְד. אַלֵיין אִיז עֶר גִיוֶוען אַ מְשַׁאחָטָאשְׁנִיק, הָאט גֶעשְׁפּוֹיגֶען מִיט בְּלוּט, אוּנ וִוי אַלֶע קְרַאנְקֶע אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ בֵּייזֶער אוּנ אַ-נְ-עַקְשָׁן. זַיין וַוייבּ מַלְכָּה, אַ נִידֶערִיגֶע אִידֶענֶע מִיט אַגְרָאבֶּען נָאז הָאט הֶערוּמְגֶעטְרָאגֶען פֶּערְקוֹיפֶען אֵייעֶר מִיט הִינֶער, אָבְּפְרִירֶענְדִיג אַגַאנְצֶען טָאג אָדֶער אוֹיסְבַּאקֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְ'ן זוּנְן, אָדֶער דוּרְכְגֶעוַוייקְט וֶוערֶענְדִיג בִּיז דִי בֵּיינֶער אוּנְטֶער'ן רֶעגֶען, הָאט זִי נִיט גֶעקֶענְט זִיךְ נִיט זִידְלֶען אוּנ נִיט שְׁרַייֶען בְּעֵת זִיא אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים – זִי הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְגִיסֶען אִיהְר שְׁוֶוער בִּיטֶער גֶעמִיטְה. מֹשֶׁה'לֶע אִיז גִיוֶוען בַּיי ר' אֶלְיָהצֶען דֶער פִירְטֶער, אוּנ חוּץ אִיהְם אִיז גֶעוֶוען נָאךְ 8 קִינְדֶער. אַ דַארִינְקֶער, אַ שְׁוַוארְצִינְקֶער – דֶער נָאז אַזוֹי וִוי אַיין אַרְבֶּעסִיל צוּ גִיקְלֶעפְּט צוּם גֶעזִיכְט, מוּטְנֶע דֶער שְׁרָאקֶענֶע אוֹיגֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען, אַז מֶען אִיז צוּ אִיהְם צוּגֶעוָואהְנְט גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעוִויזֶען גָאר נִיט מִיאוּס. מֹשֶׁה הָאט גֶעלֶערֶענְט בַּיים פָאטֶער. ר' אֶלְיָהצֶע, אִיז גִיוֶוען אַ הִיבְּשֶׁער נַאר: כְּדֵי לַייט זָאלֶען נִיט מֵיינֶען, אַז עֶר שְׁלָאגְט נוּר פְרֶעמְדֶע קִינְדֶער, אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶענֶע שַׁאנֶעוֶועט עֶר, הָאט עֶר גֶעפַּיינִיגְט זַיין זוּהְן מֶעהְר וִוי אַלֶע תַּלְמִידִים, אוֹיף אִיהְם פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְלָאזֶען דֶעם כַּעַס פוּן אַלְץ. אֲפִילוּ פוּן דֶעם, וָואס אִיהְם ר' אֶלְיָהצֶען, הָאט אַ גַאנְצֶע שָׁעָה גֶעשְׁטִיקְט דֶער הוּסְט אוּנ הָאט אִיהְם נִיט גֶעלָאזֶען חַאפֶּען דֶעם אָטֶעם. מֹשֶׁה אִיז שׁוֹין גֶעוָואהְנְט

גֶעװֶען, צוּ פֶערְלַיידֶען דִי קְלֶאפּ. אוּנְטֶערְשְׁטֶעלֶענְדִיג דֶעם רוּקֶען הָאט עֶר תַּמְװאַטֶע גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן פָאטֶער בְּעֵת יֶענֶער הָאט אִיהְם גֶעשְׁלָאגֶען, דִי מוּטֶער פְלֶעגְט נָאךְ דֶערְגִיסֶען אִיהְר חֵלֶק אִין דֶעם זוּהְנְס בִּיטֶערֶען בֶּעכֶער. דִי לֵיצָנוֹת פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע חֲבֵרִים, װֶעלְכֶע הָאבִּין קֵיין מוֹרָא נִיט גִיהַאט, אִיהְם צוּ יָאגֶען װִי אַ הָאז, װַייל זֵיי הָאבִּין גֶעװאוּסְט, אַז אֶלִיהֶצֶע װֶעט זִיךְ פַאר'ן זוּהְן נִיט אָנְנֶעהְמֶען, דִי בֶּעלֵיידִיגוּנְג פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ שְׁװֶעסְטֶער, – הָאבֶּען גֶעמַאכְט, דָאס מֹשֶׁה'לֶע אִיז גֶעװֶען אַיינְגֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶר אִיז נִידֶערִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען, אַז יֶעדֶערֶער הָאט פְרַאװ טְרֶעטֶען אִיהְם אִין בְּלָאטֶע אוּנְד עֶר הָאט קֵיין פְרַאװ נִיט צוּ פְּרָאטֶעסְטִירֶען, רֶעכֶענְדִיג זִיךְ פַאר אַ נַארְר הָאט עֶר אַלֶעמֶען גֶעהַאלְטֶען קְלִינֶער פַאר זִיךְ, אוּנ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט זָאגֶען װֶעמֶען עֶס אִיז אֵיין װָארְט אַנְטְקֶעגֶען, צוּ אַלֶעם דֶעם הָאבֶּען אִיהְם דִי קְלֶעפּ גֶעמַאכְט פַאר אַ קְרַאנְקֶען: דֶער פָּנִים אִיז בַּיי אִיהְם גֶעװֶען „אַיין אוֹיסְגֶעװֵייקְטֶער,“ װִי מֶען זָאגְט, עֶר אִיז אָפְּט גֶעװֶען אַ יַאדִישְׁלִיװֶער, הָאט אָפְט גֶעפִיהְלְט אַ װֶעהְטָאג אִין בְּרוּסְט אוּנ אַ שְׁטֶעכֶענֶעס אִין זַייט, נוּר אֶלִיהֶצֶע הָאט אוֹיסְגֶעפִיהְרְט, װָאס עֶר הָאט גֶעװָאלְט: לֶערְנֶענְדִיג מִיט דֶעם זוּהְן אַ גַאנְצֶען טָאג אִין חֵדֶר צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, נַאכְהֶער בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט בֶּעזוּנְדֶער, הָאט עֶר אִיהְם הֶערַיינְגֶעשְׁלָאגֶען דִי תּוֹרָה אִין קָאפּ. מֹשֶׁה הָאט פָאלְקָאם עֶרְלֶערֶענְט דִי קֶענְטֶענִים פוּן חֵדֶר.

אָט מִיט אַזַא מֶענְשֶׁען הָאט שָׂרָה גֶעדַארְפְט אָבְּלֶעבֶען דִי בֶּעסְטֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען, פוּן אַזוֹי אַ מֶענְשֶׁען הָאט זִי גֶעדַארְפְט עֶרְװַארְטֶען, װִי אַלֶע מֵיידְלִיךְ עֶרְװַארְטֶען... דֶעם גְלִיק!.. אוּנ זִיא הָאט זִיךְ טַאקֶע עֶרְוַוארְט...

## ה.

## די גָאלְדֶענֶע חֳדָשִׁים.

אוֹיף תְּנָאִים זַיינֶען גֶעװֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען גֶעבֶּעטֶענֶע, חָאלְף אוּנ דִי מְחוּתָּנִים. מֶען הָאט גִינוּמֶען 2 פְלֶעשְׁלִיךְ בְּרַאנְפִין מִיט אַ לֶעקַאךְ, נָאכִין לֵייעֶנֶען דִי תְּנָאִים הָאט מֶען צֶעבְרָאכֶען אַטָאפּ.

אוּמֶעטוּם צֶערְבְּרֶעכְט מֶען װָאס עֶס אִיז אוֹיף תְּנָאִים, אוּמֶעטוּם דֶערְלַאנְגְט דֶער כַּלָּה בַּיים טְרַאסְק פוּן דִי צֶערְבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי אַ טְיָאכֶקֶע אִין הַארְצֶען, נוּר פֶערְשֵׁיידֶענֶע גֶעפִיהְלֶען בֶּעװֶעגֶען דַאן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְפְטִיגֶע פְרוֹיֶען אוּנ מוּטֶערְס. בַּיי דֶעם בַּאנְקִיעֶרְס טָאכְטֶער אִיז תְּנָאִים מִיט דֶעם בֶּעװאוּסְטֶען פָּאדְרַיַאטְשִׁיקְס אַ זוּהְן, מֶען הָאט צֶערְבְּרָאכֶען אַ שֵׁיינֶע יַאפָּאנִישֶׁע װַאזֶע. „אַה! אִיךְ גֵעה יֶעצְט אִיבֶּער אַ גְלֶענְצֶענְדֶע װֶעג צוּם גְלִיק! בַּאלְד װֶעל אִיךְ װֶערֶען אַ װֶעלְטְהֶערְשֶׁערִן, אוּמֶעטוּם װֶעל אִיךְ גְלַאנְצֶען אוּנ עֶרְװֶעקֶען קִנְאָה!“ טְרְרַאח!!

הערט זיך אין הויז פון א אויפגעקומענעם חסיד, וועלכער האט געקויפט פאר זיין טאכטער — א דאקטאר פאר עטליכע צעהנדליג טויזינד רוביל. ביי דער כלה האט זיך א טרייסיל געטאהן די הארץ: „באלד וועל איך זיין א דאקטערשע, די פרוי פון א געבילדעטען, גרויסען מענשען...

ביי שמואל'ן לאטוטניק אין שטיבעל האט מאן צערבראכען א צערשפאלטענעם טעפיל. דעם לאטוטניקס טאכטער נעהמט א קראנקען פארשלאגענעם אָרעמען בחור. ביי די כלה האט א טיאכקע געטהאן אין הארצען: „צו וועט זיין וואס צו עסען נאך דער חתונה, אדער עס וועט אויסקומען, ווי פריהער, לעבען האלב הונגעריג און שטענדיג שטרייטען מיט דחקות און נויטה?"

אפילו אין דער גאלדענער צייט פון דער יוגענד, אין די גליקליכסטע טאג פאר יעדער מיידיל — צווישען די תנאים און דער חתונה — איז שרה'ן אויך ניט געווען יום-טוב'דיג אויפ'ן הארצען. אמת, זיא האט דעם פאטער גאר ניט גערעדט קעגען דעם שדוך, און זי וואלט געוויס ניט געוואוסט וואס צו ריידען, נור דאך האט די יונגע מיידיל געדריקט עפעס א קאשמאר: זי האט אפט געוויינט און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זי האט איצטער געארבייט מעהר ווי אללע מאל, פלעגט זי דאך ביז האלבע נאכט ניט קענען איינשלאפען.

אין דרייא חדשים הערום איז ביי שרה'ן געווען חתונה: 3 טעג האט זיא פארגאסען ביטערע טרעהרען, די 3 פרייליכסטע, גליקליכסטע טאג. פארוואס? האט מאן איהר דענן צושיידט מיט דעם געליבטען? האט מאן איהר דענן מיט געוואלד געפיהרט צו דער חופה? האט זי דענן געזשאלעוועט איהר ליכטיגע מיידיל-צייט? נור ווער ווייס וואס עס טהוט זיך ביי א מיידיל אין הארצען, פאר וואס איהרע אויגען ווערען פולל מיט טרערען?

די ערשטע צייט נאך דער חתונה — די גאלדענע חדשים — האט שרה געקוקט אויף משה'ן ווי אויף א פרעמדען, זי האט ניט געקאנט געוואהנט ווערען צו דעם געדאנקען, אז אט דער דארינקער, אראבגעפאלענער יונגער מאנטשיק — איז איהר מאנן. פון אנפאנג האט איהר שטארק געגומטען ביים הארצען, קוקענדיג, ווי מען בעגעהט זיך מיט איהם אין שטוב, ווי יעדערער האט מיט איהם געקאמאנדעוועט ווי מיט א קנעכט, און בעליידיגט גאר אומזיסט. זי איז גיווען אין כעס אויף משה'ן, פאר וואס איהם ארט דאס ניט, זי האט געפראבירט, אליין זיך אננעמען פאר איהם, נור עס האט ווייניג געהאלפען. עס זיינען אוועק עטליכע חדשים, און זי האט זיך גענוג אנגעהערט די זלזולים, וועלכע האבען זיך געשאטען אויף איהר מאנעלע, און זיא איז געוואהנט געווארען צו דעם ארט לעבען. איהר האט זיך שוין ניט אזוי שטארק געווארפען אין די אויגען, ווי מאן טרייבט הערום דעם מאן, זי האט ביסליכווייס שוין אליין אויך איהם

אנגעהויבען

אנגעהויבען טאטשען און זידלען, זי האט זיך די קונטס אויסגילערינט פון דער שוויגער, ביי וועלכער א העלפט ווערטער איז בעשטאנען פון זידלערייא.

באלד נאך דער חתונה האט ר' אליהצע אנגעקליבען פאר'ן זוה'ן תלמידים אוי ף 50 רוביל א זמן, און שרה האט געעפענט א קרעמעל. די ערשטע 2 זמנים האבען זיי געלעבט ניט שלעכט, ביי פארטיגע קעסט; אויפ'ן דריטען האט זיך זייער לאגע מיט אמאל אין גאנצען אומגעביטען: ר' אליהצע, וועלכער איז שוין געוועזן, בעת דעם זוהנס חתונה, אין א האפענונגסלאזען צושטאנד, האט אוועקגעווארפען קנעלען און איז שוין מער ניט הערונטער פון בעט. משה האט אהן דעם פאטערס הילף פארלארען כמעט אללע תלמידים. צו ר' אליהצע אין שטוב האט זיך אריין געהאפט דער נויטה מיט זיינע שארפע צייהנער און האט זיך דארט בעזעצט אין גאנצען. ער — דער נויטה — האט אנגערייצט די עלטערין אויף די יונגע פאר פאלק, און מאן האט אויף זיי גענומען קוקען מיט אנדערע אויגען. עס געהען אריבער חדשים, עס קומט די צייט ווען ר' אליהצע פלעגט שטענדיג נעמען שכר למוד, און היינט איז פון שכר למוד קיין זכר ניט דא: מלכה איז געווארען שרעקליך בייז, און האט גענומען ווארטשען אויף די איבעריגע פאר פאלק: זיא האט זיך שוין געקלאגט פאר אלע שכנות, אז משה מיט שרה'ן האבען זיך איהר אנגיזעצט אויפ'ן קארק, זי האט אליין אויך קליינע קינדער, וועלכע זי דארף שפייזען: לסוף האט זי גיגעבען די פאר פאלק דייטליך צו פערשטעהן, אז זיא קען ניט און וויל זיי ניט שפייזען. —

ביי אזא יקרות — פלעגט זי טענה'ן — דארף איך אלץ איינע אליין אנגרייטען: ברויט און צום ברויט פאר אזוי פיל מייל ער, פארדארט זאלען זיי ווערען, רבש"ע פאר דער צייט! — צו ליב זיי דארף איך זיך מאטערין ווי א פיש אין וואסער, דארף אלץ דאקאזשען, אלץ געבען אללעמען, און זיי — דער שטיקט זאלען זיי ווערען מיט מיין גוטס! — טוהען נור און פרעסען מיר אב די קאפ!

משה פלעגט אוועק געבען די מוטער זיינע שכר למוד, שרה פלעגט געבען 2 רוביל א חודש פון קרעמיל, נור מלכה האט אלץ ניט אויפגיהערט אנצופאלען אויף די „פרעסער", צום סוף איז אזוי ווייט געקומען, אז יעדער ביסען, וועלכען זיי פלעגען אויפעסען, איז גיוועזן צוגעריכט מיט קללות און זלזולים.

משה האט זיך אבגישטעלט ביי זיין געוועהנליכער רוהיגקייט, צו אזעלכע בעהאנדלונגען איז ער געוועזן געוואהנט. ביי איהם איז ניט איבערגיבליבען אפילו א סימן פון זיין אייגענעם „איך," נור שרה'ן איז זעהר שווער געוועזן, צו פערטראגען איהר לאגע, חאטש ביים פאטער האט זי אויך קיין האניג ניט געלעקט, נור דארטין האט קיינער איהר לכל הפחות ניט געציילט דעם ביסען אין מויל. וואלט זי חאטש געהאט א שטיקעלע האפענונג, אז זיא וועט ווי עס איז

קֶענֶען פֶערְדִיעֶנֶען דֶעם שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, אָבְּטְהֵיילֶענְדִיג זִיךְ פוּן שְׁוֶוער אוּנ שְׁווִיגֶער, וָואלְט זִי דָא אַ מִינוּט מֶעהְר נִיט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם גֶעבֶּעטֶעלְטֶען בְּרוֹיט... נָאךְ הוּנְדֶערְט מָאל עֶרְגֶער ווִי גֶעבֶּעטֶעלְטֶען! אוּנ אִין אַזוֹי אַ לַאנְגֶע קוּמְט אִיר אוֹיס צוּ וֶוערֶען אַ מוּטֶער! סַיידֶען בֶּעטֶען הִיכְף בַּיים פָאטֶער... גָאט מַיינֶער! וָואס פַאר אַ נַארִישְׁקֵייט עֶס פַאלֶען הֶערַיין אִין מֹחַ בְּשַׁעַת מֶען אִיז אִין אַ נוֹיטְה! נַיין, מֶען מוּז אִיבֶּערְוַוארְטֶען דִי נוֹטֶע צַייט פוּן קִינְדְבֶּעט אוּנ נַאכְדֶעם – זָאל אֲפִילוּ נִיט זַיין אוֹיפ'ן עֶרְשְׁטֶען וַוארְמֶעס – מוּז מֶען זִיךְ אִיבֶּערְקְלַייבֶּען פוּן דֶער גְזַלְנְ'טֶע, דִי שְׁווִיגֶער.

אַמָאל, אַז מַלְכָּה'ן אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיקוּמֶען זֶעהְר עֶנְג, אַז זִי הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט אוֹיסְהַאלְטֶען, הָאט זִי גֶענוּמֶען גְרִיזֶען שָׂרָה'ן.

פְּרִיצְטֶע מַיינֶע! קְרַאנְק בִּיסְט דוּ גֶעוֶוען, אוֹיסְצוּקָאכֶען דֶעם וַוארְמֶעס, וֶועלְכֶען אִיהְר אַלֵיין וֶועט דָאךְ אוֹיפְפְרֶעסֶען?

– וֶוער זְשֶׁע דֶען הָאט גֶעקָאכְט, אַז נִיט אִיךְ? הָאט גֶעפְרֶעגְט שָׂרָה.

– וואוֹיל הָאסְט דוּ אוֹיסְגִיקָאכְט, נִיט דָא וָואס צוּ רֵיידֶען! אוֹיף דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס הֲתוּנוֹת זָאל מֶען דֶערְלַאנְגֶען אַזֶעלְכֶע וַוארְמֶעס!.. הְם – עֶס אִיז דָאךְ מֶעהְר נִיט ווִי אַ גֶעלֶעכְטֶער! אוֹיס גֶעזָאדֶען בִּיז'ן דֶעק, עֶס זָאל דָאס חָאטְשׁ בְּלַייבֶּען אַ סִמָן! נוּר וָואס הַארְט דָאס זֵיי, אַז אִיךְ וֶועל נִיט הָאבֶּען וָואס צוּ עֶסֶען? זֵיי הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אַ וַדַאי גוּט אָנְגֶעפְרֶעסֶען. פַאר זֵיי הָאט גֶעקְלֶעקְט! אַקוּרַאט ווִי זֵיי וָואלְטֶן פֶערְדִינְט דֶעם וַוארְמֶעס!

– וָואס הֵייסְט מִיר הָאבֶּען נִיט פֶערְדִינְט? וָואס משֶׁה פֶערְדִינְט פוּן דִי מְלַמְדוּת גִיט עֶר דָאךְ אַייךְ אָב; אוּנ אִיךְ גִיב אוֹיךְ 2 רוּבֵּל אַ חֹדֶשׁ פוּן קְרָאם.

– הַא, הַא, הַא! נוּ, הָאבּ אִיךְ עֶפֶּעס צוּ אִיהְר! זִי בֶּעצָאהְלְט פַאר אִיהְרֶע קֶעסְט! 4 רוּבִּיל אַ חֹדֶשׁ! וָואס דַארְף מֶען מֶעהְר? דָאס אִיז נָאךְ דֶען ווִינְצִיג? דָאס אִיז נָאךְ ווִינְצִיג, אָנְצוּקָארְמֶענֶען אַזֶעלְכֶע בְּלוּטְזֵייגֶער? אוּם-ם-ם מְכַשֵּׁפָה!

שָׂרָה אִיז הֶערַיינְגֶעקוּמֶען אִין כַּעַס.

– אָבֶּער אִיהְר הָאט דָאךְ מִיר גֶעגֶעבֶּען אַייֶער זוּה'ן פַאר אַ מַאן, אוּנ אַייֶער זוּה'ן קֶען מֶעהְר נִיט פֶערְדִינֶען!

– אִיהְר הֶערְט! מֶען הָאט אִיהְר נֶעבַּאךְ גָאר אָבְּגֶענַארְט – אַ גֶעלֶעכְטֶער צוּ זָאגִין! מֶען הָאט גָאר נִיט גֶעקֶענְט בֶּעקוּמֶען דֶעם אוֹצָר, דִי פַּארְשׁוֹין! מִיר הָאבִּין זִיךְ דֶערְשְׁלָאגֶען דֶעם כָּבוֹד צוּ וֶוערְ'ן מְחוּתָּנִים מִיט שְׁמוּאֵל לַאטוּטְנִיקְס טָאכְטֶער, אוּנ אַ סַךְ נַדָן הָאט דִיר דַיין טַאטֶע גֶעגֶעבִּין, נִיט דָא וָואס צוּ זָאגֶען... נוּר זָאל שׁוֹין זַיין, ווִי דוּ זָאגְסְט: מֶען הָאט דִיר אָבְּגֶענַארְט, מֶען הָאט דִיר גֶעגֶעבִּין אַ מַאן אַ גַארְנִישְׁט. טָא וָואס זְשֶׁע ווִילְט אִיהְר פוּן מִיר? וָואס הָאט אִיהְר זִיךְ אָנְגִיזֶעצְט אוֹיף מַיין קַארְק?! אִיךְ קֶען אָבֶּער נִיט, אִיךְ קֶען נִיט! אִיךְ הָאבּ אוֹיפְ'ן קַארְק

נאך

נאך קינדער, זאלען געזונד זיין. משה איז בייא מיר קיין בן-יחיד ניט, דיא אויגען זיינען ביי אייך, דוכט זיך, ניט הערויסגעקראכען, איהר זעהט גאנץ גוט, אז איך מאטער זיך, ווי פאר'ן טויט, אז איך האב מיט מיינע קליינע קינדער אליין ניט וואס צו עסען, אז אליה, ניט גענוג, וואס ער פארדינט ניט, דארף ער נאך האבען וויגאדע אויך! אייך ווילט זיך, איך זאל איהם לאזען שטארבען אונ קארמענען אייך! געהט זיך, געהט!

– וואוהין זאל איך געהן? מיט וועמען זאל איך...

די טרערען, וועלכע שרה האט לאנג געשטיקט אין זיך, האבען זיך הערויסגעריסען אויף דרויסען, האבען זיך געגאסען טייכענוויים אונ פערשפארט ביי דער יונגע ווייבעל דעם אטהעם.

– איך בעט דיך: בעקלאג מיר ניט לעבעדיגערהייט. עס-עס! אויב דיר געלוסט זיך שטארק עסען מיין ברויט.

– אוי, ווי זיס ער איז מיר! האט שרה אויסגערעדט מיט א צובראכענער שטימע, אונ איז אוועק געגאנגען. מלכה איז געשטאנען לערך א מינוט פערקלערט.

– איהר איז אויך גוט!... האט זי געזאגט, אויסווישענדיג די אויגען מיט'ן קולאק.

## ו.

## ער שטייגט.

אין 2 חדשים הערום נאך דעם איבער ריידין זיך, האט שרה געבארען א יונגיל, אונ אין א קורצע צייט נאך קינדבעט האבען זיך די יונגע פאר פאלק איבערגיקליבען אויף א נייע דירה, די שוויגער האט זיי גיגעבען אביסיל ווירטשאפט, א קריגעל, א פאר ציגענע טעלער, א שיסעל, עטליכע טאפליך, א לאבען ברויט מיט זאלץ; שמואל האט זיי גיגעבען זיין ברכה אונ אט מיט דיא ביסעל גוטס האט שרה געדארפט, אין איין שאנעם מאי טאג ווערען פאר זיך א בעל הביתטע. דיעזע פערענדערונג אין איהר לעבען האט איהר מעהר געשראקען ווי געפרייט.

די פינסטערע געדאנקען, וועלכע האבען זיך איהר געדרעהט אין קאפ אונ ניט געוועלט אבטרעטען, אין יענע פרעהליכע מינוטען אויף איהר תנאים, בעת מאן האט צערבראכען דעם טאפ, – האבען איהר ערשט נאך מעהר געדרעהט דעם קאפ אונ שטארק געמאטערט.

מלכה איז אויך געווען אונרוהיג: פון וואנען וועלען זיי איצטער לעבען? ר' אליהצע איז גיווען ווי א צומישטער, אונ האט נאך שרעקליכער געשפויגען מיט בלוט. – „זאל איך אזוי פון קיין בייז ניט וויסען, ווי איך ווייס ניט פון

וואנען זיי קענען לעבען!" האט ער גיקלערט. „היינטיגען זמן האט ער דאך שוין גאר קיין תלמידים ניט, דער גולם!" איבעריגענס „עס קען זיין, אז זיי וועלען זיך ווי עס איז דורכלעבען, האט מלכה געפרוווט זיך טרייסטען: נאט שפייזט דאך א ווארם אונטערין שטיין, וועט ער זיי אויך מסתמא ניט פערלאזען.

זי האט אפילו גוט פערשטאנען אז שרה'ן מיט משה'ן איז שווער צו פערגלייכען צום ווארם אונטערין שטיין, נור זי האט ניט געקענט העלפען, ווייל זי איז שוין אזוי שטארק ארעם געווארען, אז זי האט אנגעהויבען צו פערקויפען און פערזעצען די נאטהיגסטע חפצים (מיט וועלכע עס זיינען אפט געווען פערבונדען די ליבסטע זכרונות), נור כדי צו ראטעווען איהר אליהצען. שמואל מיט די טאכטער זיינען אויך ניט וועניגער געווען פארזארגט, נור זיי האבען נאך וועניגער געקענט העלפען.

איין משה איז געבליבען קאלטבלוטיג. ער האט איבערראשט מיט זיין גלייכגילטיקייט בעת מען האט איהם חתונה געמאכט, ער האט איבעראשט מיט זיין גלייכגילטיקייט בעת ביי איהם איז געבארען געווארען א זוה'ן. איהם האט זיך געדוכט, אז ער האט ניט קיין פראוו ניט גלייכגילטיג צו זיין... ער, וועי איז ער דאס? איז ער דען אויך א מענש? עט! ער איז דאך נור אגולם...

דער טאטע האט איהם געהייסען אנטהאן שרה'ן א רינג אויפ'ן פינגער – האט ער אנגעטהאן; דער אונטערפיהרער האט איהם געדרעהט כשר-טאנץ – האט ער זיך געדרעהט; בעת שרה האט געהאט דעם ערשטען זוהן האט איהם דער טאטע גיהייסען מאכען די ברכה – האט ער געמאכט די ברכה; איצטער האט איהם שרה געהייסען טראגען די צינענע לעפיל מיט די טעלער אין דער נייע דירה, האט ער זיי אוועק געטראגען מיט אזוי אקאלטע צורת, אקוראט וויא ניט ער וואלט דאס הערויסגעגאנגען אין א נייע דירה, אקוראט ווי ער וואלט געטראגען ניט ז י י נ ע טעלער, נור פרעמדע, אמת, פיל מאל האט ער זיך געריסען, הערייצוווארפען זיין ווארט אויך, זאגען וואס עס איז, נור ער האט מורא גיהאט, מאן זאל איהם ניט אבטרייבען, ניט לאכען פון איהם, אדער מאן זאל איהם גאר פראסט ניט שלאגען, באלד נאכ'ן הערראבגעהען פון קעסט האט משה אנגעווארען נאך א תלמיד, און ער האט זיך אבגעשטעלט נור ביים לעצטען, פאר וועלכען ער האט גענומען 15 רובל א זמן.

שרה איז געזעסען אין קרעמיל און איז געגאנגען צו איין אנדער קרעמערקע צו זויגען א קינד פאר 50 קאפיקעס די וואך; נור אט איז געקומען דער אנדערער זמן: משה האט אנגעווארען דעם לעצטען תלמיד אויך. שרה האט שוין אויפגיהערט זויגען איהר זלמענען, און האט דארום שוין מעהר ניט געקענט צו זויגען קיין פרעמדע קינדער. עס איז אויסגעקומען נעהמען זיך צו דער קרעמיל

און

און אויפעסען דעם קאַפּיטאַל, און בּיי אַזוי אַ מַצָב איז שָׂרָה ווייטער פאַרגאַנגען אין טְרַאגען. —

„הער, וואס איך וועל דיר זאָגען“ האָט געזאָגט אַמָאל שְׁמוּאֵל הערײַנגעהענדיג צו מֹשֶׁה׳ן — הער, מיין קינד, מיר איז דאָס אֲפִילוּ שְׁווער, נור מַאן קאָן בּעסער ניט מאַכען. איהר זעהט דאָך אַלֵיין, אַז מעהר קאָן מַאן אַזוי ניט לֶעבען: קיין תַּלְמִידִים מאַכען זיך דיר ניט, די עטליכע גראָשין וואס זיינען געווען אין קראָם, זיינען שוין אויך אויסגעגאַנגען, וואָלט איך דיר איין עֵצָה געגעבען ווערען אַיין ערדגראַבּער. מיין פְּלִימִיאַניק, חַיִּים דָוִד, וועט דיר צו נעמען, עס פערשטעהט זיך, אַסאַך בּעסער וואָלט געווען, ווען מַאן וואָלט געקענט אויסקומען אָהן דעם. נור מַאן קאָן בּעסער ניט מאַכען, מִסְתָּמָא איז אַזוי בּעשערט.

מֹשֶׁה האָט זיך אַ בּיסעל פאַרוואונדערט. ווערען אַיין ערדגראַבּער... דאָס איז שווערער ווי צו זיין אַ מְלַמֵּד... ניט קיין אַיידעלע אַרבּעט... זיין פאַטער איז געווען ר׳ אֱלִיהֶצְע, אַ בַּעַל הַבַּיִת׳שער מְלַמֵּד. נור זאָגען וואס עס איז געגען דעם — האָט ער מוֹרָא געהאַט.

— אויב איהר הייסט, — האָט ער שְׁטִיל געענטפערט — וועל איך ווערען.

— איך הֵייס! צו דען קען איך הייסען? וואס בּין איך עפּעס אַ גרויסער חָכָם? מיר איז דען גרינג צו זאָגען: לייג אַוועק די תּוֹרָה — און געה ערד גראָבּען! ניין, איך גיב דיר נור איבּער לָאה-ס עֵצָה, דיין בַּעַל עֵצָה, דעם טאַטען דיינעם, האָסט דו אָנגעוואָרען (ר׳ אֱלִיהֶצְע איז מיט אַהאַלב יאָהר צוריק געשטאָרבּען); ער וואָלט דיר גיוויס ניט געלאָזען ווערען אַיין ערדגראַבּער... נור ווי קאָן מַאן דיר אַנדערש העלפען? דו זעהסט דאָך ווער איך בּין, אַ לאַטוּטְע, איך קען זיך אַליין אויך ניט העלפען; דער אַלטער האָט זיך שְׁיער ניט פאַרנאַנדערגיוויינט, מֹשֶׁה האָט אויף איהם געקוקט תְּמעוואַטְע.

— איז מיין עֵצָה — אָנקומען צו חַיִּים דָוִד׳ן; נור פריהער בּעטראַכט זיך גוט וועגען דעם.

— וואס? עס געפעללט דיר?

— עס געפעללט מיר... עס געפעלט מיר... איך ווייס ניט. איהר זאָגט איין ערדגראַבּער, זאָל זיין אַיין ערדגראַבּער, נור וואס וועט שָׂרָה דער צו זאָגען?

— שָׂרָה איז גיזעסען בּיי מיר; פערשטעהט זיך, עס איז ניקומען צו רייד וועגען דיר, איין גאָט ווייס אַז אַייער מַצָב געהט מיר איין מינוט פון זינען ניט הערוים. נו איז אונז הערויף אויפין רַעְיוֹן, דו זאָלסט ווערען אַיין ערדגראַבּער. לאה האָט גיטאָלקאָוועט מיט שָׂרָה׳ן 2 ווייגערנע שָׁעָה — זיי האָבּען זיך שְׁיער ניט צוקריגט — און צום סוֹף האָט זיא געזאָגט, אַז זי וועט אַליין הערײַנגעהן איבּעררעדען מיט דיר.

אויב שרה מיט לאה'ן הייסען – זאגען... אונ איהר זאגט אויך, טא אום וואס גייט עס?

– אבער איך קען דאך ניט די ארבייט, האט משה געזאגט, אויסשטעלענדיג אויפ'ן שווער זיינע האלב ערשראקענע אויגען.

– אויך מיר אוועדרע! א סך שכל דארף מאן דערצו האבען! חיים דוד וועט הייסען דוא זאלסט דאס אונ דאס.. דאס אונ דאס טאן – וועסט דו טהאן.

אזוי?... ער וועט הייסען... גוט. טו ווען זשע, ווען זשע וועל איך אנהייבען? האט זיך אבגערופען משה, אביסעל מוטהיגער, הערענדיג, אז ער וועט האבען ווער עס זאל איהם הייסען.

קום מארגען. איך וועל שוין איבערריידין מיט חיים דוד'ן. איהר וועט ביידע אבמאכען אונ איהר וועט געהען צו דער ארבייט, אונ אז דער אויבערשטער וועט העלפען, קענסט דו דאס דערנאך אוועק ווארפען.

אין א קורצע צייט הערום איז משה געגאנגען מיט חיים דוד'ן גראבען דעם פונדאמענט אין דער 13-טער הויז וואס עס האט געבויט איינער פון די N-ער גבירים.

חיים דוד האט די ערשטע צייט געצאלט משה'ן א רובל די וואך, אונ נאכהער האט ער צוגעזאגט 2, אויב ער וועט זיך פערבעסערען אין דער ארבעט.

## ז.

## דער ערשטער אורֹאק אין דער ארבעט.

חיים דוד איז געוועזען א יוד פון א יאהר 40, פון מיטעלער וואוקס, מיט רויטע באקען, מיט א רויטע א גראבע פאטיליצע, ער האט ליב געהאט פרעסען, זויפען, מיט איין ווארט, לעבען א גוטען טאג, וואס אזעלכע נפשות טרעפען זיך זעהער זעלטען צווישען יודען. ביי איהם האט קיין שום ווערדע ניט געהאט, פערטרינקען אויף איין מאל א פאר רובל.

הער נור, לעקיש איינער! – האט ער געזאגט צו משה'ן – דו הייבסט נאך ערשט אן צו ארבייטען; אויב דו ווילסט זיין א מענש ווי אללע, ד״ה, איין ארבייטער ווי גאט האט געבאטען, דארפסט דו פעררופען אונזער גאנצע קאמפאניע אין שיינק אונ בענעצען.

– איך פערשטעה...

נו אודאי, פאר וואס זאלסט דו דאס ניט פערשטעהען! דו ביסט נאך ביי דיין מאמען אין בויך געוועזען א חכם, א חכם פון חכם-לאנד! נו גיכער זשע, רופ זיי אלעמען אהער!

– אבער וואס זאל איך טאן? ר' חיים דוד, איך האב ביי זיך קיין געלד ניט. אפשר אראבכאפען זיך נעמען ביי דער ווייב אביסעל געלד? האט געענטווערט משה אומרוהיג.

– דו ביסט משוגע צו חסר דעה! ער וועט זיך אראבכאפען צו דער ווייב! נישטקשה, מאן וועט דיר דא אין שיינק בארגען.

– מאן קען דאך מיר דא ניט!

– „מאן קען איהם דא ניט" אויך א דאגה! האב ניט קיין מורא. איך וועל נור זאגען איין ווארט, וועט מאן דיר בארגען אפילו אויף 20 רובל, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מאן קען דיר דא ניט. מיר קען מאן! מיר, דאנקען גאטט, געטרויט מאן!...

– נו ניכער זשע, גיכער ריהר זיך! ווארף העראב פון זיך דעם לעקיש, די מלמדות!

די קאמפאניע איז בעשטאנען פון 9 מענשען, חוץ משה'ן מיט חיים דוד'ן.

– נו, וואס זאל מאן נעמען? האט געפרעגט חיים דוד ביי משה'ן.

– ווייס איך?... וואס איהר וועט הייסען...

– וואס איך וועל הייסען, ברודער, איך אליין קען דיר פערטרינקען 5 רובל!

– נור – וואס איז דא מיט דיר צו ריידען! ברידער – האט ער זיך געווענדעט צו דער קאמפאניע ארבייטער – איי ברידער, מאן דארף פון דעם מענשען הערונטערקראבען דעם לעקיש, מאן דארף איהם ארומשניצען, ארומפאליערען! נו, וואס זאל מאן פארט נעמען? זיין ערשטע וואך שכירות דארף מאן דאך געוויס פערטרינקען; סיי ווי אז ער וואלט געארבייט ביי איין אנדערן וואלט מאן איהם נאר נישט געצאהלט פאר דער ערשטער צייט. פייצע – האט ער געזאגט צו דער שיינקערין – שטעל 2 פלעשלאך בראנפען, אונ פאר די איבעריגע געלד פארבייסען – פלייש מיט קוכענס, זאלען אונזערע ברידער חאטש אויסשווענקען די העלזער. אין 2 מינוט הערום איז געשטאנען אויפ'ן טיש א פוסטע פלאש אונ א ליידיגער טעלער מיט גאפלען.

– פייצע, פארשרייב אויף דעם פריץ, אויף משה'ן, א רובל. מיר האבען ערשט, משה'נקע, פערטרונקען אויף דיין סטשאט א רובל: דאס איז אי באריש, אי אנקומען געלד, אי דער פאר, וואס מען וועט דיר ווייזען די ארבייט, אונ דער שווארץ יאהר ווייס נאך פאר וואס, ניט מיין אז דאס איז א פולע: לייטישע יונגע לייט לאזען דא איבער ביי דער צדקניות פייצען צו 3 רובל אונ נאך מעהרער. אט פרעג ביי זיי. ער האט געוויזען מיט'ן פינגער אויף די קאמפאניע ארבייטער.

– איך? וואס... וואס האב איך צו... איך גלויב... ווי דען, פערשטעהט זיך! האט געבעבעט משה, נור ביי איהם פון קאפ האט ניט אבגעטראטען

דער

דער רעיון: ווי זאגט מאן שרה'ן וועגען דעם רובל; זי וועט דאך שרייען „גוואלד“ א שרעק ווי זי וועט זיך זידלען! א קליינינקייט א רובל פארטרינקען... פאר די געלד האט מאן דאך געקענט א האלבע וואך לעבען.

חיים דוד האט איהם איבערגעשלאגען די געדאנקען.

קינד איינער! וועסט נאך זעה'ן ווי מאן הוליעט, וויפיל מאן פארטרינקט... איהר געדיינקט, ווי מיר האבען א מאהל זאלבע-דריט פערטרונקען 19 רובל? וואס רייד איך! דאס איז נאך גאר נישט! — חיים דוד האט זיך צוהיצט — איך וועל אייך בעסער דערצאהלען וואס מיט מיר איז געוועזען די פאריגע וואך: איהר וועט ניט גלויבען, אז מאן זאל קענען אזוי פיל אויסטרינקען! איך אליין — זאל איך אזוי זעהען מיינע קינדער געזונדערהייט — האב אויסגעטרונקען 3 פלאשען און פערביסען מיט נאך א קוואטירעל!

און בעת שלמה דער לאנגער איז אנגעקומען?...

מאן האט גענומען דערצעהלען מעשיות וועגען שכורים וועלכע קענען אויסטרינקען א ים. דאס איז געוועזען פאר משה'ן דער ערשטער אורק אין די ארבעט פון ערדנראבעריי.

# ח.

## ער מענטשעלט זיך.

די ערשטע וואכען פלעגט זיך משה אומקערען אהיים פון דער ארבייט קרעכצענדיג און זיפצענדיג: און עס איז ניט קיין וואונדער: מיט זיין שלאפען קערפערגעבייא איז געוועזען שרעקליך שווער צו שטעהן א גאנצען טאג אין קאנאווע און גראבען — בפרט נאך ווי ער איז ניט געוואוהנט געוועזען צו קיין קערפערליכע ארבעט, דערצו איז יעדע ארבייט נאך שווערער, ווען מאן האלט זי פאר אונפאסיג פאר זיך.

איין מאל קומענדיג א היים א פארסאפעטער, א פארמאטערטער, האט ער זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעט, האט געקרעכצעט און שיער ניט געוויינט.

— וואס קאמאנדעוועסט דו דא — האט אויף איהם שרה אנגעהויבען שרייען — איך פערשטעהע ניט! מיט וואס ביסט דו דאס בעסער פאר אנדערע ארבייטער? אללע אידען ארבייטען און די גאלד פאלט פון זיי ניט אב. אויפ'ן האנד בעטען זיי זיך ניט, און ער האט זיך דא אויסגעצויגען, און אט, ער פגר'ט שוין אוועק! קענסט ניט הארעווען, האסט דו ניט געדארפט חתונה האבען! די מינוט זאלסט דו מיר אויפשטעהען וועטשערע עססען!..

פון יענער צייט אן האט שוין משה מעהר ניט געסמייעט א קרעכץ טאהן.

די קאמפאניע ארבייטער האבען גלייך דערקאנט, וואס דאס איז פאר א פויגעל און האבען איהם גענומען רופען „משה'לע חכם".

– נו וואס, משה'לע חכם ? –פלעגט אפט ביי איהם פרעגען א בחור א שטיפער, און דערביי איהם מכבד זיין מיט א שנעל אין נאז אדער אויסשמירען איהם דעם פנים.

מעהר האט מאן ביי אונזער העלד נארנישט גענומען, דערפאר האט מאן מיט איהם געקאמאנדעוועט פיל מאן האט נור געוואלט. אזוי האט זיך געצויגען זיין נייער לעבען פון טאג צו טאג, פון יאהר צו יאהר. זומער גראבט ער ערד, ווינטער ברעכט ער פלאקס; אב ארבעטענדיג 7 יאהר, האט זיך משה בעדייטענד איבערגעביטען: ער איז געווארען שטארק און איז עפעס אזוי ווי אויסגעוואקסען. דאס ארבייטען און אויך דאס וואס די ארבעטער זיינען זיך מיט איהם פון דעסטוועגען בעגאנגען ווי מיט א שטיקעל מענשען – האט איהם צוגעגעבען א סך מוטה. אין שול האט ער שוין קיין מורא ניט געהאט, ווי פריהער, זאגען אמאל א וויטץ, ארייננווארפען א תורה-ווארטעל, זאגען א פשט'ל אין גמרא; בשתיקה פון דער ווייב האט ער אויפגעהערט שלאגען די קינדער, פערקעהרט, ער האט זיי אפט געקוסט און געגלעט, שרה איז זיך מיט איהם אויך איצט בעגאנגען א פולע ווייכער ווי א מאהל.

איצט, ווי אונזערע לעזער זיינען שוין בעקאנט מיט איינינע העלדען פון אונזער געשיכטע וועלען מיר זיך אומקעהרען צו שרה'ן, וועלכע טראגט דעם מאן ווארמעס, נור פריהער וועלען מיר א קוק טהאן, וואס טהוט משה און וואס הערט זיך מיט איהם.

## ט.

## ביי דער ארבייט, פערשאטען.

דער פאדריאדטשיק-לייב בערקין-האט זיך אנגענומען איבערסטרויען די גימנאזיע, דורכגראבען און איבערטינקעווען צו איהר א געמויערטען פארקאן, אונטער וועלכען עס האט אנגעהייבען דורכפלייצען וואסער. דער מייסטער איבער דער גאנצער ארבייט איז געוועזען שמעריל חלאפ ביי וועלכען אונזער בעקאנטער משה האט געארבייט.

די קאנאווע איז דורכגעגראבען גאנץ טיעף. מאן האט שוין דערלאנגט די וואנד, איצטער גראבט מאן אונטער איהר.

אין קאנאווע, וועלכע איז געווען א קלאפטער די טיף און צוויי קלאפטער די ברייט, זיינען געשטאנען 5 מענשען: שמעריל חלאפ, אלס אויפזעהער אויף

דִי אַרְבֶּעט, נֶעבֶּען אִיהְם מְשֻׁהְלֶע אוּנ אוֹיפְ'ן אַנְדֶער בְּרֶעגְ-קַאנַאוֶוע – אַ בֶּעיַאהְרֶעגְטֶער אִיד, מִיט אַ בָּחוּר פוּן אַ יָאהְר 18 אִין אַ רוֹיטֶע פֶּערֶקְעלַאוֶוע הֶעמְדִיל, הִינְטֶער זַיי הָאט אַ קְרִיסְט, אָנְשְׁפַּארֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְ'ן רִידֶעל, גֶערוֹיבֶערְט אַ לוּלְקֶע. שְׁטִיל, דִי אַרְבֶּעט גֶעהְט פָארְוֶוערְטְס. דֶער קְרִיסְט הָאט אוֹיסְגֶעטְרֵייסֶעלְט דִיא לוּלְקֶע, אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בּוּזֶען אוּנ הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען.

– וָואס הָאט דָא הַיינְט גֶעטָאן דֶער אַרְחִיטֶעקְט? הָאט דֶער בֶּעיַאהְרֶעגְטֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט שְׁמֶערְלֶען.

– עֶר אִיז דָא גֶעגַאנְגֶען מִיט לֵייבֶּען אוּנ הָאט בֶּעקוּקְט... עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען מַאכֶען פָאדְפָּארֶעס צוּם וַואנְד... עֶר זָאגְט: עֶס אִיז אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען אַיינְפַאלֶען, אוּנ בֶּאֱמֶת אִיז טַאקֶע נִיט זִיכֶער.

שְׁמֶערְל הָאט בַּיי דִי וֶוערְטֶער אַ קוּק גֶעטָאן אִין דֶער הוֹיךְ, דִי גְרָאבֶּע וַואנְד – אֶרְטֶער וַייס אַ צוּשְׁפָּאלְטֶענֶע, אִיז גֶעהַאנְגֶען בַּיי זַיי אִיבֶּער'ן קָאפּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעק אַ קוּק צוּ טָאן.

נוּ וָואס הָאט לֵייבֶּע גֶעאַנְטְוָוארְט?

– וָואס? דוּ קֶענְסְט נִיט לֵייבֶּען? בַּאלְד חַאפְּט עֶר דִיר מַאכֶען פָאדְפָּארֶעס!

– וֶועסְט זִיךְ דֶערְוַוארְטֶען! דָאס דַארְף קָאסְטֶען וֶוענִיגְסְטֶענְס 10 רוּבְּל אוּנ אִין גַאנְצֶען דַארְף מַאן נוּר אוֹיף אֵיין טָאג, לֵייבֶּע וֶועט זִיךְ נִיכֶער זֶעגֶענֶען מִיט'ן לֶעבֶּען, אֵיידֶער מִיט דֶער קָאפִּיקֶע.

– עֶס טוֹיג דָאךְ אָבֶּער נִיט אַזוֹי, דִי וַואנְד קֶען דָאךְ אוּנְז פֶערְשִׁיטֶען.

– אוּנ וָואס הַארְט דָאס לֵייבֶּען, אַז דוּ וֶועסְט גֶעהַרְגֶעט וֶוערֶען? אִיהְם וֶועט דֶער פוּן נִיט אָבְּקוּמֶען.

– אָבֶּער דֶער אַרְחִיטֶעקְט...

זָאל עֶר זִיךְ הֵייסֶען, אַפִילֶע הָאט לֵייבֶּע פַאר אִיהְם מוֹרָא! נוּר דֶערְוַויל זַיינֶען מִיר נָאךְ נִיט גֶעהַרְגֶ'ט גֶעוָוארֶען, דִי וַואנְד שְׁטֶעהְט נָאךְ, עֶס אִיז נָאךְ וַוייט דֶערְפוּן. אֵיידֶער דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְוַוארְטֶען פוּן לֵייבֶּען פָאדְפָּארֶעס, קֶען דֶער-וַוייל דֶער גַאנְצֶער לֶעבֶּען אַ וֶועק. – עֶר אִיז נֶעבַּאךְ אַיין אֶבְיוֹן: עֶר הָאט נִיט וואוּ צוּ נֶעמֶען 10 רוּבְּל אוֹיף פָאדְפָּארֶעס... מַאן זָאגְט, אַז עֶר שְׁטַייגְט פוּן טָאג אוּנ וַואקְסְט וִוי אוֹיף הֵייוֶוען. וִוי קְלֶערְסְט דוּ: פִיעֶל, וֶועט לֵייבֶּע פַארְדִינֶען אָן דֶעם דָאדְרַיאַד? 15 טוֹיזֶענְד רוּבְּל, זָאג אִיךְ דִיר, אוֹיף „טְרֵיפוֹת"! עֶר נֶעהְמְט 50 טוֹיזֶענְד אוּנ אִיהְם קָאסְט דָאס הַלְוָאִי 35 טוֹיזֶענְד אוּנ אֶפְשַׁר דָאס אוֹיךְ נִיט.

אַיי, אַיי, אַיי! הָאט גֶעשְׁרִיעֶן דֶער בָּחוּר אִין דֶער רוֹיטֶער הֶעמְדִיל – אָט דָאס אִיז אַ בִּיסֶעל אַ פֶערְדִינְסְט! 15 טוֹיזֶענְד אוֹיף אֵיין מָאל! עֶס אִיז טַאקֶע גְלַייךְ צוּ אוּנְזֶערֶע פַארְדִינְסְטֶען! וִויפִיל יָאהְר וָואלְט דָאס אוּנְז אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ גְרָאבֶּען דִי עֶרְד אוּם צוּ פֶערְדִינֶען 15 טוֹיזֶענְד רוּבְּל. אִיךְ בִּין אַ בַּעלְן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען.

עס

– עס איז ניט דא לאנג וואס צו רעכענען – האט געזאגט שמעריל, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א בעל חשבון. – עס איז א פראסטער רעכענונג: ווען דו וועסט אפילו נעמען צו 5 רובל א וואך און וועסט א גאנצען יאהר קלייבען, ניט פערטאן א קאפיקע, וועט דיר אויסקומען צו גראבען די ערד 3000 וואכען... קומט דאס אויס... דאס קומט אויס... 60 יאהר.

-- 60 יאהר! און ער פערדינט דאס אין א האלב יאהר!... אהא!

– וואס גלייכסט דו זיך צו זיי! רעכען דער פאר אויס, ווי פיל ער פארלעבט, ביי דיר געהט דאס ניט אוועק אין א יאהר פיל ביי איהם אין איין וואך.

– אט וואס פאר א קאפשטיק! ער פערלעבט! פערלעבען וואלט איך אויך קענען, וויפיל נור איהר ווילט!... זאגט מיר ר' שמעריל, ווער צאהלט דאס בערקינען די 50 טויזענד רובל?

ווער צאהלט? קאזנא! זיא דארף זיך בויען – נו, צאהלט זיא געלד פאר דעם איבערבויען.

– הערט וואס איך וועל ביי אייך פרעגען: פאר וואס קען דאס קאזנא ניט נעהמען די זעלביגע 50 טויזענד רובל און בעצאהלען אליין די ארבייטער, ניט דורך בערקינען, ער זאל פערדינען אן דעם 15 טויזענד רובל? קאזנא צאהלט דאך פאר'ן איבערבויען, טו וואס איז פאר א נפקא מנה: צו זיא וועט געבען די געלד בערקינען און ער די ארבייטער צו זיא וועט אליין געבען די ארבייטער אין האנד די געלד?

– און ווער וועט געהן זוכען ארבייטער? און ווער וועט אכטונג געבען, אז זיי זאלען ארבייטען? ווער וועט פון זיי צונעהמען די ארבעט? חכם איינער!..

– נו זאלען זיי אוועק שטעלען אויף דערויף איינעם אדער 2 מענשען. אז מאן זאל זייא אפילו צאהלען צו 100 רובל א חודש לאהנט דאך דאס אויך, דער בחור האט זיך צוקאכט.

– דו פערשטעהסט – האט געענטווערט שמעריל, גלעטענדיג זיין ברייטע געלע בארד, פאר קאזנא לאהנט דאס ניט, פון וואנען זאל זי וויסען וויפיל דו דארפסט נעמען א וואך? אז זי דארף צאהלען 50000 רובל פאר דער גאנצער גימנאזיע – פון וואנען וועט זי וויסען א וויפילט-חלק פון דער גאנצער ארבעט דו טהוסט אב אין א וואך? דערצו קען זיין, אז דאס דארף קאסטען מעהר ווי 50 טויזענד רובל, איצטער אז זי גיט אב א פאדריאד, ווייס זי צום ווייניגסטען, אז זי האט געפטרט איין עסק און גענוג.

– נו, האט געזאגט דער בחור, זיך פארטראכטענדיג און אנשפארענדיג זיך אויף דער לאפאטע, וועלכע ער האט אריינגעשטאכען אין דער ערד – זאלען 100 ארבייטער נעהמען דעם פאדריאד און ארבעטען צו זאמען, דערנאך וועלען

זייא

זייא זיך צוטהיילען מיט די געלד, פאר וואס טויג אזוי ניט?

– פארשטעהסט דו מיך: אז מאן טהוט ניט אזוי, מסתמא קען מאן דאך ניט.

– פארוואס אבער...

– פאר וואס, צו וואס, מיט וואס? האט דער בעיאהרענטער איד איהם מיט כעס איבערגעשלאגען. – שבת נאכען קוגעל, אז די קאפ וועט דיר זיין קלאר – וועסט דו דאמאלסט וועגען דעם ריידען און איצטער דארף מאן קאנטשען דעם ווינקעל און געהען עסען ווארמעס. ווי פריה איז דער זייגער ר' שמעריל, הא?

שמעריל האט א קוק געטאהן אויפ'ן הימעל.

– עס וועט שוין זיין 12 אדער מעהר.

– איהר וועט ניט גלויבען – האט ער זיך געווענדעט צו אלעמען – איך האב נאך פון 5 אין דער פריה א ביסען אין מויל ניט געהאט, חוץ א קווארטירעל בראנפען מיט א קוכעלע.

– אוזש פארא טאקי פאאביעדאטי, שמערקא! האט געזאגט דער קריסט, וועלכער האט די גאנצע צייט געשוויגען.

פאידיאם! וויפיאם טאזשע. קופיש? האט שמעריל געפרעגט.

– קופליו, קופליו; האט דער קריסט געענטווערט מיט כעס. אין עטליכע מינוט הערום זיינען זיי שוין אללע הערויסגעקראכען פון קאנאווע אויף דער ליכטיגער שיין.

משה האט זיך אליין אבגעשטעלט אין קאנאווע און האט פלייסיג הערויס־געווארפען לאפאטעס ערד פון אונטער די וואנד, וועלכע איז געהאנגען אויף משקלת.

פערטיפט אין זיינע גידאנקען האט ער ניט געהערט וואס זיינע חברים האבען דא צווישען זיך גערעדט וועגען בערקין מיט זיין פאדריאד.

– נו משה, פאר וואס געהסט דו ניט הערויס? האט געפרעגט שמעריל.

– משה האט זיך וויא פון שלאף אויפגעכאפט, ער האט געלאזען דיא לאפאטע שטעקען אין דער ערד, און האט אקוק געטאן אין דער הויך.

– פאר וואס געהסט דו ניט? האט שמעריל נאך אמאל געפרעגט.

– אט.. וואס וועל איך דארטין טהאן אין שיינק? קיין בראנפין טרינק איך ניט, און קיין אנבייסען האט מאן נאך ניט געבראכט, אגב וויל איך נאך ניט עסען.

– נו, אויב אזוי, דערגראב דעם ווינקעל און געה דערנאך אריין אין שיינקיל: איך וועל פאר דיר לאזען א ביסיל בראנפין.

– גוט, האט משה גיענטפערט.

זיי זיינען אללע אוועק און האבען איהם איבערגעלאזען אליין. ארום איז גיוועזען שטיל ווי אין א קבר. חשך, פינסטער, נאס.

מֹשֶׁה׳ן אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שׁוֹידֶער, עֶר הָאט גֶענוּמֶען גְרָאבֶּען, פֶּערְטִיפֶּענְדִיג זִיךְ וָואס וַוייטֶער מֶעהְר: עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט עֶר שְׁנֶעל אוּנ שְׁוַוייגֶענְדִיג גֶעגְרָאבֶּען. נוּר נַאכְהֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען גְרָאבֶּען לַאנְגְזָאמֶער, דֶער גְרָאבּאַייזֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט אַזוֹי טִיף אַרַיין גֶעשְׁנִיטֶען אִין דֶער עֶרְד. אוֹיף מֹשֶׁה׳לֶ׳ס שְׁטֶערְן הָאבֶּען זִיךְ בֶּעוַויזֶען עֶטְלִיכֶע קְנֵייצֶען, עֶס אִיז קֶענְטִיג גִיוֶוען, אַז עֶר גְרָאבְּט וִוי אַ תַּם, וִוי אַ מַאשִׁינֶע, אַז זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען יֶעצְט נִיט דָא, אָבֶּער גָאר אַנְדֶערְס וואוּ, פֶּערְטְרַאכְטֶערְהֵייט הָאט עֶר אַרַיינְגִישְׁטֶעלְט דִי לָאפִּיטֶע אִין דֶער עֶרְד אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיף אִיהְר אָנְגֶעשְׁפַּארְט. אִיהְם הָאט זִיךְ פָארְגִישְׁטֶעלְט, אַז עֶר אִיז יֶעצְט נִיט אִין קַאנַאוֶוע, נוּר בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, דִי קִינְדֶער הַאלְבּ נַאקֶעט, מִיט שְׁוַוארְצֶע גְרָאבּ-פַארְבְּלָאטִיגְטֶע פִּיסְלַאךְ, שָׂרָה גֶעהְט אַרוּם אַ צֶערְבְּרָאכֶענֶע, אַ פֶּערְחוּשֶׁכְטֶע, עֶר אַלֵיין אִיז צוּגֶעשְׁמִידְט צוּם בֶּעט, מַאטֶערְט זִיךְ אִין אַ הִיטְץ קְרֶאנְק. שָׂרָה זִיצְט בַּיי זַיין בֶּעט אוּנ קוּקְט אוֹיף אִיהְם מִיט אִיהְרֶע אַיינְגֶעגְרָאבֶּענֶע, פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגֶען, דִי קִינְדֶער שְׁטֶעהֶען אַרוּם אִיהְם אוּנ הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם טְרוֹיעֶרִיג אָנְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶרֶע אֵייגְלַאךְ.

– „דָאס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען 5 וָואכֶען. – 5 וָואכֶען הִיץ=קְרֶאנְק! אַלְץ אִיז גִיוֶוען פַאר מַשְׁכֹּנוֹת, אַלְץ: דִי נֵייטִינְסְטֶע, דִי טְהַייעֶרְסְטֶע, אוּנ דָאךְ אִיז נִיט גִיוֶוען וָואס צוּ עֶסֶען... אוּנ אִיצְטֶער – אִיצְטֶער אִיז דֶען בֶּעסֶער? אִיצְט, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְד, לֵייגְט אִיהְם דֶען נִיט אָפְּט דֶער לֶעבֶּען – שְׁטֵיינֶער אָנְשְׁטָאט בְּרוֹיט, – עֶס הָאט אִיהְם פַּארְקְוֶועצְט אִין הַארְצֶען, עֶר הָאט גֶעטְהָאן אַ בִּיטֶערִין זִיפְץ. עֶס גֶעהְט שׁוֹין צוּ וִוינְטֶער, אַלֶע זַיינֶען נַאקֶעט אוּנְד בָּארְפוּס, עֶס וֶועלֶען זִיךְ אָנְהֵייבֶּען דִי פְרֶעסְט דִי פֶענְשְׁטֶער אִין זַיין דִירָה זַיינֶען אוֹיסְגֶעשְׁלָאגֶען אוּנ פַארְשְׁטֶעקְט מִיט טִיכֶער. 3 קִינְדֶער זַיינֶען בַּיי אִיהְם פָארִיגֶען יָאהְר גֶעשְׁטָארְבֶּען, כִּמְעַט אִין אֵיין טָאג. עֶס אִיז דַאמָאלְט גִיוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער פְרָאסְט, 2 זַיינֶען גִילֶעגֶען בַּיי אִיהְם אִין בֶּעט. זֵיי חְרִיפֶּען, זֵיי קָארְטְשֶׁען זִיךְ אִין קְרַאמְפְּף פוּן טוֹיט, דִי דְרִיטֶע לִיגְט אִין וִויגֶעלֶע אַ קַאלְטֶע – אַ טוֹיטֶע. שָׂרָה לִיגְט אוֹיף אַ צֶערְבְּרָאכֶענֶע שְׁלָאף=בַּאנְק אוּנְד וֵויינְט בִּיטֶערְלִיךְ".

מִיט אַ מָאהְל הָאט זִיךְ מֹשֶׁה אַזוֹי וִויא אוֹיפְגֶעחַאפְּט, דֶערְשְׁרָאקֶען הֶערוּמְקוּקֶענְדִיג זִיךְ. 2 טְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען אִין זַיינֶע בְּרֵייט-גִיעֶפִינְטֶע אוֹיגֶען, זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען הֵיינְגֶען אוֹיף דִי בְּרֶעמֶען, זִיךְ אַטְרֵייסִיל גֶעטְהָאן אוּנְד זַיינֶען אַרָאבְּגֶעפַאלֶען אוֹיפ׳ן בַּאק, פוּן בַּאק הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַרָאבְּגֶעקַייקִילְט אוֹיפ׳ן בְּרֶעג לַאץ אוּנְד פוּן דָארְטֶען אוֹיף דֶער וֵוייכֶער עֶרְד. נָאךְ דִי 2 טְרָאפֶּען טְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעקַייקֶעלְט אִיבֶּער דֶערְזֶעלְבֶּער וֶועגֶעלֶע נָאךְ פִיעֶל טְרָאפֶּען, אֵיינֶע נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע. מֹשֶׁה הָאט זֵיי נִיט גִישְׁטֶערְט. נוּר מִיט אַמָאל אִיז עֶר אָפְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנְד הָאט עֶרְשְׁרָאקֶען בַּאקוּקְט דִי קַאנַאוֶוע. עֶס דוּכְט זִיךְ אִיהְם, אַז

די

דִי וַואנְד אִיבֶּער אִיהְם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהויבֶּען צוּ טְרֵייסְלֶען. — „עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעוִוים אָפּ גֶעדוּכְט", טְרַאכְט עֶר, „מֶען דַארְף עֶנְדִיגֶען דֶעם וִוינְקֶעל אוּן אַרֵיינגֶעהְן אִין שֵׁיינְק".

כְּדֵי צוּ פַארְטְרַייבֶּען פוּן זִיךְ דִי פִינְסְטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, הָאט עֶר גֶענוּמֶען הַאסְטִיגֶער גְרָאבֶּען, אוּנְד צוּ יֶעדֶען מָאל אַרַיינְלָאזֶען דִי רִידֶעל אִין דֶער עֶרְד, הָאט עֶר אִיהְר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעדְרִיקְט מִיט דֶער לִינְקֶער פוּס. אַז דִי רִידִיל הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזֶען אִיבֶּערֶען קָאפּ אוּנְד הָאט אִנְגֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַגַאנְצֶען בֶּערְגֶל עֶרְד, וֶועלְכֶע משֶׁה הָאט מִיט עֶנֶערְגִיֶע אַרוֹיס גֶעוָוארְפִין פוּן קַאנַאוֶוע, נִיט קוּקֶענְדִיג, וָואהִין עֶס פַאלְט. משֶׁה הָאט זִיךְ אַזוֹי אַרַיינְגֶעטְהָאן אִין זַיין אַרְבֶּעט, אַז עֶר הָאט נָאר נִיט גִיזֶעהְן אוּנְד נִיט גִיהֶערְט, אוֹיפְ'ן אַנְדֶער זַייט קַאנַאוֶוע הָאט זִיךְ דִי עֶרְד אוּנְטֶערִין וַואנְד אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ רִיהְרֶען. אִין אֵיינִיגֶע סֶעקוּנְדֶען אַרוּם הָאט זִיךְ דִי וַואנְד אַלֵיין אוֹיךְ אַ טְרֵייסִיל גֶעטְהָאן. דִי עֶרְד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיגֶען אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ בְּרֵייטֶער שְׁפַאלְט. מִיט אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער שְׁטֵיינֶערְנֶער רִיעֶז אַיינְגֶעבּוֹיגֶען מִיט זַיין שְׁוֶוערִין קֶערְפֶּער: סְקְרִיפֶּענְדִיג, שְׁפַאלְטֶענְדִיג אוּנְד בְּרֶעכֶענְדִיג זִיךְ. משֶׁה הָאט זִיךְ אִין שְׁרֶעק אַרוּמְגֶעקוּקְט, אוּן אִיז אַזוֹי אַ פֶערְשְׁטֵיינֶערְטֶער גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן אוֹיף אֵיין אָרְט. דִי עֶרְדֶענֶע וַואנְד פוּן דֶער קַאנַאוֶוע הָאט זִיךְ אָנְגֶעבְּלָאזֶען, גֶעפְּלַאצְט אוּן אַ בַּארְג עֶרְד הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעשָׁאטֶען צוּ משֶׁה'ס פִּיס. דִי וַואנְד הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגֶען נָאךְ שְׁוֶוערֶער אוּנְד הָאט מִיט אַ קְרֶעכְץ גֶענוּמֶען פַאלֶען.

אָי, רַאטֶעוֶועט!! הָאט משֶׁה אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן, מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פֶערְצְוֵוייפֶעלְטֶע שְׁטִימֶע, אוּן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען.

עֶר הָאט נִיט אוֹיסְפֵּייעֶט אָבְצוּלוֹיפִין 3 טְרִיט, וִויא דֶער פַארְקַאן מִיט דִיא עֶרְד וֶוענְדְלִיךְ פוּן קַאנַאוֶוע זַיינֶען רוֹישֶׁענְדִיג אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין קַאנַאוֶוע אוּנְד הָאבֶּען אִיהְר פַארְשָׁאטֶען, בֶּעגְרָאבֶּענְדִיג אוּנְטֶער זִיךְ דֶעם גְלִיקְלִיכֶען משֶׁה'ן, פוּן וֶועלְכֶען נוּר דִי קָאפּ מִיט אֵיין הַאנְד הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹיסְגִיזֶעהְן פוּן אוּנְטֶער דֶער קוּפֶּע עֶרְד אוּנְד שְׁטֵיינֶער.

## י.

## דִי בִּיטֶערֶע חֲיוּנָה טְרַייבְּט.

דִי אִיבֶּערִיגֶע אַרְבֵּייטֶער, זִיצֶענְדִיג אִין שֵׁיינְק, וֶועלְכֶער אִיז גִיוֶוען נִיט וַוייט פוּן גִימְנַאזְיֶע, הָאבֶּען פְלוּצְלוּנְג דֶערְהֶערְט אַ טְרַאסְק, וִוי מֶען וָואלְט אוֹיסְגֶעשָׁאסֶען פוּן אַ הַארְמַאט.

— צוּ אִיז דָארְטֶען נִיט אַיינְגֶעפַאלֶען דִי וַואנְד! אִיז בַּיי זֵיי אַלֶעמֶען דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען אֵיין גֶעדַאנְקֶען.

אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזֶען לויפֶען צוּ דֶער קַאנַאוֶוע. אויף דֶעם אָרְט פוּן דֶער קַאטַאסְטְרָאפֶע אִיז שׁוין גֶעשְׁטַאנֶען אַגְרוֹיסֶער רֶעדִיל מֶענְשֶׁען.

– צוּ אִיז דָארְטֶען נִיט דָא וֶוער עֶס אִיז ?!

– הָאט עֶס הָלַיְלָה נִיט פַארְשָׁאטֶען קַיין מֶענְשִׁין ?! הָאבֶּען זִיךְ גִיהֶערְט קוֹלוֹת אַרוּם.

– אַי! מֹשֶׁה אִיז דָארְטֶען גֶעוֶוים פַארְשָׁאטֶען! – הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען דִי עֶרְדְגְרֶאבֶּער פֶּערְצְוֶוייפֶעלְט. – אָי, וָואס טְהוּט מֶען? דָא אִיז אָקָארְסְט גִיוֶוען אַ אִיד אוּנ עֶס הָאט אִיהְם פַארְשָׁאטֶען! הֶעלְפְט בְּרִידֶער!... נָאמִיר גִיכֶער גְרָאבֶּען.

עֶטְלִיכֶע מֶענְשִׁין זַיינֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין קַאנַאוֶוע, אוּנְד הָאבֶּען גֶענוּמֶען גְרָאבֶּען מִיט דִי הֶענְד. – גִיט אַהֶער לָאפֶּעטֶעס!

– אָךְ, גָאט מַיינֶער! אַזוֹי וֶועט גָאר נִיט זַיין! הָאט פְּרָאסְט גֶעוֶויינְט שְׁמֶערִיל. – יִשְׂרָאֵל חַיִּים, לויף גִיכֶער אַרִיבֶּער צוּם טַייךְ אוּנְד רוּף דִי קְרִיסְטֶען, וֶועלְכֶע אַרְבַּייטֶען דָארְטֶען. נוּ, גִיכֶער זְשֶׁע! גִיכֶער! אוֹי וָואס טְהוּט מֶען – וָואס טְהוּט מֶען?

– אָט אִיז עֶר! אָט אִיז עֶר! הָאט אויסְגֶעשְׁרִיעֶן אֵיינֶער פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעגְרָאבֶּען מִיט דִי הֶענְד. אָט אִיז זַיין קָאפּ, גִיכֶער אַהֶער!

אַ מַאן צֶעהְן זַיינֶען צוּגֶעלָאפֶען צוּ יֶענֶעם אָרְט אוּנְד הָאבֶּען אָבְּגֶעגְרָאבֶּען מִיט דִי הֶענְד מֹשֶׁה'ס קָאפּ, וֶועלְכֶע אִיז גִיוֶוען אַיינְגֶעשְׁמִירְט אִין בְּלָאטֶע, אוּנ זַיין הַאנְד, וֶועלְכֶע אִיז גִיוֶוען פַארְרִיסֶען אִין דֶער הֵייךְ.

– וִויא אַזֵיי הָאט זִיךְ דָאס גֶעטְרָאפֶען?! הָאט דֶער עוֹלָם גִיפְרֶעגְט.

– וֶוער אִיז עֶר אַזֶעלְכֶער? גָאט וֵוייס, צוּ עֶר וֶועט לֶעבֶּען?!

– עֶס קֶען זַיין, אַז עֶר אִיז שׁוין גֶעשְׁטָארְבֶּען!

– זֶעה, דִי מוֹיל אִיז בַּיי אִיהם פוּל מִיט עֶרְד!

– וָואס אִיז עֶר: אַ אִיד צוּ אַ כְּרִיסְט?

– וִוי אַזוֹי בֶּעשְׁלִיסְט מֶען זִיךְ דָאס צוּ גְרָאבֶּען אִין אַזַא גִיפֶערְלִיכֶען אָרְט?!

–אַז מֶען וִויל עֶסֶען, בֶּעשְׁלִיסְט מֶען זִיךְ! דִי בִּיטֶערֶע חִיוּנָה טְרַייבְּט צוּ אַלְץ!.

– דָאס אִיז אַלְץ פוּן לֵייבֶּע בֶּערְקִינְס פָּאדְרַיאדֶען, פְּלַאטְצֶען זָאל עֶר!

בַּאלְד זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ שְׁטִיק 15 קְרִיסְטֶען אַרְבַּייטֶער, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעאַרְבַּייט בַּיין טַייךְ. זֵיי זַיינֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין קַאנַאוֶוע. דִי לָאפֶּעטֶעס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְלַאפֶּען, עֶס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְלִיהֶען אִין דֶער הוֹיךְ עֶרְד אוּנ צִיגֶעל.

– בְּיֶעדַא, בְּיֶעדַא! הָאבֶּען גִירֶעט דִי קְרִיסְטֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין.

בַּאלְד הָאט מֶען מֹשֶׁה'ן אָפְּגִיגְרָאבֶּען. עֶס אִיז גִיוֶוען שׁוידֶערְהַאפְט צוּ זֶעהֶען וִויא עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען: אֵיין הַאנְד אִיבֶּערִין קָאפּ, דִי אַנְדֶערֶע אויפְ'ן

הארצען

הארצען, דער פנים שווארץ, אין מויל אונ אויערין בלאטע, די אויגען פארמאכט.

ער האט עטוואס בעוועגט די האנד.

– ער לעבט! האט מען אין עולם אויסגעשריען מיט האפפנונג.

– נעמט ביי איהם ארויס די ערד פון מויל!

מען האט ארויסגענוממען.

– מען דארף איהם וואו עס איז אריינטראגען!

– א דאקטאר, א דאקטאר דארף מען ברייגגען!

עס וואלט ווער געבען א ידיעה לייבען!

דער בחור אין רויטע העמדיל איז אוועקגעלאפען נאך א דאקטאר אונ נאך לייבען.

– ישראל חיים, לויף זאג אן די ווייב! האט געשריען שמעריל.

משה'ן האט מען דערוויל אריינגעטראגען אין שיינק, מאן האט איהם אוועקגעלייגט אויף א קאנאפע, ארומגעוואשען דעם פנים, ער האט גיעפינט די אויגען, ארומגעקוקט מיט א טונקעלין בליק דעם צימער אונד האט זיי ווידער פארמאכט.

דער דאקטאר איז געקומען, האט איהם ארומגעטאפט, ארומגעקוקט אונד האט געשיקט נאך 2 פעלדשערס אונ אין אפטייק.

– וואס, הער דאקטאר? האט גיפרעגט שמעריל, אראבנעמענדיג די היטל.

– וואס? דו זעהסט ניט, אז ער איז שוין באלד אויף יענער וועלט? ביי איהם איז די ברוסט צערבראכען אין 2 ערטער.

– די ברוסט! אי אי אי!

# יא.

## א גרויסער רך-לב.

ישראל חיים האט דערזעהן שרה'ן אויף דער 2-טער גאס פון גימנאזיע · איהר האט זיך נאר ניט געחלומט וועגען דעם שרעקליכען אומגליק, וועלכער האט זיך דא געטראפען מיט איהר מאנן. אונ האט זי דען גיקענט קלערען, אז אין דער מינוט האט זי פערלארען איהר שפייזער? מיט א מאל האט זי דערזעהן ישראל חיימען לויפנדיג גלייך אנטקעגען איהר: א בלאסער, א דערשראקענער. ישראל חיים, האט זי געוואוסט, ארבעט צו זאממען מיט איהר מאן. עס האט איהר עפעס אשטאך גיטהאן אין הארצען; די פיס איהרע האבען זיך אפגעשטעלט אויף איין ארט, וואהרענד דער גאנצער קערפער האט זיך אויסגעבויגען פאראויס. זי האט אויסגישטעלט איהרע גרויסע ערשראקענע אויגען.

– וָואס אִיז דָארְטֶען ?

– אוֹי שָׂרָה, לוֹיפְט גִיכֶער ! מִיט אַייֶער מֹשֶה׳ן הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַנְ-אוּנְגְלִיק ! דֶער טֶעפִּיל אִיז אִיהְר אַרוֹיסְגֶעפַאלֶען פוּן הַאנְד, אִין דִי אוֹיגֶען אִיז איר פִינְשְׁטֶער גֶעוָוארֶען, דֶער פָּנִים הָאט זִיךְ שְׁטַארְק פַארְקְרִימְט.

– אָי וַויי צוּ מִיר, וָואס אִיז דָארְטֶען גִישֶׁעהֶן ?! אָי רַאטֶעוָועט ! – זִי הָאט גֶענוּמְמֶען יִשְׂרָאֵל חַיִימְס הַאנְד אוּנְד הָאט אִיהְר אָנְגֶעהֵייבֶען טְרֵייסְלֶען.

– עֶס הָאט אִיהְם פַארְשָׁאטֶען ! הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט דֶער אִיבֶּערַאשְׁטֶער יִשְׂרָאֵל חַיִים.

עֶס הָאבֶּען זִיךְ אִיהְר אוּנְטֶער גֶעבּוֹיגֶען אִירֶע קְנִיעֶ.

– וֶועהְ אִיז מִיר ! פַארְלָארֶען בִּין אִיךְ ! מַיין מַאנְן !

זִי אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּ דֶער אַיינְגֶעפַאלֶענֶער וַואנְד.

– וואוּ אִיז עֶר ?

–מֶען הָאט אִיהְם אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען אִין שֵׁיינְק, –„שְׁרֶעק זִיךְ נִיט, שָׂרָה, עֶר לֶעבְּט“ הָאט גֶעזָאגְט יִשְׂרָאֵל חַיִים, וֶועלְכֶער הָאט נוּר עֶרְשְׁט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר הָאט גֶעטְהָאן אַ נַארֶעשְׁקַייט, אַזוֹי הַאסְטִיג אָנְצוּזָאגֶען דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע בְּשׂוֹרָה.

שָׂרָה הָאט נִיט גִיהֶערְט אוּנְד אִיז אַרַיינְגֶעלָאפֶען אִין שֵׁיינְק.

– וואוּ אִיז עֶר ! אָי, אַ דוּנֶער הָאט מִיר אַיינְגֶעשְׁלָאגֶען ! וֶועה אִיז מִיר, וֶועה אִיז מִיר ! עֶר אִיז גֶע-הַרְגֶעט גֶעוָוארֶען ! מֹשֶה, מֹשֶה׳לֶע !

מֹשֶה הָאט אַבִּיסִיל אוֹיפְגֶעעפִינְט דִי אוֹיגֶען, אוּנ הָאט אוֹיף אִיהְר גֶעקוּקְט אָהְן גֶעדַאנְקֶען.

– עֶר דֶערְקֶענְט מִיךְ נִיט ! מֹשֶה ! דָאס בִּין אִיךְ ! שָׂרָה ! וֶועה אִיז מִיר, בִּיטֶער אִיז מִיר !

– זַייט נִיט אַזוֹי אוּמְרוּהִיג, שָׂרָה – הָאט גֶעזָאגְט דִי שֵׁיינְקֶערְקֶע – עֶר וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, לֶעבֶּען אוּנְד זַיין גֶעזוּנְד.

– וואוּ וֶועט עֶר שׁוֹין לֶעבֶּען !.. אָה אוּנְזֶער שְׁפַּייזֶער !

זִי אִיז אָהְן קְרֶעפְטִין גֶעפַאלִין אוֹיפְ׳ן שְׁטוּהְל – אָי ! פַאר וָואס אִיז נִיט דָא קַיין דָאקְטָאר, פַאר וָואס רַאטֶעוֶועט מֶען אִיהְם נִיט !

– גִיוֶוען, גִיוֶוען אַ דָאקְטָאר, זֶעהְסְט דָאךְ : עֶס לִיגֶען בַּיי אִיהְם קָאמְפְּרֶעסִין אוֹיפְ׳ן הַארְצֶען אוּנ אוֹיף דִי פִּיס, בַּאלְד וֶועט עֶר וִוידֶער קוּמְמֶען.

– פַאר וָואס זֶע קוּמְט עֶר נִיט ? אֶפְשַׁר קֶען מֶען אִיהְם נָאךְ רַאטֶעוֶוען, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר נָאךְ זַיין אַ טַאטֶע צוּ זַיינֶע קִינְדֶער ! עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי וֵוייניג גִילֶעבְּט ! אָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַאר וָואס שְׁטְרָאפְסְט דוּ אוּנְז אַזוֹי ?!

הֵייסֶע טְרֶערִין הָאבֶּען זִיךְ טַייכֶענְוַויִיס גֶעגָאסִין פוּן אִיהְרֶע אוֹיגֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען מִיט דִי קוּלַאקֶעס אִין קָאפּ.

נימל שרה

– שָׂרָה, גָאט אִיז מִיט אַייךְ! עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְד! עֶר וֶועט לֶעבִּין! גֶעמְט אַבִּיסִיל וַואסְסֶער.

שָׂרָה הָאט מִיט אֵיין אָטְהֶעם אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דִי וַואסְסֶער. בֶּערוּהִיגֶענְדִיג זִיךְ אַבִּיסֶעל אִיז זִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער קַאנַאפֶּע, אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער פֶּערְוואוּנְדֶעטֶער אִיז גִילֶעגֶען.

– מֹשֶׁהלֶע, פֵייגֶעלֶע, רֵייד חָאטְשׁ אוֹיס אֵיין וָוארְט! וָואס אִיז דִיר? וָואס טְהוּט דִיר וֶועה?

עֶר הָאט אַבִּיסֶעל גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגֶען אוּנְד הָאט אִיהְר דֶערְקֶענְט.

– מִיר אִיז... שְׁלְלֶ=ע=כְבְּט!...

עֶר הָאט ווִידֶער פַארְמַאכְט דִי אוֹיגֶען, אוּנְד הָאט אַמַאךְ גֶעטְהָאן מִיטְן הַאנְד.

– עֶס אִיז אִיהְם נֶעבַּאךְ שְׁוֶוער צוּ רֵיידֶען – הָאט גֶעזָאגְט מִיט אַ זִיפְץ דִיא שֵׁיינֶקֶערְקֶע.

– עֶס אִיז אִיהְם שְׁוֶוער, עֶס אִיז אִיהְם שְׁוֶוער! הָאט שָׂרָה ווִידֶערְהָאלְט. שְׁמֶערִיל אִיז אַרַיין מִיט דִי פֶּעלְדְשַׁארֶעס.

שָׂרָה אִיז צוּגֶעלָאפֶען צוּ זֵיי, בְּרֶעכֶענְדִיג דִי הֶענְד: אָי קְרֵיינִינְקֶעס! רַאטֶעוֶועט אִיהְם! רַאטֶעוֶועט מַיין מַאן!

– עֶר וֶועט בְּלַייבֶּען לֶעבֶּען, שְׁרַיי נִיט אַזוֹי, דָאס אִיז פַאר אִיהְם שֶׁעדְלִיךְ.

זֵיי הָאבֶּען דֶעם קְרַאנְקֶען אִין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער פַארְבַּאנְדַאשִׁירְט, גֶעשִׁיקְט שָׂרָה׳ן אִין אַפְּטֵייק נָאךְ אַ וֶועסֶערִיל (גֶעלְד הָאט גֶעגֶעבֶּען שְׁמֶערִיל), הָאבֶּען פַאנַאנְדֶערְגֶעזָאגְט שְׁמֶערְלֶען, ווִי צוּ בַּאגֶעהְן זִיךְ מִיט דֶעם קְרַאנְקֶען, צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמְמֶען אִין אָבֶּענְד אוּנְד זַיינֶען אַוֶועק.

– נוּ, וָואס הָאט לֵייבֶּע גֶעזָאגְט? הָאט גִיפְרֶעגְט שְׁמֶערִיל בַּיים בָּחוּר אִין רוֹיטֶע הֶעמְדִיל, וֶועלְכֶער אִיז גִיגַאנְגֶען נָאךְ לֵייבֶּען.

–עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט בַּאלְד קוּמְמֶען.

לֵייבֶּע אִיז טַאקֶע בַּאלְד גֶעקוּמְמֶען. דָאס אִיז גִיוֶועז אַמֶענְשׁ פוּן אַ יָאהְר 40, מִיט גְרוֹיסֶע, אַקוּרַאט ווִי סְטָאלֶענֶע אוֹיגֶען, מִיט אַלַאנְגֶען שְׁפִּיצִיקֶען נָאז אוּנ אַקֵיילֶעכְדִיגֶע אוּנְטֶער גֶעשָׁארֶענֶע שְׁוַוארְצֶע בֶּערְדִיל. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אֵייְרָאפֵּייאִישׁ גֶעקְלֵיידֶעט. עֶר אִיז אַרַיין הַאסְטִיג, אַצֶערְרוּדֶערְטֶער.

– וָואס אִיז דָא, וָואס הָאט זִיךְ דָא גֶעטְרָאפֶען? הָאט עֶר גִיךְ אוֹיסְגִירֶעדְט.

– דָא הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַגְרוֹיסֶער אוּנְגְלִיק, ר׳ לֵייבּ, הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט שְׁמֶערִיל – דִי וַואנְד אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען אִין קַאנַאוֶועס, אוּנ צוּם אוּנְגְלִיק אִיז עֶר דָארְטֶען גִיוֶועזֶען – הָאט אִיהְם דָארְטֶען פַארְשָׁאטֶען.

– אָי, אָי, אָי... ווִי זְשֶׁע הָאט מֶען עֶם גֶעפוּנֶען? לֶעבְּט עֶר?

– עֶר לֶעבְּט, נוּר דֶער דָאקְטָאר הָאט גֶעזָאגְט...

איז

– אִיז דָא שׁוֹין גִיוֶוען דֶער דָאקְטָאר ? וָואס הָאט עֶר גֶעזָאגְט ?

– עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז דִי בֵּיינֶער זַיינֶען בַּיי אִיהְם צוּ בְּרָאכֶען.

– וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס פוּן דָאקְטָארְס וֶוערְטֶער וֶועט עֶר שׁוֹין קֵיין הִיגֶער נִיט זַיין. נוּר וָואס זָאל מֶען מִיט אִיהְם טְהָאן ?

לֵייבֶּע הָאט זִיךְ אוֹיף אַ מִינוּט פֶערְטְרַאכְט.

–מֶען דַארְף אִיהְם דֶערְוַוייל אַוֶועקְפִּירֶען אִין הֶקְדֵשׁ–דָארְטֶען וֶועט מֶען, מִיט גָאטֶעס הִילְף, קֵיין גֶעלְד נִיט דַארְפֶען. אוּנ עֶס וֶועט זַיין רוּהִיגֶער.

–וָואס רֶעדְט אִיהְר ? הָאט זִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען דִי שֵׁיינְקֶערְקֶע, מֶען טָאר אִיהְם פוּן אָרְט נִיט רִירֶען, עֶר וֶועט שְׁטַארְבֶּען אוֹיף'ן וָואגֶען.

–נוּ, זָאל עֶר בְּלַייבֶּען דָא. וֵויים אִיךְ ?

– נוּר דָאס קָאסְט דָאךְ גֶעלְד, אוּנ עֶס דַארְף נָאךְ עֶרְסְט קָאסְטֶען. אוּנ זַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹ אָרֶעם, אַז אֵיין גָאט מֶעג אוֹיף אִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען.

לֵייבֶּע הָאט הֶערוֹיס גֶענוּמֶען פוּן טַייסְטֶער אַ גְרִינִינְקֶע – וואוּ אִיז דָאס זַיין וַוייבּ ? זִיא וֵויים נָאךְ גָאר נִיט ?

– זִי אִיז אִיצְט אִין אַפְּטֵייק, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט שְׁמֶערִיל,

–נוּ, טוּ גִיבּ אִיר דָאס אִיבֶּער, אוּנ זָאג, אַז זִי זָאל צוּ מִיר הֶערַיין קוּמֶען, וֶועל אִיךְ אִיהְר נָאךְ פִּיל עֶס אִיז גֶעבֶּען.

בַּיי אַ מִינוּט אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל. עֶס הָאט זִיךְ נוּר גֶעהֶערְט דֶער שְׁוֶוערֶער אַטְהֶמֶען פוּן דֶעם שְׁטֶערְבֶּענְדֶעם.

–זָאג מִיר : עֶס וֶועט עֶפֶּעס לַאנְג גֶעדוֹיעֶרִין, צוּ מַאכֶען רֵיין דִי קַאנַאוֶוע ? הָאט בֶּערְקִין גִיפְּרֶעגְט.

– אִיהְר הָאט גֶעדַארְפְט זֶעהְן, וִוי זִי אִיז פֶערְשָׁאטֶען : מֶעהְר וִוי בִּיז הֶעלְפְט !

– אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן נִעהֶענְדִיג אַהֶער. עֶךְ, אַ קְלַאפָּאט אַ בִּיסֶעל .... נוּר מֶען דַארְף גֶעהְן, אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין צַייט נִיט. אִיךְ וֶועל שְׁפֶּעטֶער הֶערַיינְקוּמֶען. שִׁיקְט זַיין וַוייבּ צוּ מִיר.

עֶר אִיז הַיילֶענְדִיג אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען.

–הַלְוַאי וָואלְט עֶר בֶּעסֶער פֶערְשָׁאטֶען גֶעוָוארֶען ! –הָאט גֶעזָאגְט שְׁמֶערִיל נָאךְ לֵייבֶּעס אַוֶועקְגֵיין – וִויא גֶעפֶעלְט עֶר אַייךְ ? עֶס אִיז דָאךְ פְּרָאסְט מְשׁוּגָע צוּ וֶוערֶען ! דָא שְׁטַארְבְּט אַ מֶענְשׁ, וֶועלְכֶער אִיז בַּיי דִיר אוֹיף דֶער אַרְבֶּעט גֶהַרְגֶת גֶעוָוארֶען, אוּנ דִיר לִיגְט אִין זִינֶען – צוּ קֶען מֶען ווִידֶער אָבּ גְרָאבֶּען דִי קַאנַאוֶוע ? אַ – זָאל מֶען דִיר שׁוֹין בֶּעגְרָאבֶּען אוּנ בֶּעשִׁיטֶען וָואס גִיכֶער !

– אַ רַךְ לֵב אַנְבִיר, נִיט דָא וָואס צוּ רֵיידֶען ; נִיט אוּמְזִיסְט הָאט עֶר אַזַא נָאמֶען אִין שְׁטָאדְט '

שָׂרָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַפְּטֵייק.

–מֶען דַארְף אִיהְר נִיט זָאגֶען, אַז לֵייבֶּע אִיז דָא גֶעוֶוען. צוּ וָואס זָאל מֶען אִיהר אָבְּעֶסֶען דִי הַארְץ, הָאט דִי שֵׁיינְקֶערְקֶע גֶעזָאגְט שְׁמֶערְלִין אוֹיף'ן אוֹיעֶר

–נוּ, וָואס מַאכְט עֶר? הָאט גֶעפְרֶעגְט שָׂרָה.

– אַלְץ אֵיינְס.

שָׂרָה אִיז שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה-ן, הָאט זִיךְ אִיהְם אַיינ־גֶעקוּקְט אִין פָּנִים, הָאט זִיךְ צוּ גֶעהֶערְט צוּ זַיין אָטְהֶעם.

– עֶר אַטְהֶעמְט שְׁוֶוער.

– מֹשֶׁה הָאט גֶעאֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוֶוען פֶערְלָאפֶען מִיט בְּלוּט.

– זִי פַאלְט! אָט, אָט, אָט!... הִיט זִיךְ!... זִי אִיז גֶעפַאלֶען!... אָי, אָי, אָי!... מַיינֶע קִינְדֶער זַיינֶען דָארְטֶען! נֶעהְמְט זַיי הֶערוֹיס! זַיי וֶועט דָארְטֶען זַיין קַאלְט!... דָארְטֶען אִיז פִינְסְטֶער. נִיט מִיר אַ גוּטֶע לָאפַּאטֶא. מַיינֶע הָאט זִיךְ צֶערְבְּרָאכֶען... רוּפְט שְׁמֶערְלִין... עֶר וֶועט אַייךְ זָאגֶען, וִויפִיל קִינְדֶער זַיינֶען בַּיי מִיר גֶעשְׁטָארְבֶּען. 3 צוּ 2, אִיךְ וֵייס שׁוֹין.

– עֶר רֶעדְט פוּן הִיטְץ – דָאס אִיז אַ גוּטֶער סִמָן, הָאט גֶעזָאגְט שְׁמֶערִיל.

– הַלְוַאי זָאל גָאט גֶעבֶּען, הָאט שָׂרָה גֶעעֶנְטְוֶוערְט. זִיא אִיז גֶעדוּלְדִיג גֶעזֶעסֶען צוּ קָאפֶּען בַּיי אִיהְר שְׁטֶערְבֶּענְדֶעם מַאן, אוּנ אַלֶע 5 מִינוּט הָאט זִי אִיהְם גֶעבִּיטֶען דִי קָאמְפְּרֶעסֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען זֵייעֶר גִיךְ טְרוּקֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף זַיין בְּרֶענֶענְדִיגֶע בְּרוּסְט. עֶס זַיינֶען גֶעקוּמֶען שְׁמוּאֵל לַאטוּטֶע, מֹשֶׁה'ס מוּטֶער אוּנ עֶטְלִיכֶע בֶּעקַאנְטֶע. דֶענְסְטְמָאל הָאט זִיךְ עֶרְסְט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אַ יְלָלָה. דִיא מוּטֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען קָאפּ אָן וַואנְד, אִיז גֶעפַאלֶען אִין חַלָשׁוֹת.

שְׁמוּאֵל הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהֶען וִוי אַ מְשׁוּגָעֶנֶער.

–זָאל דָאס פַאלֶען אוֹיף מַיין אַלְטֶע קָאפּ. –הָאט עֶר גֶעטַעֲ'נֶעט – אִיךְ הָאבּ דָאס אִיהְם אַיין גֶערֶעדְט צוּ וֶוערֶען אַיין עֶרְדְגְרָאבֶּער! אָה! מַיין זוּהְן מַיין קַדִישׁ!

אָבֶּענְדְצַייט אִיז גֶעוָוארֶען אַבִּיסֶעל שְׁטִילֶער.

– גֵעה, שָׂרָה'לֶע, אַהֵיים – הָאט דִי שְׁוִויגֶער צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט. אִיךְ וֶועל דָא גֶעבֶּען אִיהְם זִיצֶען. דִי קִינְדֶער וֶועלִין דָארְטִין אוֹיסְגֵעהֶען פוּן גֶעוֵויין.

דָאס קְלֵיינִינְקֶע הָאט נָאךְ פוּן דֶער פְּרִיה אָן נִיט גֶעזוֹיגֶען.

זֵייא הָאבִּין וָואס צוּ וֵויינֶען. הָאט זִיךְ שְׁמוּאֵל אָבְּגֶערוּפֶען.

שָׂרָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא וֵויינֶען אוֹיפְ'ן קוֹל. אוֹיף אִיהְר קוּקֶענְדִיג הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע פַארְנַאנְדֶער גֶעוֵויינְט וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. מֹשֶׁה אִיז גֶעלֶעגֶען

וויא אַ טוידטער, מיט פערמאַכטע אויגען. שׂרה איז אַוועק אַהיים.

## יב.

## צו וואָס אַ גוטע ווייב קאָנן בריינגען.

ביי שׂרה׳ן אין שטוב איז אונטער דער צייט פאָרגעקומען אַ שטאַרקע מלחמה צווישען דעם בעל הבית מיט דער בעל הבית׳טע.

— נישטקשה, פייקע די קרעמערקע גייט איהר פון זינען ניט הערויס; איר געדיינקט זי צו בעצאָהלען, ווייל זי נעהמט ביי איהר ברויט. אונ מיר איילט זי זיך ניט צו געבען געלד, אונ פאַר וואָס זאָל זיא ניט זיין רוהיג; איך בין דאָך אַ גוטע! אַז זיא וועט מיר ניט בעצאָהלען, וועל איך איהר אויך פון דירה ניט אַרויסוואַרפען, איך בעגיי זיך תמיד ווי אַ נאַרר...

אַזוי האָט גערעדט, אָדער ריכטיגער, געשריען" פריידע, שׂרה׳ס בעל הבית׳טע, נאָך דעם ווי שׂרה האָט אַוועקגיטראָגען דען מאַן וואַרעמעס.

—„אונ ווער הייסט דיר זיין אַ נאַרר, ווער גייט דיר צו זיין אַ גוטע"? מאַהן דו אויך, רייס פון איהר אויך די הויט — וועט זיא דיר אויך געדיינקען, אַזוי וויא פייקען— האָט זיך אָבגערופען איר מאַן.

רייס די הויט. — האָט איהם פריידע מיט כעס איבערגעקרימט, אונ דו ביסט קראַנק צו עפפענען אַ מויל? האָסט נעביך גאָר קיין כח ניט איבערקערן דעם צונג! קאָנסט איהר ניט זאָגען, אַז אויב זיא וועט דיר דיא וואָך קיין דירה געלד ניט געבען, וועסט דו איר הערויסוואַרפען פון דירה מיט אירע בעביכעס ווי אַ שפענדיל. אַ דובינע ביסט דו נישט קיין מאַנסביל!

— מכשפה! דו הויבסט שוין אָן? האָט זיך יעקב אָבגערופען מיט אַזויערע מינע — ווער האָט איר הערייננעלאָזען אין דירה? דו! ... דער רוח זאָל אייך אַלעמען נעמען! —

מ—שו—מד, אַ קרענק זאָל דיר נעמען! פאַר נחת האָב איך איר הערייני געלאָזען?! וואָס האָב איך גיקענט וויסען, אַז זי וועט מיר ניט צאָהלען!

— האָסט ניט געוואוסט — בין איך ווייטער ניט שולדיג — האָסט דו גיזאָלט וויסען! זיין קאלט בלוטיגקייט האָט פריידען נאָך מעהר געאַרגערט.

ממזר איינער! דו מיינסט איך ווייס ניט, זעהט נור וואָס פאַר אַ רוהיגע נשמה דאָס איז! דיר ווילט זיך גיכער פטור ווערין פון מיר — עס ווילט זיך דיר געהמען אַ מיידעל. דו וואָלסט זיך, נישטקשה, שטאַרק געפרייט, אַז איך וואָלט געשטאָרבען... נור די צייט ליגסט דו אויף איין זייט, רבונו של עולם, ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבען, ווי לאַנג דו וועסט נאָך קיין מיידעל ניט נעמען.

בודאי

– בְּוַדַאי אִיז אַ מֵיידֶעל בֶּעסֶער פַאר אַזוֹי אַיינְגַאלְטֶע מְכַשֵׁפָה וִוי דוּ? זָאל נוּר גָאטְט גֶעבֶּען פָּטוּר וֶוערֶען פוּן דִיר – הָאבּ אִיךְ בַּאלְד חֲתוּנָה מִיט אַ מֵיידֶעל. אִיךְ וֶועל בַּאלְד אוֹיסְזוּכֶען אַ שֵׁיינִינְקֶע – אַ צַאצְקֶע!

– שְׁוַויינ בֶּעסֶער טְרֵיפְנְיַאק, פְּיַאנִיצֶע! אִיךְ וֶועל דִיר דֶעם שַׁארְבֶּען דַיינֶעם צוּ שְׁפַּאלְטֶען!

פְּרְר-רוּ-בִּיר נָאר! הָאט יַעֲקֹב אוֹיסְגִיצוֹיגֶען דִי וֶוערְטֶער רוּהִיג אַרָאפּ קְלַאפֶּענְדִיג דֶעם שְׁטִיוֶועל פוּן קַאפּוּלִיק.

– אִיךְ זָאג דִיר נָאךְ אַ מָאל, אַז דוּ וֶועסְט אַ כַּפָּרָה וֶוערֶען, וֶועל אִיךְ נִיט אַנְדֶערְס נֶעהְמֶען אַ יוּנְגֶע מֵיידִיל.

– קְרֵיינְק! קַדָחֶת! אַ שְׁטֶעכֶענִים אִין זַייט, נִיט קַיין מֵיידִיל! וֶועלְכֶע מֵיידִיל וֶועט דִיר נֶעהְמֶען – בְּהֵמָה! נַארוּנְיֶע! דוּ הָאסְט דָאךְ אֵיין צָאן אִין מוֹיל נִיט, בִּיסְט דָאךְ אַיין אַלְטֶער הוּנְד אָהְן צֵיינֶער. קֶענְסְט נוּר פֶּערְטְרִינְקֶען וִוי פִּיל דוּ פֶּערְדִינְסְט, נִיט מֶעהְרֶער.

– נוּ, אַז אִיךְ פֶּערְטְרִינְק אִיז וָואס? אָט קָאנְטְשֶׁע אִיךְ דֶעם שְׁטִיוֶועל, גֵייא אִיךְ וִוידֶער אִין שֵׁיינְק.

– גֶעהְ, פוּן מַיינְטְווֶעגֶען מֶעגְסְט דוּ בְּרֶעכֶען הַאלְדְז אוּנ גֶענִיק! מֵיינְסְט אִיךְ וַויים נִיט, אַז דוּ הָאסְט פַאר שִׁיכּוּרְט דִי 5 רוּבּל, וֶועלְכֶע דִיר הָאט גִיקוּמְט פוּן שֵׁיינְקֶער. דֶער שְׁוַוארְץ יָאהְר זָאל דִיר הַאפֶּען! מִיר אִיז אַלְץ אֵיינְס. פוּן מַיינְט-וֶועגֶען מֶעגְסְט דוּ דִי קָאפּ אוֹיךְ פַאר שִׁיכּוּרֶען, וֶועט מִיר נִיט אַרֶען.

– אַז אִיךְ וֶועל נֶעמֶען אַ מֵיידִיל וֶועל אִיךְ אוֹיפְהֶערֶען צוּ טְרִינְקֶען! פֶּער-שְׁטֶעהְסְט נִיט בְּהֵמָה דוּ, אַז אִיךְ טְרִינְק נוּר דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר פַאר אַ וַוייבּ. אַז אִיךְ עֶנְטְלוֹיף אִין שֵׁיינְק, כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאטְשׁ אַ הַאלְבּ שָׁעָה דַיין טְרֵיפָהנֶעם פַּרְצוּף נִיט אָנְקוּקֶען! פֶּערְשְׁטֵייסְט מְכַשֵׁפָה אֵיינֶע? בְּרֶענֶען זָאלְסְט דוּ!

– דָא הָאט שׁוֹין יַעֲקֹב גֶענוּמֶען שְׁרַייֶען מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת. אַוֶועק פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען אַ רוּחַ אִין דַיין טַאטֶעס טַאטֶען הֶערַיין!

אִיךְ וֶועל דִיר מַאכֶען אַ טוֹידְט... טְרֶעט אָבּ, מְכַשֵׁפָה!

– טְרֶעט אָבּ, טְרֶעט אָבּ, הָאט אִיהְם פְרֵיידֶע אִיבֶּערְגֶעקְרִימְט – עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן זַיינֶע קוּנְצֶען! עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהֵייבֶּען בֶּעוַויזֶען זַיינֶע מְזוּרָשֶׁע תְּנוּעוֹת! גֶעהֶערְט אַ בִּיסֶעל, אִיךְ הֵייס אִים גֵיין אִין שֵׁיינְק! גַנָב! בִּיסְט דָאךְ נָאךְ בַּיי דַיין מַאמֶען אִין בּוֹיךְ גִיוֶוען אַיין גַנָב! אַ זַייטִיגֶער מֶענְשׁ קֶען דָאךְ טַאקֶע מֵיינֶען, אַז אִיךְ טְרַייבּ אִיהְם בֶּאֱמֶת אִין שֵׁיינְק!

– גֶעה בֶּעסֶער מִיט גוּטֶען אַוֶועק! – הָאט יַעֲקֹב אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען, אוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶענְדִיג פוּן אָרְט. – דוּ זֶעהְסְט דֶעם שְׁטִיוֶועל? נָאךְ אֵיין וָוארְט רֵייד אוֹיס, זָאג אִיךְ דִיר, וִוי אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַז עֶר וֶועט דִיר פְלִיהֶען אִין קָאפּ!

אינ

– און איך וועל דיר צערקוואסענען די צורה אט מיט דער שיסעל! מיין ניט אז איך וועל אלע מאל שווייגען! שוין גענוג צו זיין א נארר! איך וועל דיר געבען, אז דו וועסט ביי מיר אלע ציינער קלייבען! פיאניצע מוסר! חזר פאסקודנער! ער סטראשעט מיר!

– נא, אט האסט דו דיר, נידענק. ער האט איר גיווארפין מיט דעם שטיוועל אין פוס, און כדי ניט צו בעקומען קיין רעסטע איז ער הערויסגעלאפען פון צימער.

– פריידע האט אים גיוועלט ווארפען מיט דער שיסעל, נור זעהענדיג, אז זיא וועט טרעפען, ניט אים אין פנים נור אין וואנד האט זיא הערהבגעלאזען די אויפגעהויבענע האנד און האט זיך בעגנוגענט מיט דעם, וואס זיא האט איהם צו געוואונשען: גיי כף הקלע, מיטען קאפ אין דער ערד, עס זאל פון דיר קיין שריד ופליט ניט בלייבען! עס זאל דיר אויסווארצלען מיט דיין גאנצע בעשאף!

זיא האט אבגעווישט מיט'ן פארטוך דעם פנים, און איז צו געגאנגען צום אויווען. לערך א פיערטעל שעה האט זיא געווארטשעט און געשאלטען דעם מאן, נאכהער האט זיא זיך בערוהיגט.

אין א שעה הערום האט שוין פריידע חרטה ניהאט, וואס צו ליב איהר איז דער מאן אנטלאפען גיווארען אין שיינק און האט מיט אונגעדולד געווארט ווען וועט ער שוין צוריקקומען.

יעקב מיט פריידען האבען חתונה געהאט מיט א יאהר 30 צוריק: פריידע איז ניוועזען צו איהר חתונה א פינף און צוואנציג יאהריגע מאד, א נידעריקע, א דארע, מיט שוואכע אויגען. יעקב איז געוועזען א שיינער בחור פון א יאהר 20, א הויכער א געזונדער – בלוט און מילך – און דערצו נאך ניט קיין נארר. פריידע האט זיך קיין בעסערין מאן ניט געקענט ווינשען. נאך דער חתונה האט זיך איהר געדוכט, אז אלע זיינען איהר מקנא, מאן וואלט איהם וועלען אויסכאפין פון איהר. די מיידיל קוקט עפעס צו פיעל אויף איהר מאנן, יענע יונגע ווייביל רעדט עפעס צו הארצליך מיט איהם; און מיט יענער ווייבעל לעבט ער אליין, עפעס צו גוט. און זי האט איהם אנגע־הויבען נאכצוקוקען יעדער טריט.

יעקב האט איהר שטארק פיינד געקראגען פאר איהר נאכקוקען, ער האט געפיהלט אז עס איז איהם געווארין ענג מיט איהר אין צימער. לערך אהאלב יאהר האט ער געשטיקט אין זיך און האט דאס ניט הערויסגעוויזען, נור נאכהער האט ער איהר שוין גענומען אפען הערויסווייזען זיין פיינדשאפט צו איהר. פריידע האט געמיינט אז דער מאן קען איהר ניט ליעבען, ווייל ער האט ליב בעקומען איין אנדערע, און דערום האט זיא גענומען נאך מעהר

אים

איהם נאכקוקען. יעקב האט איהר, פערשטעהט זיך, נאך מעהר פיינד געקראגען. פריידע האט זיך געפרובט מיט טרערין ווייבער מאכין: זי פלעגט א גאנצען טאג ליגען אויפ׳ן בעט און וויינען. אז דאס האט ניט געהאלפען האט זי איהם גינומען זידלען, יעקב פלעגט איהר געוועהנליך געבען רעסטע. אין הארצען ביי איהם האט געברענט ווי א פייער דער געדאנקען, וואס מען האט איהם אין די יונגע יאהרען פארדרייט זיין קאפ, און נאך מיט א זא צרה!

פריידע האט אויך ניט ווייניג געליטען דערפון, צייטענווייס פלעגט זי פרובירען קויפען זיין ליבע מיט גוטע רייד, זי פלעגט איהם גוט צו זעהען, אבער מיט גוואלד קען מאן ניט ווערען בעליעבט — דאס איז שוין איין אלטער כלל. יעקב האט זיך מיט איהר געוואלט גטן, נור זי האט איינס פאר אלע מאל געזאגט, אז זי וועט קיין גט ניט נעהמען... די וועלט מאג זיך אפילו איבערקערין, בלוט מעג פארגאסין ווערין, און ער מוז בלייבען מיין מאן!

וואלטען זיי חאטש געהאט קינדער, קען זיין אז יעקב וואלט זיך צוגעבונדען צו די קינדער, ער וואלט אין זיי געפיהלט זיין פארגעניגען, זיין גאנצען אינטערעס אין לעבין, און מיט דער צייט וואלט די ליבע צו די קינדער זיי פאראייניגען, און זייער לעבין וואלט אזוי ביטער ניט געווען. צום אומגליק האבען זיי קיין קינדער ניט געהאט. אזוי האבען זיי אב געלעבט, אדער ריכטיגער געזאגט זיך אבגעמאטערט אויף דער וועלט גאנצע 30 יאהר און אללע טאג, זאגאר אפט איינינע מאל אין טאג, פלעגין ביי זיי פארקומען אזעלכע באטאליעס, ווי די וואס מיר האבען אויבען בעשריבען.

די ערשטע צייטען האט יעקב געפונען א מיטיל ווי פטור צו ווערין פון איהרע קולות — אוועק צו געהן פון שטוב און ארום שלעפין זיך איבער די גאסען, נאכהער איז ער בעקאנט געווארען מיט׳ן שיינק און איז דארטין געווארין איין גאנצער איינגעהער, זיא האט איהם אנגעהויבען נאך מעהר צו שילטען און זידלען, ער האט אנגעהויבען נאך מעהר צו טרינקען.

## יג.

## שרה זאמט זיך, דאס איז ניט גלאט.

אין 2 שעה הערום נאך שרה׳ס אוועקגעהן איז געקומען צו לויפען איהר קלענערער אינגעל, וועלכער האט זיך געשפילט ביין שכן, האט הערומגעקוקט דעם קאמעריל, א קוק געטאן אויף דער שלאפינער שוועסטעריל, נאכהער איז ער שטילערהייט צוגעגאנגען צום טישקעסטיל, האט ארויס גענומען די ברויט, אבגעבראכען עטליכע שטיקלעך און האט אויפגעגעסען שטילערהייט, קיינער

זאל חלילה ניט הערין ווי ער עסט. די שוועסטעריל האט זיך אויפגעחאפט און האט אנגעהויבען צו וויינען – איהם האט דאס ווייניג געארט; נאר אז ער האט צו רעכט געמאכט די ברויט, האט ער פון יוצא וועגין געטאהן א פאר מאל א וויג די וויגעלע, און האט געזאגט אין דער הויך, מען זאל הערין אין צווייטין צימער:

„ווער האט דיר געטאן איווינקע? ווער האט דיר געטאן?"– דערנאך איז ער הערײן אין צווייטין צימער–פריידע, וואו איז די מאמע? האט ער געפרעגט.

– זי האט אוועק געטראגען דעם טאטען וואַרמעס – איווינקע האט געוויינט, איך האב איהר געוויגט און זי וויינט און ווערט אלץ ניט אנשלאפין.

– וויג איהר נאך אביסעל – וועסט דו זיין א וואהלער אינגעל, האט געזאגט פריידע, טראכטענדיג וועגין יעקב'ן.

– גוט.

ער איז ווידער הערײנגעקומען אין קאמער, נור אנשטאט צו דער וויגעלע איז ער צו געגאנגען צום טישעסטיל, האט אבגעבראכען נאך א ברעקיל ברויט און האט אנגעהויבען עסען. אין דעם איז אריין דער עלטערער ברודער זלמן. דוד'קע האט שנעל פארלייגט דיא האנדעל מיט די ברויט אויפ'ן רוקען.

– וואו איז די מאמע? – זי איז ניט דא... דעם טאטען וואַרמעס... האט געזאגט דוד'קע מיט א וויינעדיגע און דערשראקענע שטימע.

– און וואס איז דאס דארטען ביי דיר אין האנד?

– הא? גאר נישט – האט געענטווערט דוד'קע הערויסלאזענדיג די ברויט פון האנד. – נא זעה!

און ער האט בעוויזען די ליידיגע האנד.

– און וואס האסט דו דארטען הערויסגעווארפען? – האט זלמן שטרענגע געפרעגט, אויפהויבענדיג דאס שטיקעל ברויט.

– ברויט.. אברעקעלע האב איך גענומען, אפיצעלע.

– וואַרט חאלעריע, איך וועל שוין דערצאהלען די מאמען, אז דו נעהמסט אליין ברויט,

– א ברע–ע–קעלע... האט זיך דודקע פאנאנדער געוויינט.

זלמן האט איהם א שטויס געטאהן און דער קלענערער ברודעריל איז אוועקגעגאנגען.

זלמן האט זיך גענומען עסען די טרוקענע ברויט, איידער די מאמע וועט קומען איהם געבען וואַרמעס, ריבינקעס געוויין האט איהם א פנים אויך ווייניג געהארט, ער איז שוין צוגעוואהנט געווען צו הערען איהרע קולות שעה'ן לאנג, נור אז דאס קינד איז שוין הייזעריג געווארען און האט אנגעוואַרען

די

דִי כּחות שְׁרַייעֶנְדִיג, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם וִויגֶעלֶע.

– רִבִינְקֶע וָואס וֵויינְסְט דוּ, דוּ וִוילְסְט עֶסֶען?

דָאס קִינְד הָאט אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען צוּ אִיהְם דִי הֶענְטְל אוּנ הָאט גֶעחְלִיפֶּעט, גְלַייךְ וִוי זִי וָואלְט זִיךְ גֶעבֶּעטֶען בַּיי אִיהְם. –

– וִוילְסְט עֶסִינְקֶען? וַוארְט, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאלְד גֶעבֶּען, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ, הָאט הֶערוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טִישְׁקֶעסְטִיל אַ פַּארְדַארְטֶע שְׁטִיקֶעל חַלָה, וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען פוּן שַׁבָּת, אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּקַייעֶן. אַ דְרִיטֶעל הָאט עֶר הֶערַיין גֶעשְׁטָאפְּט דִי שְׁוֶועסְטֶערִיל אִין מוֹיל, דָאס אִיבֶּערִיגֶע הָאט עֶר אַלֵיין פֶּערְשְׁלוּנְגֶען, דָאס הוּנְגֶערִיגֶע קִינְד הָאט גֶעגֶעסֶען מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק, אוּנְטֶערְוֵויינֶענְדִיג פוּן אוּמְגֶעדוּלְד אֵיידֶער זַלְמֶן הָאט צוּקַייט יֶעדֶער בִּיסְסֶען.

דִי שְׁטִיקֶעל חַלָה הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט.

– מֶעהְר אִיז נִיט דָא, רִבִינְקֶע.

נוּר רִבִינְקֶע הָאט זִיךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער נִיט צוּפְרִידֶען גִישְׁטֶעלְט אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ שְׁטַארְקֶער וֵויינֶען. זַלְמֶן הָאט אִיהְר אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַיינְשְׁטִילֶען, נוּר דָאס קִינְדְס אַפֶּעטִיט הָאט נִיט גֶעוָואלְט שְׁוַוייגֶען.

– שְׁטִילֶער! שְׁטִילֶער! אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען! גֶעזֶעהֶען! וִויא זִיא הָאט זִיךְ פַּארְנַאנְדֶערְגֶעוֵויינְט.

אוּנ עֶר הָאט אִיהְר עֶטְלִיכֶע מָאל אַ קְלַאפּ גֶעטָאהְן אִיבֶּערִין פְּלֵייטְשֶׁע, דָאס קִינְד אִיז בִּיסְלֶעכְוַויים עֶנְטְשְׁוִויגֶען גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפֶען.

נִיט דֶערְוַוארְטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיף דִי מוּטֶער אִיז זַלְמֶן אַוֶועק אָהְן וַוארְמֶעס אִין חֵדֶר.

יַעֲקֹב אִיז הֶערַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ שׁוֹין אַ בִּיסֶעל חֶדְוָה'דִיג, פְרֵיידֶע הָאט אִיהְם אַ וָוארְט נִיט גֶערֶעדְט אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעגְרֵייט צוּם טִישׁ.

– שׁוֹין צְוֵויי דֶער זֵייגֶער. וָואס קֶען דָאס זַיין, וָואס שָׂרָה אִיז נָאךְ נִיט דָא.

יַעֲקֹב הָאט גֶעשְׁווִיגֶען.

– זִי אִיז מִסְתָּמָא, הֶערַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהְר טַאטֶען, זִי הָאט דָאךְ דָא אוּמְזִיסְטֶע נְיַאנְקֶעס, הָאט פְרֵיידֶע אִירָאנִישׁ גֶעזָאגְט.

דֶער זֵייגֶער הָאט גֶעשְׁלָאגֶען 5.

שָׂרָה אִיז נָאךְ אַלְץ נִיט דָא, דָאס אִיז נִיט גְלַאט, – הָאט פְרֵיידֶע גֶעזָאגְט, – וָואס קֶען דָאס דָארְטֶען זַיין.

– קְלֶערְסְט אִיהְר אֶפְשַׁר גֶעהְן זוּכֶען? הָאט יַעֲקֹב גֶעפְרֶעגְט אִירָאנִישׁ.

פְרֵיידֶע הָאט דָאס אִין דֶער אֱמֶת'ן גֶעקְלֶערְט טָאהְן, נוּר אִיצְטֶער, נָאךְ יַעֲקֹבְס וֶוערְטֶער, הָאט זִי גֶעעֶנְטְוֶוערְט:

נאד

–נאָך וואָס? איך וועל איהר געהן זוכען! אַ צו גרויסער כּבוד פאַר איהר!

עס איז געוואָרען פינסטער, עס איז געקומען די צייט, ווען משה פלעגט זיך שטענדיג אומקערען פון דער אַרבעט, נור ניט ער, ניט שׂרה זיינען נאָך ניט געקומען!

– מאַן דאַרף געהן זעהן, וואָס איז דאָרטען, גאָטט זאָל געבען, עס זאָל זיין אַלעס גוטעס, נור דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס ניט קיין גוטעס.

יעקב האָט געשוויגען, ער איז אויך געווען אומרוהיג, נור ער האָט דאָס ניט געוואָלט הערויסוויזען.

דוודקע מיט רבינקען האָבען שוין געשלאָפען, זיך געגנוג אָנוויינענדיג: זלמן איז געקומען פון חדר.

– האָסט דו ערגעץ ניט געזעהען די מאַמען?–האָט בּיי אים פריידע גיפרעגט.

– וואָס איז? וואו איז זי?

– זי איז פון דער פריה אָן ניט דאָ, זי האָט אַוועק געטראָגין דעם טאַטען וואַרמעס און איז נאָך צוריק ניט געקומען.

– די מאַמאַ איז נאָך פון דער פריה אָן ניט דאָ, – אַי אַי! וואָס קען דאָס זיין?

– וואָס ווייס איך, וואָס דאָס קען זיין? קום, מיר וועלען זעהען, וואו איז זי?

פריידע האָט אָנגעטאָהן דעם יאַק און האָט שוין געוואָלט געהען זוכען, נור זי האָט דערזעהן שׂרה'ן דורכען פענסטער.

– אָט געהט זי אונזער פריצטע!

~~~

שׂרה איז געגאַנגען פון שיינק זעהר גיך, פאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי געאיילט האָט זי אַליין ניט געוואוסט, אין קאָפּ בּיי איהר האָבען זיך געדרעהט שטיקלעך געדאַנקען, שטעכעדיגע ווי שפּילקעס, אין גאַנצען קערפּער האָט זי געפיהלט אַ וועהטאָג.

– וואָס וועט איצטער זיין? ווי וועט איצטער זיין? זי האָט זיך קיין זאַך קלאָר ניט געקענט פאָרשטעלען.

זי איז געווען ווי פאַרטשאַדעט. איין זאַך נור האָט זי געפיהלט קלאָר, אַז זי איז אומגליקליך, אַז איהר לעבען איז פערניפּטעט.

– און ווען אַפילו... ער...

נור אויך די שלאַפּע האָפענונג איז פאַרלאָרען געוואָרען, איהר זיינען פון זינען ניט הערויס די ווערטער: אַ פינסטערער קבר, אַ ווייסער קיטעל...

זי האָט מיט מאַטערניס אָבגעצויגען דעם אָטהעם.

וואָס
~~~

– וָואס וֶועט דָאס זַיין ?. וָואס וֶועט דָאס זַיין ?!...

שָׂרָה אִיז הֶערַיין אִין שְׁטוּב. אִין דִי 8 שָׁעָה אִיז זִי עֶלְטֶער גֶעוָוארֶען אוֹיף 8 יָאהְר...

– שָׂרָה ! וָואס אִיז דָאס מִיט דִיר !.. זֶעהְ וִוי דוּ זֶעהְסְט אוֹיס ? וואוּ אִיז מֹשֶׁה ? הָאט פְרֵיידֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן.

–מַאמִינְקֶע, וואוּ אִיז דֶער טַאטֶע ? הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן אוֹיךְ זַלְמָן, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען פַאר פְרֵיידֶעס גֶעשְׁרֵיי.

אַ פָּאר סֶעקוּנְדֶען הָאט שָׂרָה גֶעקוּקְט אוֹיף אַלֶעמֶען הֶערוּם אִיהְר וִויא אַ צוּדוּלְטֶע, נוּר מִיט אַמָאל הָאט זִי אַהַאפּ גֶעטָאהְן זַלְמֶען. אוּנ וֵויינֶענְדִיג אוֹיפְ׳ן קוֹל הָאט זִי אִיהְם צוּגֶעקְוֶועטְשְׁט צוּם הַארְצֶען אוּנ אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּשֶׁען.

– מַיין זָאהְן, מַיין טְהַייעֶרֶער קִינְד !

– מַאמִינְקֶע ! –הָאט דֶער אִינְגֶעל גֶעוֵויינְט.

– מַיין זָאהְן ! מִיר... מִיר.

דִי טְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ אִיהְר גִישְׁטֶעלְט אִין הַאלְז, אִיהְר גֶעלֶע גֶעזִיכְט אִיז רוֹיט גֶעוָוארֶען. זִי אִיז גֶעפַאלְלֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען וִויא אַטוֹיטֶע.

– אָי – זִי חַלֶשְׁט !

עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ גֶערוּדֶער, מַאן הָאט אוֹיף אִיהְר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפְּרִיצֶען מִיט וַואסֶער, מַאן הָאט אִיהְר גֶעקְוֶועטְשְׁט דֶעם נָאז, בִּיז זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, שָׂרָה הָאט אוֹיפְגִיעֶפִינְט דִי אוֹיגֶען אוּנ זִיךְ הֶערוּמְגֶעקוּקְט הֶערוּם זִיךְ.

– מַאמִינְקֶע ! הָאבֶּען גֶעוֵויינְט דִי קְלֶענֶערֶע, אוֹיפְחַאפֶּענְדִיג זִיךְ.

– אָי, פְרֵיידִינְקֶע ! הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגֶען, אוֹיפְהֶעבֶּענְדִיג זִיךְ פוּן דֶער עֶרְד, אִיךְ בִּין אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶע !... אָי, קִינְדֶערְלִיךְ ! אוּנְזֶער שְׁפַּייזֶער – דֶער טַאטֶע – אִיז פַארְשָׁאטֶען.

– שָׂרָה ! וָואס רֶעדְט אִיהְר ? וִוי אַזוֹי אִיז דָאס ! הָאבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן פְרֵיידֶע מִיט יַעֲקבְן אוֹיף אַ מָאל.

– מַאמִינְקֶע וואוּ אִיז דֶער טַאטֶע ? וָואס אִיז מִיט אִיהְם ? פַאר וָואס אִיז דֶער טַאטֶע נִיט דָא ?

שָׂרָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען וֵויינֶען אוֹיפְ׳ן קוֹל. דִי טְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ טַייכֶענְוַויִיס גֶענָאסִין פוּן אִיהְר ; עֶרְשְׁט אִין אַ הַאלְבּ שָׁעָה הֶערוּם וֶוען זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט, הָאט זִי גֶעקֶענְט דֶערְצֶעהְלֶען וֶועגֶען דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען אוּמְגְלִיק.

– מַאמֶע, דֶער טַאטֶע אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען ? הָאט דָוִדְקֶע גֶעפְרֶעגְט.

– שׁוֹטֶה אֵיינֶער ! וָואס רֶעדְסְט דוּ ! – הָאט אוֹיף אִיהְם אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאהְן פְרֵיידֶע, וֶועלְכֶע הָאט דָאס גֶעהַאלְטֶען נִיט פַאר קַיין גוּטֶען סִמָן.–עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְד!

– מַאמֶע! קוּם שׁוֹין, נָאמִיר זֶעהֶען, וָואס מַאכְט דֶער טַאטֶע– הָאט גֶעזָאגְט זַלְמָן.

–קוּם, פְרֵיידֶע, – הָאט זִיךְ אוֹיךְ יַעֲקֹב אָבְּגֶערוּפֶען.

אַלֶע זַיינֶען הֶערוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, חוּץ דְוֹדְקֶען, מִיט רִבְקֶען.

רִבְקֶע הָאט גֶעוַויינְט, זִי הָאט זִיךְ אֲפִילוּ אָנְגֶעזוֹיגֶען, נוּר מִיט וָואס? נִיט קֵיין מִילְךְ נוּר גֶעזַאלְצֶענֶע טְרֶערִין הָאט זִיא גֶעזוֹיגֶען פוּן דֶער מוּטֶערְס בְּרוּסְט. אִיהְר אִיז בַּאלְד נִיט גוּט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם זוֹיגֶען...

# יד.

## שָׂרָה בְּלַייבְּט אַיין אַלְמָנָה.

מַלְכָּה אִיז דֶערְוַוייל גֶעגַאנְגֶען הֶערוּם דֶעם זוּהְן, הָאט אִיהְם גֶעבִּיטֶען דִי קָאמְפְּרֶעסִין פֶערְרִיכְט דִי קִיסֶען, קְלַאפֶּענְדִיג זִיךְ צַייטֶענְוַויס מִיט דִי קוּלַאקֶעס אִין קָאפּ.

–מַיין זוּהְן, מַיין קְרוֹין פוּן מַיין קָאפּ... פוֹיגֶעלֶע מַיינֶער!

אִיהְר הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט גֶעוָוארֶען אוּנ זִי הָאט נִיט גֶעקֶענְט וַויינֶען.

בַּיי מֹשֶׁה'ן אִיז דָאס פָּנִים שְׁוַוארְץ, דִי בְּרוּסְט שְׁטַארְק גֶעשְׁוָואלֶען גֶעוָוארֶען, עֶס זַיינֶען הֶערַיינְגֶעגַאנְגֶען שָׂרָה, זַלְמָן, פְרֵיידֶע מִיט יַעֲקֹב'ן.

– נוּא וָואס? הָאט גֶעפְרֶעגְט שָׂרָה מִיט שְׁרֶעק אוּנ הָאפֶענוּנְג.

גָאט זָאל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען – הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי שְׁוִוינֶער.

פְרֵיידֶע מִיט יַעֲקֹב'ן זַיינֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם קְרַאנְקֶען, נוּר זֵיי זַיינֶען מִיט שְׁרֶעק אָבְּגֶעגַאנְגֶען אַ הִינְטֶער.

–מֹשֶׁה! הָאט אִיהְם יַעֲקֹב שְׁטִיל גֶערוּפֶען בַּיים נָאמֶען. עֶר הָאט נִיט גֶעאֶנְטְוֶוערְט.

זַלְמָן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פָאטֶער.

–טַאטֶע! טַאטִינְקֶע! וָואס אִיז דִיר, טַאטִינְקֶע? וָואס לִיגְסְט דוּ? זָאג, וָואס זְשֶׁע שְׁוַויינְסְט דוּ, טַאטִינְקֶע? עֶר הָאט זִיךְ צוּוַויינְט אוֹיפְ'ן קוֹל.

אַלֶע הָאבֶּען גֶעוַויינְט.

מֹשֶׁה הָאט אוֹיפְגֶעפִינְט זַיינֶע אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶיוֶוען רוֹיטְה וִויא פַייעֶר, אוּנ הָאט אוֹיסְגֶערֶעדְט קוּים אָבְּצִיעהֶענְדִיג דֶעם אָטְהֶעם:

עֶס שְׁטִיקְט... אָט דָא, דִי הַארְץ אַזוֹי... וִוי אִין אַפֶּרֶעס... הֵייס...

אֶפְשַׁר וָואלְסְטוּ וָואס עֶס אִיז גֶעטְרוּנְקֶען? –הָאט גֶעפְרֶעגְט שָׂרָה.

–זַלְמָן, קוּם אַהֶער צוּ מִיר...

–טַאטִינְקֶע!, הָאט זַלְמָן גֶעוַויינְט, קוּסֶענְדִיג אוּנ גְלֶעטֶענְדִיג דֶעם פָאטֶער,

ווער

ווער געזונד... מיר וועלין געהן גלייך אהיים... מיר וועלין זיין ביי זיך אין דער היים... טאטינקע ליבינקער, זיסינקער.

דאס וואס דער קראנקער האט זיך אנגעשטריינגט צו רעדען האט איהם פערמאטערט.

– איך וויל שלאפין... לאז מיר... מיין זוהן...

ער האט ווידער פארמאכט די אויגען.

זיטצענדיג ביי דער הארטער בעטיל פון איהר אומגליקליכען זוהן האט זיך מלכה פארגעשטעלט איהר פינסטערין, טרויעריגען, אלמנה'שען לעבען.

קיין קינד איז ניט פארזארגט, ניט לאנג איז איין זוהן געשטארבען, איבערלאזענדיג אויף איהר קארק 4 יתומים, און דא? ווידער יתומים?! את גאטט! און זי איז אזוי שלאף, זי האט שוין אזוי קיין כח ניט צו הארעווען: זי איז צייטענווייס אויך קראנק, נור אגאנצע וואך איז ניט דא קיין צייט צו קראנקען, סיידין שבת אדער יום טוב, דענסטמאל ליגט זי אב א גאנצען טאג און קראכצעט, זי דערפיהלט דאן אלע וועהטאגען.

ליגענדיג ביי א פערטעל שעה רוהיג, האט משה זיך אנגעהויבען ארומ-ווארפען, אויסשטעללענדיג זיינע מיט בלוט פארלאפענע אויגען, ער האט געאטעמעט גיך, חריפענדיג, ביי איהם אין ברוסט האט עפעס אנגעהויבען צו רעדען, צו זעגען. די אויגען האט איהם הערויס געשפארט. די פארטריקענטע ליפען זיינען בלאה געווארען. די הארץ האט זיך הויך געהויבען, ער האט זיך אנגעהויבען ווארפען שטארקער.

– וואסער!...

מען האט איהם דערלאנגט, נור ער האט ניט גענומען. עס האט איהם געהאפט דער קראמפף (קאנוואולסיע) די אויגען האט איהם הערויסגעשפארט און זיי זיינען פערלאפען מיט בלוט, נור נאכהער זיינען זיינע בעוועגונגען געווען שלאפער, די אויגען זיינען געווארען קלענער און זיינען פערלאפען מיט אייטער (מאטעריע) דאס פנים האט זיך פארקרימט, ער האט פארקריצט מיט די צאהנער.

שרה האט פערשטאנען, וואס דאס בעדייטעט, און האט זיך אנגעהויבען שלאגען קאפ אן וואנד. –איי ער שטארבט לויפט גיכער נאך א דאקטער!

שמואל איז אוועקגעלאפען.

דער שטערבענדער איז געווארען רוהיגער, נור אין הארצען ביי איהם האט נאך אלין געכריפעט און די אויגען זיינען טיף איינגעפאלען.

אט האט זיך די רעכטע פוס אויסגעבויגען, די לינקע האט זיך מיט א מאל אויסגעצייגען און ווידער זיך צו זאמענגעצויגען, ער האט אנגעהייבען שאקלען מיט די ליפען, סקריפען מיט די ציינער. ער האט א מאך געטאהן

מיט

מיט די קאלטע מאזאליסטע האנד – און איז שטיל געווארען, שטיל אויף עוויג. ארעמער, אומגליקליכער ארבעטער! גאר ווייניג האסט דו פון דער וועלט גענאסען – ניט פאר דיר האט געשיינט די זון, ניט פון דיינט וועגען האבען געבליהט גארטנער, זיינען שנעלע געפלויגען לאקאמאטיווען, האבען זיך וואונדערבארע מאשינען ערפונדען; ניט דו האסט איבערגעגעבען דיינע געדאנקען דורך עלעקטרי, ניט דיין אויער האט פערגעניגען געקליבען פון דעם שאנעם, זיסען געזאנג פון די בעריהמטע זינגער פאטי און מאזיני, ניט פאר דיר האבען מאיר-בער אונד שטרויס געשריבען זייערע קאמפאזיציאנען; פון די אלע זאכען האסט דו קיין הנאה ניט געהאט. נאר מיט הארעוואנע ביסט דו גיווען זאט דיין גאנצען לעבין, קיין תענוגים האסט דו ניט געוואוסט – דאס האסט דו געלאזען פאר אנדערע, וועלכע זיינען אין א גליקליכערען מזל פאר דיר געבארען אויף דער וועלט. דארטען אויף יענעם עולם, וועסט דו אפשר זיין דער יחסן, נור דא אויף דער וועלט, פון וועלכע דו געהסט ערשט אוועק, איז דיין ברויט שטענדיג גיווען אויסגעווייקט אין בלוט און אין טרערין, צוגעריכט מיט צרות און בעליידיגונג: זאל-זע דיר, דוא שטיף-זאהן פון דער וועלט, דער טויט ניט שרעקען: ניט פון גוטעס נעהמט ער דיר צו, אוועק טראגענדיג דיר אויף דער עוויגער רוהע.

– דער דאקטאר וויל ניט געהן! – האט שמואל געשריען ארייגלויפענדיג, ער זאגט, ער קען ניט העלפען! וואס טהוט מען?!

שמואלס געשריי האט זיי אלעמען אזוי ווי פון שלאף ערוואכט.

– אי, ער איז געשטארבען!! האט אנגעשריי געטהאן שרה, זיא איז געפאלען אויף'ן קאנאפע און האט געחלשט.

יעקב האט געבראכט עטליכע מענשן וועלכע זיינען צוגעגאנגען נאהנטער צו משה'ן, ביי אים האט זיך קוים באמערקענדיג דא אשאקעל געטהאן דיא ליפען, דא א ציטער געטהאן די פיס.

– ער איז געשטארבען – האבען זיי שטילערהייד געזאגט אונד געמאכט די שרעקליכע שוידערהאפטע ברכה, פון וועלכע עס געהט אריבער אקעלט איבער אלע גלידער אונד וועלכע ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „ברוך דין האמת". דאס הייסט: געלויבט איז ער, אונד גירעכט איז זיין משפט. –

מלכה האט אויף זיך די האר געריסען, שמואל האט זיך געשלאגען קאפ אן וואנד. זלמן האט געשריען: –טאטינקע טהייערער טאטינקע! פריידע האט געמינטערט שרה'ן, די איבעריגע האבען שטילערהייד געוויינט.

– מיין קינד! דער קרוין פון מיין משפחה! האט געשריען שמואל, דורך מיר געהסט דו איצט, משה, א יונגער אין דער ערד! איך האב דאס עס גיגעבען די עצה ווערען א ערד גראבער.

מלכה

מַלְכָּה הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט ווִי זִי הָאט אַמָאל גֶעטְרִיבֶּען דִי יוּנְגֶע פָּאר פָּאלְג פוּן שְׁטוּב אוּנ זִי הָאט זִיךְ גִירֶעכִינְט שוּלְדִיג אִין עֶפֶּעס. שְׁמֶערִיל חְלָאפּ הָאט ווִיסֶענְדִיג דִי טְרֶערֶען גִיקְלֶערְט – ווֶען אוֹיף מִיר ווָאלְט דַאמָאלְט נִיט גִיוֶוען אַ בֵּייזֶע שָׁעָה, ווֶען אִיךְ ווָאלְט עֶס נִיט לָאזֶען דֶערְגְרָאבֶּען דֶעם ווִינְקֶל, ווָאלְט עֶר נָאךְ לַאנְג לֶעבֶּען. כִּמְעַט אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אַבִּיסֶעל שוּלְדִיג אִין דֶעם אוּנְגְלִיקְ-לִיכֶען אַרְבֶּעטֶערְס טוֹיט, נוּר אֵיינֶער ווֶעלְכֶער אִיז אִין אֱמֶת שוּלְדִיג גִיוֶוען, לֵייבֶּע בֶּערְקִין, הָאט זִיךְ אִין דֶערְצַייט גַאנְץ רוּהִיג גֶעשְׁלָאפֶען אוֹיף אַטַייעֶרֶע גֶעשְׁנִיטְצְטֶע בֶּעטִיל, אוֹיף ווֵייכֶע זַיידֶענֶע בֶּעטְצַייג אוּנְד הָאט גִיזֶעהֶן גָאלְדֶענֶע חֲלוֹמוֹת, עֶס הָאט זִיךְ גֶעחָלוֹמְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶענוּמְמֶען אַ פָּאדְרַיַאד אָן ווֶעלְכֶען עֶר פַארְדִינְט 3 מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזִינְט רוּבּל, עֶס הָאט זִיךְ עֶס אִין שְׁלָאף גֶעלַאכְט.

משֶׁה'ן הָאט מֶען אִין דֶער זֶעלְבֶּער נַאכְט מְקַבֵּר גִיוֶוען, ווַייל מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט מֶען זָאל עֶס נִיט פַאלְמֶעסִין, אוֹיף קְבוּרָה גֶעלְד הָאט שְׁמֶערִיל גִיגֶעבִּין, עֶס אִיז גִיוֶועזִין אַ פִינְשְׁטֶערֶע נַאכְט.

אַ פִינְסְטֶערֶע נַאכְט, אַ פִינְסְטֶערֶער לֶעבִּין, אַ פִינְסְטֶערֶער טוֹיט!

---

עֶס זַיינֶען אַרִיבֶּער דְרַיי טֶעג.

אָבֶענְד-צַייט. שָׂרָה אִיז טְרוֹירִיג גִיזֶעסִין אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי קִינְדֶער אִין דִי ווִינְקֶעלַאךְ ווִיא דֶערְשְׁרָאקֶענֶע, דֶער צִימֶערִיל ווֶעלְכֶער הָאט פְרִיעֶר אוֹיךְ נִיט אִיבֶּערִיג גֶעשַׁיינְט, נִיט אִיבֶּערִיג גִיוֶוען צוּ גֶעפּוּצְט, הָאט אִיצְט אוֹיס-גִיזֶעהְן אִין גַאנְצִין ווִיא אַ פּוּסְטְקֶע, עֶס אִיז קָאנְטִיג גִיוֶוען אַז דָא פֶעהְלְט עֶפֶּעס. עֶס זַיינֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוּאֵל, שְׁמֶערִיל אוּנ יִשְׂרָאֵל חַיִים, הָאבִּין זִיךְ אַרוּמְ-גֶעקוּקְט אוּנְד זִיךְ גִיזֶעצְט. עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז גִיוֶוען שְׁטִיל.

– , שָׂרָה, מִיר זַיינֶען גֶעקוּמֶען . . . אוּנְז דוּכְט זִיךְ . . . מֶען דַארְף עֶפֶּעס מַאכִין אַ טָאלְק, הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁמֶערִיל.

– אַ טָאלְק, אִין ווָאס? – הָאט שָׂרָה ווִיא אַ תָּם גִיפְרֶעגְט.

– אִיךְ מֵיין, ווֶעגֶען דֶעם, ווָאס דוּ קֶענְסְט זִיךְ דָאךְ אַזוֹי נִיט אָפְּשְׁטֶעלֶען מִיט דִי קִינְדֶער; מִיט ווָאס ווֶעסְט דוּ זֵיי שְׁפַּייזֶען?

שָׂרָה הָאט נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, זִי הָאט נָאךְ נִידֶערִיגֶער אַרָאפְּגֶעלָאזֶען דִי קָאפּ.

– נוּ, אַזוֹי אִיז דָאךְ נָאר נִיט דָא ווָאס צוּ רֵיידִין, מֶען דַארְף דָא מַאכֶען עֶפֶּעס אַ טָאלְק!

– מִיט ווָאס קֶען אִיךְ דָאס מַאכֶען אַ טָאלְק?

– ווָאס הֵייסְט, מִיט ווָאס? דַיין טַאטֶענְס גִישֶׁעפְטִין נֶעהֶען אַ דַאנְק נָאט נָאר נִיט שְׁלֶעכְט, עֶר פֶערְדִינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם בִּיסְלַאכְווַייס, נוּ אִיז בַּייא אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען: אַזוֹי ווִי מִיר זַיינֶען דָאךְ אַלֶע גִיוֶועזִין מִיט דַיין משֶׁה'ן עָלָיו הַשָּׁלוֹם,

א ליכטיגין

אַ לִיכְטִיגֶען גַן-עֵדֶן זָאל עֶר הָאבֶּען, גוּטֶע פְרַיינְד, אַז דַיין טַאטֶע זָאל נֶעמֶען צוּ זִיךְ דַיין זַלְמָן אוֹיף הָאדֶעוַואנֶיֶע, אַלֶץ וֶועט דָאךְ זַיין מִיט אַ מוֹל וֶוייניגֶער! וַוייטֶער אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען אַז דוּ זָאלְסְט מַאכֶען אַ שְׁטִיקִיל קְרֶעמִיל, דֶער טַאטֶע גִיט 10 רוּבִּיל, דִי שְׁוִויגֶער...

– אָה, אַ סַךְ קֶען דִי שְׁוִויגֶער גֶעבֶּען.

– נוּ וֶועל אִיךְ דִיר לַייֶען 10=15 רוּבּל אוֹיף אוֹיסְצָאהְלֶען, נוּר דֶער עִקָר, – אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס דֶענְסְטְמָאל אִין גֶערוּדֶער גָאר פַארְגֶעסֶען צוּ זָאגֶען – דֶער עִקָר, גֶעה אַרַיין צוּ לֵייבּ בֶּערְקִין: עֶרְשְׁטִין הָאט עֶר מִיר אַלֵיין גֶעהֵייסִין דִיר שִׁיקֶען, אוּנְד וִוידֶער קֶענְסְט דוּ אַזוֹי אוֹיךְ אַרַיין גֶעהְן: דֶער אוּנְגְלִיק הָאט זִיךְ דָאךְ גֶעטְרָאפֶען אוֹיף זַיין פַּאדְרְיַאד, עֶר אִיז נִיט קְרַאנְק, עֶס אִיז גָאר קֵיין מַעֲשֶׂה רַע נִיט אַז עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן 100 רוּבִּיל.

– הְם! 100 רוּבִּיל! – הָאט שָׂרָה אַ לַאךְ גֶעטָאן, אִיר, ר׳ שְׁמֶערִיל זָאלְט דָאס זָאגֶען, אַזוֹי וִויא אִיר וָואלְט גָאר נִיט קֶענֶען לֵייבֶּען!!

– אוּנְד אַז אִיךְ קֶען עֶם אִיז וָואס? דוּ וֵוייסְט אַז מֶען קֶען אוֹיף עֶם אִין סוֹד דֶער פַּר אָנְגֶעבֶּען. דוּ וֵוייסְט? אַז דֶער אַרְחִיטֶעקְט הָאט עֶם צְוֵויי מָאהְל גֶעהֵייסֶען מַאכֶען פָּאדְפָּארֶעס אוּנְד עֶר הָאט נִיט גֶעמַאכְט, דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס וֶועט עֶם אַזוֹי גְלַאט אַרָאפְּגֶעהְן? נִישְׁט קָשֶׁה, עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקֶען אַז דוּ וֶועסְט עֶם אָנְהוֹיבֶּען צוּ סְטְרַאשֶׁען.

– אַקוּרַאט וִוי לֵייבֶּע וֵוייס נִיט אַז אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן זִיךְ מִשְׁפָּטְן מִיט עֶם!

– טָא וָואס אִיז אַז עֶר וֵוייס? פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען קְלֶער אִיךְ אַז 100 רוּבְּל דַארְף עֶר גֶעבֶּען.

– הַלְוַאי זָאל עֶר הָאטְשׁ 50 רוּבְּל גֶעבֶּען, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ דַאנְקֶען גָאט! הָאט שְׁמוּאֵל גֶעזָאגְט.

– נוּ, 50 אִיז 50, סְ׳אִיז אַלֶץ גֶעלְד. מֶען דַארְף אַרַיין גֶעהְן, אוּנְד דֶעם אִינְגֶעל נֶעמְסְט דוּ שְׁמוּאֵל?

– וֶוער דֶען וֶועט עֶם נֶעמֶען אַז נִיט אִיךְ!

– הֵייסְט דָאס, בְּלַייבְּט דָאס אַזוֹי – הָאט שְׁמֶערִיל גִיעֶנְדִיגְט דִי אֲסֵיפָה, אוֹיפְשְׁטֶעהֶענְדִיג: דוּ נֶעמְסְט דֶעם אִינְגֶעל אוּנ גִיבְּסְט 10 רוּבִּיל, אִיךְ גִיבּ 15 רוּבְּל, אוּנְד דוּ שָׂרָה זָאלְסְט גְלַייךְ וִוי דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען פוּן שִׁבְעָה אַרַיין גֶעהְן בַּאלְד צוּ לֵייבֶּען.

## טו.

## אַ רְפוּאָה גֶעגֶען שִׁכְּרוּת.

אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם אוֹיפְשְׁטֶעהֶענְדִיג פוּן שִׁבְעָה, הָאט זִיךְ שָׂרָה גֶעקְלִיבֶּען גֶעהְן צוּ לֵייבֶּען.

– זָאל עֶס נָאט גֶעבֶּען אַזַא הַארְץ, צוּ גֶעבֶּען וָואס מֶער – הָאט פְרֵיידֶע צוּ גֶעוואוּנְשֶׁען אוּנ אִין זִיךְ אַ קְלֶער גֶעטְהָאן... דַאמָאלְט וֶועט זִי דָאךְ מִיר אוֹיךְ פִּיל עֶס אִיז גֶעבֶּען...

– אָמֵן, הַלְוַאי, זָאל גָאט גֶעבֶּען הָאט גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט שָׂרָה אוּנְד אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען. פְרֵיידֶע הָאט גֶעשְׁטְרִיקְט אַ זָאק אוּנ אִיז גִיוֶוען נִיט אוֹיפְגֶעלֵייגְט; יַעֲקב אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק פוּן שְׁטוּב, פַאר זַיין אַוֶועק גֶעהְן הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַ בִּיסֶעל צוּ וֶוערְטִילְט אוּנ עֶר אִיז נָאךְ נִיט דָא.

עֶס אִיז אַרַיין גֶעקוּמְמֶען דִי שְׁכֵנָה רִבְקָה.

רִבְקָה אִיז גִיוֶוען אַ ווִילְדֶע בְּרִיָה, עֶס אִיז נִיט גִיוֶוען אַ זַאךְ צוּ וֶועלְכֶע זִיא זָאל נִיט טוֹיגֶען. זִי אִיז גִיוֶוען אַ סְקְלַאד פוּן פַארְשֵׁיידֶענֶע פְּרָאפֶּעסִיֶעס. אַ מֶעקְלֶערְקֶע פוּן דִינְשְׁטֶען, אַ וֶועסֶערְקֶע אִין בָּאד, אַ זָאגֶערְקֶע אִין קְלוֹיז אוּנְד וָואס נוּר אִיר ווִילְט הֶערִין אוּנְד גֶעדֵיינְקֶען!

– אַ גוּטֶער מָארְגֶען, פְרֵיידִינְקֶע!

– אַ גוּטֶער יָאהְר, רִבְצֶה, וָואס וֶועסְט דוּ זָאגֶען גוּטְס? וָואס הֶערְט זִיךְ בַּיי דִיר נַיים? זִיטְץ.

– וָואס פַאר נַיים זָאל זִיךְ בַּיי מִיר הֶערִין? קֵיין גְבִרְתֶע בִּין אִיךְ נָאךְ נִיט גֶעוָוארֶען, קֵיין אֵייגֶענֶעם מוֹיעֶר הָאבּ אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ נִיט אוֹיסְגֶעסְטְרָאיֶעט.

– זִי רֶעט וֶועגֶען מוֹיעֶרֶען! אִיךְ פְרֶעג וֶועגֶען גֶעזוּנְד! מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם וָואס אִיךְ טָאר נִיט דֶערְמָאנֶען אָן גֶעוַואסֶען, וָואס מֶען לֶעבְּט אוּנ מֶען אִיז גֶעזוּנְד, אוּנ עֶס אִיז דָא הָאטְשׁ עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט.

– אִיךְ פַארְשְׁטֶעה פְרֵיידִינְקֶע, אִיךְ פַארְשְׁטֶעה, נָאר וָואס זָאל מֶען טְהָאן? דֶער מֶענְשׁ אִיז זִינְדִיג: אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְד אוּנ הָאט בְּרוֹיט, קְלֶערְט עֶר אַז אַזוֹי דַארְף זַיין אוּנ פַארְלַאנְגְט אַלְץ מֶערֶער אוּנְד מֶערֶער.

– אָי=אָי אָי, עֶרְבַּארְמִיגֶער גָאטְט! קֶען אַ מֶענְשׁ ווִיסֶען וָואס עֶס אִיז אָן גֶעהַתְמֶעט! עֶר לוֹיפְט, עֶר הַאוֶועט, עֶר פַארְדִינְט, אוּנ דָא קֶען זַיין, שְׁטֶעהְט עֶם שׁוֹין דֶער מַלְאַךְ-הַמָּוֶת אוּנְטֶערִין פְלֵייטְשֶׁע. דֶער מֶענְשׁ אִיז בְּלִינְד...

– בְּלִינְד, רִבֶעלֶע, בְּלִינְד, וָואס דַארְפְסְט דוּ מֶער, אָט מֹשֶׁה – אַ גוּטֶער בֶּעטֶער זָאל עֶר פַאר אוּנְז זַיין – הָאט עֶר דֶען גִיקְלֶערְט מִיט 2 וָואכֶען צוּרִיק אַז עֶר וֶועט אִיצְט לִיגֶען אִין דֶער עֶרְד, הַא? עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַיילְט נִיכֶער צוּ דֶער אַרְבֶּעט, עֶר הָאט נִיט גֶעאַרְבֶּעט 5 וָואכֶען, אִיז עֶר גִיוֶוען פַאר דַאֲגָה'ט, אוּנ אִיצְט?

פְרֵיידֶע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם פַארְטוּךְ.

– יֶע, מֹשֶׁה... מִיט גָאט קֶען מֶען קֵיין חֶשְׁבּוֹן נִיט הָאבֶּען, עֶר ווֵייס וָואס עֶר טְהוּט. דַאכְט זִיךְ צוּ וָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַזַא זֵיידֶענֶעם יוּנְגֶען מַאנְן וֶועלְכֶען הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת אִיז שְׁוֶוער צוּ גֶעפִינֶען אֲפִילוּ וֶוען אִיר וֶועט מְלוּכוֹת אוֹיסְפָּאהְרֶען... יֶע פְרֵיידִינְקֶע, אִיךְ הָאבּ שִׁיעֶר נִיט פַארְגֶעסֶען צוּ פְרֶעגֶען! אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז אַ

עֶטלִיכֶע טֶעג פַארִין טויט הָאט זִיךְ משֶׁה אויסְגִירֶעדְט: אַז אֵיידֶער אַזַא לֶעבֶּען, וָואלְט עֶר בֶּעסֶער וֶועלֶען פַארְשָׁאטֶען וֶוערִין מִיט עֶרְד – זָאג, אִיז דָאס אֱמֶת?

– זִי הָאט גִיהֶערְט! וֶוער הָאט דָאס דֶען אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְט אַז נִיט אִיךְ? אִיךְ הָאבּ אַלֵיין מִיט מַיינֶע אֵיינֶענֶע אויעֶרִין גִיהֶערְט – זָאל אִיךְ אַזוֹי הֶערֶען אַלְדֶעס גוּטְס – ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ שָׂרָהן, (זֵייא הָאבֶּען זִיךְ דֶענְסְטְמָאל אַבִּיסֶעל צוּ וֶוערְטִילְט, אִיךְ גֶעדֵיינְק שׁוֹין נִיט פַאר וָואס) „בֶּעסֶער שְׁטַארְבֶּען פוּן הִיטְץ־קְרֶאנְק, בֶּעסֶער פַארְשָׁאטֶען וֶוערֶען אִין דֶער עֶרְד, אֵיידֶער אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶען לֶעבֶּען, אַסוֹף, וֶועל אִיךְ חָאטְשׁ וִויסֶען אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ שׁוֹין מֶער נִיט מַאטֶערִין!“

– עֶס קֶען זַיין, עֶס קֶען זֵייעֶר זַיין, אַז עֶר הָאט זִיךְ אִין אַזַא שָׁעָה אוֹיס־גִירֶעדְט – דוּ מֵיינְסְט דָאס טְרֶעפְט נִיט?

– פָּטוּר, אַוַדַאי טְרֶעפְט דָאס.

– נוּ אוּנ וואוּ אִיז זִיא אִיצְטֶער?

– זִי אִיז אַוֶועק צוּם בַּעַל הַבַּיִת, בַּיי וֶועלְכֶען משֶׁה הָאט גֶעאַרְבֶּעט, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר אִיר גֶעבֶּען פִיל עֶס אִיז.

– דוּ וֵייסְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיפְ׳ן גַאס בַּאגֶעגֶענְט אִיר שְׁוֶועסְטֶער מוּסֶקֶען, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַרֵיין גֶעהְן צוּ שָׂרָהְן אוּנ זֶעהְן צוּ גֶעפִינֶען אִיר אַ־נְ־אָרְט פַאר אַיין אַמֶם.

– הַארְצִינְקֶע – קְרֵיינִינְקֶע! קְרִיג אִיר אַ־נְ־אָרְט, זָאל זִיא חָאטְשׁ פוּן מִיר אַרוֹיסְגֶעהְן! אִיךְ זָאג דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר צוּ אִיר קֵיין כֹּחוֹת נִיט: עֶרְשְׁטִינְס קֶען אִיךְ אִיר אוּמְזִיסְט אִין דִירָה נִיט הַאלְטֶען, מִיט וָואס וֶועט זִיא צָאהְלֶען? אוּנְד ווִידֶער, קֶען אִיךְ נִיט צוּ זֶעהְן ווִי זִי מַאטֶערְט זִיךְ גֶעבַּאךְ.

– אִין גַאסְס זָאגְט מֶען אַז זִי שְׁטַארְבְּט פְרָאסְט פוּן הוּנְגֶער.

– הַיינְטִיגֶע וָואךְ הָאט זִיא נָאךְ ווִי עֶס אִיז דוּרְכְגִילֶעבְּט: אַ בִּיסֶעל הָאט דֶער פָאטֶער גִיגֶעבִּין, אַ בִּיסֶעל שְׁמֶערִיל חָלֶאפּ, אוּנ אִיצְט פוּן נֶעכְטִין אָן אִיז נִיטָא אַ בִּיסֶען בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ, זִי הָאפְט אַלְץ אוֹיף לֵייבֶּען, אִיךְ הַאלְט דֶער פוּן וֵוייניג, זֶעה רִבְקָה קְרִיג אִיר אַ־נְ־אָרְט.

– דַארְפְסְט מִיר נָאךְ צוּ בֶּעטֶען, אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין סְטַארֶעוֶוען, דָאס אִיז דָאךְ שׁוֹין פַאר מִיר אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶעל נוּטְץ. אִיךְ הָארֶעוֶוע דָאךְ נִיט אוּמְזִיסְט. אִיךְ חָאבּ שׁוֹין אַ אוֹיסְזִיכְט אוֹיף אַ׳נְ׳אָרְט, מֶען דַארְף נָאר אַרָאפּ גֶעהְן אַ הִין.

– יֶע – יֶע, גֶעה אַרָאפּ, זֶע – זֶע!

אַ ווַיילֶע זַיינֶען זֵיי שְׁטִיל גֶעבְּלִיבֶּען.

– זָאג מִיר, וואוּ אִיז דָאס דַיין אַלְטֶער?

– וואוּ זָאל עֶר זַיין? עֶר הָאט, גָאט צוּ דַאנְקֶען, אַנְ׳אָרְט – פְרֵיידֶע הָאט אַ זִיפְץ גֶעטְהָאן.

– עֶר טְרִינְקְט נָאךְ אַלְץ? – הָאט רִבְקָה גִיפְרֶעגְט, שָׁאקְלֶענְדִיג מִיטֶען קָאפּ.

– אַלְץ הֵייסְט טְרִינְקֶען! אַ שְׁרֶעק זָאג אִיךְ דִיר, וִוי עֶר טְרִינְקְט. אָה טַאטִינְקֶע אִין הִימְמֶעל!..

– הֶער פְרֵיידֶעלֶע – הָאט רִבְקֶה שְׁטִיל גֶעזָאגְט אוּנְד זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט צוּ אִיז קֵיינֶער נִיטָא, אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעבֶּען אַ-נְ-עֵצָה מִיט וָואס עֶם אָפְּצוּגֶעוָואהְנֶען פוּן בְּרַאנְפֶען, אַ טְהַייעֶרֶע עֵצָה, זָאג אִיךְ דִיר! נִיט לַאנְג הָאט דָאס אַ אִידֶענֶע גֶעטְהָאן, אִיר מַאן הָאט גֶעטְרוּנְקֶען, גָאט זָאל הִיטֶען וִוי גֶעטְרוּנְקֶען, אַ שְׁרֶעק זָאג אִיךְ דִיר! עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְטְרִינְקֶען דְרַיי פְלַאשֶׁען אַ טָאג! הָאט זִי גֶעטְהָאן דִי רְפוּאָה – אוּנ עֶס הָאט אָפּ גֶענוּמְמֶען וִוי מִיטֶען הַאנְד, הַלְוַאי זָאל גָאט גֶעבֶען אוֹיף אַלֶע מָאל אַזוֹי! אַ טְרָאפֶּען נִיט! עֶר זָאל דָאס חָאטְשׁ נֶעמֶען צוּ דִי לִיפֶּען! נָא-אָר נִיט! עֶר קֶען אֲפִילוּ דֶעם רֵיחַ נִיט הֶערְן, עֶר אִיז נָאר שְׁוַואךְ, עֶר בְּרֶעכְט אָפְּט, נָאר דָאס וֶועט בַּאלְד אִיבֶּערְגֶעהְן.

– לִיבִּינְקֶע, טַייעֶרִינְקֶע, הַארְצִינְקֶע! אִיךְ וֶועל דִיר דָאס קֵיין מָאל נִיט פַארְגֶעסִין! הָאבּ רַחֲמָנוּת אִיבֶּער מִיר, קְרִיג מִיר דִי רְפוּאָה, אִיךְ וֶועל קֵיין גֶעלְד נִיט זְשַׁאלֶעוֶוען, נוּר קְרִיג, דוּ וֵייסְט נִיט פִיל הַארְצְוֵוייטָאג, פִיל יְסוּרִים אִיךְ נֶעם אַיין פוּן זַיינֶע שִׁכְּרוּת.

בַּיי פְרֵיידֶען הָאבֶּען זִיךְ גִישְׁטֶעלְט טְרֶערֶען אִין דִי אוֹיגֶען.

–עֶס אִיז גָאר קַיין וואוּנְדֶער נִיט... דִי רְפוּאָה קָאסְט אַדַאנְק גָאט גָאר קֵיין גֶעלְד אוֹיךְ נִיט. מֶען קֶען אִיר גְרִינְג בֶּעקוּמְמֶען, דָאס אִיז „טַהֲרָה וַואסֶער“. בְּעֵת מֶען וַואשְׁט אָפּ אַ מֵת נֶעמְט מֶען אַ גְלָאז וַואסֶער פוּן טַהֲרָה בְּרֶעט אוּנְד מֶען נִיט דָאס טְרִינְקֶען דֶעם קְרַאנְקֶען, קֶענְסְט דָאס גֶעבֶּען דַיין יַאנְקְ׳עֶן אִין טֵיי אָדֶער מִיט וַואסְסֶער, דוּ וֶועסְט גֶעדֵיינְקֶען מַיין וָוארְט: אֵייבּ עֶר וֶועט אִין 8 טָאג אַרוּם נִיט אוֹיפְהֶערֶען טְרִינְקֶען, מָאנְסְט דוּ מִיר זִידְלֶען אִין מִיטֶען גַאס.

--עֶס אִיז מִיר אָבֶּער עֶפֶּעס סְטְרַאשְׁנֶע, „טַהֲרָה וַואסְסֶער“?

–נַא דִיר, זִי הָאט גָאר מוֹרָא׳ וָואס הָאסְט דוּ דָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבֶּען! אִיז דֶער טוֹיטֶער דֶען נִיט גִיוֶוען אַזַא מֶענְשׁ וִוי מִיר אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע! דָאס אִיז עֶפֶּעס וַואסְסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה, וָואס?

– נוּ, זָאל זַיין וִוי דוּ זָאגְסְט, בְּרֵיינְג מִיר נוּר גִיכֶער דִי וַואסֶער.

– גוּט! גוּט! נוּר דֶערְצֵייל קֵיינֶעם נִיט.

–דַארְפְּסְט מִיר נָאךְ בֶּעטֶען?

דִי חֲבֵרְתֶ׳עס הָאבֶּען זִיךְ צוּשֵׁיידֶעט.

רִבְקֶה הָאט קֵיין זִיגֶין נִיט גֶעזָאגְט: יַעֲקב הָאט אִין אֶמֶת׳ן אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרִינְקֶען, נִיט נוּר בְּרַאנְפֶען, אֲפִילוּ וַואסֶער אוֹיךְ!

## טז) אַ אוּנְעֶרְוַוארְטֶעטֶע גַאסְט.

שָׂרָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶען זֶעהְר אַ שֶׁאהְנֶע גֶעשְׁנִיצְטֶע מַאסִיוְונֶע טְהִיר אויבען

אויבען מיט שייבעלאך פון אלערליי קאלארין, מיט גרויס דרך ארץ האט זי זיך צו גירירט צום האנדטיל פון טהיר, צום גליק איז דער שווייצער וועלכער אפענט אויף שטענדיג זעהר גיך מיט גרויס רעספעקט די טהיר פאר שאהן געקליידעטע מענשען, אקוראט ווי זייא וואלטען דאס אן איהם גאר ניט קענען טאהן, איז אין דער צייט ניט געוועזען אויף זיין ארט, אונ שרה איז אונגעשטערט אריינ־געגאנגען אין דעם וואהנונג פון די גאטטעס אויסערוויילטע לייט. מיט בושה פאר דעם וואס זי דארף מיט איהרע צעריסענע אונ שמוציגע שיך טרעטין אזעלכע שאהנע טרעפ, איז זי הערויף אויף פראכטפאללע מארמערנע טרעפ, זי האט עפעס געפיהלט קענען זיי איין אראבפאהל: איהר געזיכט איז פאר פינסטערט פאר חשכות, פארבלוטיגט, די טרעפ זיינען זויבער, ריין, שיינען; ביי איהר אין שטוב איז קאלט, דא אויף די טרעפ איז ווארעם.

פאר'ן טיר איז געשטאנען א גרויסער שפיגעל, (שרה האט אזא גרויסען שפיגעל אפילו אין חלום ניט געזעהען) א טואלעטנער טישעל מיט אלערליי נאטהיגע געצייג.

שרה האט זיך אלץ ניט געקענט בעשליסען צו געהען נאהענטער, דער שפיגעל האט איר עפעס אזוי ווי געזאגט: „וואס איז דאס פאר א צורה? פון וואנען האסט דו זיך דא גענומען! ווי קומסט דו אהער צווישען אונז“.

לאנג האט שרה געטופעט אויף איין ארט, טרויעריג קוקענדיג הערום זיך אונ האט ניט געוואוסט אין וועלכער טהיר אנצוקלאפען.

אויף איינע איז זאנאר געוועזען אנגעשלאגען א מעשענע ברעטיל מיט א רוססיסען אויפשריפט, Левъ Eорисовичъ Беркинъ נור שרה האט קיין רוסס לייענען ניט געקענט. זאל זיין וואס עס איז, זי האט זיך באשלאסען פארט אנקלאפען. זי האט ניט געוואוסט אז פאר לייטעשע מענשען איז דא אין טהיר פאראנגען א גלאקעל, אונ האט זי דען גאר געקענט קלערען, אז אין דאס מעשענע צאצקע וואס ליגט אין טיהר זאל מאן קענען קלינגען! זיא האט געקלאפט, נור די מאססיווע טיהר האט זיך פון ארט ניט גערירט, שרה האט אנגעקלאפט נאך אמאהל, שוין שטארקער, אונ מיט אקלאפענדע הארץ האט זי געווארט...

אין זאל זיצט דערוויל לייבע.. טפוי וואס רייד איך? לעוו באריסאוויטש פאמיליע ביי א גרויסען זודיגען סאמאוואר וועלכער איז געשטאנען אויף א זילבערנעם טאץ, אויבען אן זיצט דער ווירט, לעוו באריסאוויץ אליין, ביי דער רעכטער האנד זיין פרוי — א פערציג עמערדיגע קייפיל (זי איז געוועזען נאך גראבער נור זי איז געפארען נאך אויסלאנד אונ דארטען האט זי זיך אביסעל אבגעצערט), אביסעל ווייטער, די טאכטער, א פריילין פון 19 יאהר, איהר ברודער אונ א גאסט — ממזעל ריוולין.

דער גאנצער טיש איז געוועזען אויסגישטעלט מיט אלערליי געבאק,

לאקס

לאקס אונ נאך אלערליי פיש, פלייש, קעז אונ נאך אונ נאך. דער ווירטה מיט זיין פאמיליע פלעגען שטענדיג ניט וויסען וואס אויס צוקלייבען פון די אללע מאכלים, אונ ווען זיי האבען שוין יע וואס אויסגעקליבען, האבען זיי עס גענעסען אהן אפעטיט, בכלל האט מאן אויף זייערע געזיכטער געקענט איבער לייענען: אויף דער וועלט צו לעבען איז זייער גוט. נאר איין אומגליק, דער מאגען קאכט ניט!

— פאפא — האט געזאגט די מאדעמאזעל בערקין, — איך האב היינט בעקומען א בריף פון מיין סאשינקען (איהר חתן) ער שרייבט ווי פרעהליך ער פערברענגט די צייט, שטעל זיך פאר, ער האט איין פרייע מינוט ניט!.. זעהר א ליבען בריף... ווייסט פאפא וואס איך קלער צו טאהן! איך וועל אויפקלייבען אללע בריף סאשינקעס אונ וועל זיי געבען איינבינדען.

זי איז העריין אין צימער, האט פון דארטען געבראכט א גרויסען פאק בריעף אונ האט זיי אנגעהויבען איבער קלייבען.

פאפא איך האב שוין בעקלערט די פארמע פון דעם איינבונד: אין מיט'ן וועט זיין גרויסע גילדערנע דייטשע בוכשטאבען: „בריעף פון אלעכסאנדער סאלאמאנאוויטש צו אמאליע בערקין 82 — 1880 איך בין שוין געווען ביי א איין איינבינדער, ער בעט 12 רוביל, נור איך וועל בעסער אבגעבען צו סטעפאנאווען אין מאגאזין, אלע גיבען אהין אב! ביי איהם קומט דאס אימער העראוים פראכטפאל, סטעפאנאוו וועט וועהניגער ווי 15 רובל ניט נעמען.

— דאס איז אין גאנצען הוילע נארישקייט — האט געזאגט דער פאטער

— נור אויב דיר האט זיך שוין ניט אנדערש פארגעלוסט אויסגעבען געלד, וועט זיין גענוג 12 רובל, אליך איינס א בונד.

— אה פאפא וואס רעדסט דו! קען מאן דען גלייכען יודישע ארבייט צו קריסטליכע?

— האבען זיי געהערט מוסיו בערקין — האט געזאגט די גאסט-מיר האבען זיך צו זאמען גערעדט געבען א קאנצערט פון וועלכען די געלט זאל געהן פאר ארעמע גימנאזיסטען.

— א נארישער אויסקלאר צום לאכען! נאך מיין מיינונג איז דאס נור א קינדער-שפיל, אונ מעהר גאר נישט, האט לייבע, ד. ה. העדר בערקין, אומצופרידען געענטוועדט.

מאדאמואזעל ריבלין האט אנגעשטעלט בעליידיגט די ליפען.

— „קינדער-שפיל..“ ווען דאס טוהט זיך פון בלאגאטווארטעלנאסט?! איך זעה ניט אין דעם קיין נארישקייט וואס זאל זיין צום לאכען.

— אך! איהר האט מיר ניט גוט פערשטאנען! איך האב דען געזאגט עס איז נארעש צו העלפען ארעמע גומנאזיסטען? איך בין דאך אויך ניט פון די

פארצייטיגע, העלפען ארעמע איז אונזער חוב, בעזאנדערס די, וועלכע ווילען זיך בילדען, נור מיר געפעלט ניט וואס מאן וועט אויסקלייבען די נדבות דורך טהעאטער שפיל, וואס איהר וועט מאכען אגרויסע סומאטאכע, נאך מיין מיינונג ווען מאן וויל העלפען, קען מאן הערליין געהען צו איינעם, צום אנדערין, און מאן קלייבט אויף די זעלביגע געלד, וואס דער טהעאטער וואלט מאכען, שטילערהייט, אהן קלאפעריי און געשריי..

— ווער וועט דאס וועלען געהען איבער די הייזער! — האט געענטווערט, קאקעטיש, אין כעס ווערענדיג, די מאדעמואזעל ריוולין, — אגב ווילען דאך ניט אללע געבען נדבות; אין טהעאטער אבער, וועט יעדער געהען, ניט אזוי צוליב די וואלטהעטיגקייט ווי צוליב איינענעם פארגעניגען.

— און קאסטען דארף גאר נישט! דער ארט, די קליידער, בעלייכטונג?... נור עס קען זיין אייך ווילט זיך גלאנצין מיט אייער שפילין, — זעהט איהר, דאס איז גאר אנדערס.

איך קען מיין ראייל פארטרעפליך! האט זי פרעהליך געאנטווארט, איהר ווילט — וועל איך אייך די מינוט די גאנצע פיעסע איבערשפילען?

די פערציג עמערדיגע קייפיל האט זיך צו לאכט. זעהט נאר, זי איז שוין פיקס און פארטיג אונז אלץ הערוים געבען, מיר האבען דאך נאך קיין בילעטין ניט!

— איהר זעהט, — האט בערקין געזאגט, — אויף אזא אויפ'ן איז דאס גאר איין אנדער זאך, ווען אפילו עס וואלט זיך גאר ניט האנדלען וועגען גימנאזיסטען...

— אט וואס! — האט ריוולין געזאגט מיט א חונפ'דיגע מיענע, דאן וואלט איך אפילו פאר טויזענדער אויך ניט געוואלט שפילען! אונזער שולד, הערר בערקין, איז צו זארגען פאר דעם צווייטען, זיך בעגעהען ברידערליך מיט יעדער ארעמערין און נידער-גישלאגענעם מענשען...

מיט א מאהל האט זיך געהערט א קלאפ אין טיהר, די געזעלשאפט האט אויף דעם קיין אכט גיגעבען, נור אז דער קלאפ האט זיך געהערט א צווייטען מאהל, האט מאדעמואזעל בערקין צו געלייגט די האנד צו אזילבערנעם גלאקעל און אנקלינגענדיג צו דער פאקאייאווע האט זי איהר געהייסען אפענען, די טיהר האט זיך געאפענט און שרה האט שוין אריין גישטעלט איין פוס איבערין שוועל, נור ווי עס האט איהר פון ווייטען אבליץ געטאהן אין די אויגען דער פארפוצטער זאלל, האט זי ניט געסמייעט אריין געהן און האט אפגעטראטען אביסיל אהינטער, נור זעהענדיג אז די פאקאיאווע וויל שוין פארמאכען די טהייערע לאנג ערווארטעטע טיר, איז זי מיט א זייט אריין אין פאדער שטוב און איז

נעבליבען

געבליבען שטעהן כיין טיר. אלע האבען מיט אמאל אויסגישטעלט אויף איהר די אויגען.

— גוט מארגען! — האט געזאגט די ארעמע ווייביל — גוט מארגען — האט לעוו באריסאוויטש געענטפערט — וואס וועט איר זאגען?

— איך האב גיוואלט... אפשר קען מען... ריידין מיט אייך אפאר ווארטער. —

—ווארט דארטען א ווייל, ער האט איהר מיט'ן האנד אנגעוויזען אויף'ן קאבינעט, קלערענדיג ביי זיך: וואס לאזען דא די משרתים אריין אהער אלע אפגעריסענע, אלע שלעפער? ...

שרה האט גענוממען געהן אין קאבינעט, נאר אין טיר האט זיא זיך שיעור ניט פערפלאנטערט אין די שווערע סאמעטענע דראפעריעס; עס האט אויסגעוויזען אז זיי ווילין איר אפהאלטען, זי איז געבליבען שטעהן אין מיט'ן צימער, א קליין הינטעלע וועלכער האט פארגעניגען געקליבען ליגענדיג אין א ווייכען שטוהל, האט דערשמעקט די אונבעקאנטע פרויא, איז אראפגעשפרונגען אויפ'ן פארקעט אונ איז מיט א בילעריי אנגעפאלען אויף שרה'ן, שרה האט מורא געהאט זי זאל זיך ניט אויסגליטשען אויף די גלאט גיוועקסטע דילען, ווידער איז איהר גיוועהן זעהר ניט אנגענעהם וואס איבער איר האט דער הינטיל צו שטערט דיא גאנצע שטילקייט פון דעם פאראדנעם זאל. דער הינטעל האט זיך ווידער אויסגיציינגען אויפ'ן שטול. שרה האט ביסלאך גענומען ארום קוקען דעם צימער...

גאט מיינער, ווי פיל וואונדערליכע זאכען עס געפינען זיך דא אויפ'ן טיש! אלץ גאלד אונד זילבער. אונד אט די הירשען = הערנער אויפען וואנד, וועלכע איז בעשלאגען מיט וואונדער שיינע אביטשעס (טאפעטען). וועלכע שאהנע בילדער! גאר ווי לעבענדיג; עס איז גאר א שאדען אויף זיי צו קוקען... וואס פאר א שפיגעל, טאטע מיינער! איבער דער גאנצער וואנד! דער שפיגעל, האט מיט שטאלץ זיך אויסגעצויגען ביז סופיט, אונד האט אזוי ווי געזאגט צו שרה'ן: „קוק זיך איין ווי דו זעהסט אויס"! אויף צוויי קלאנעס זיינען גישטאנען אפאר ניבשענע מענשין, וועלכע זיינען זעהר גיט צו פרידען גיוועזן מיט שרה'ס קומען, זיי זיינען אפילו אליין געשטאנען נאקעטע, אבער דאך איז זיי ניט גיפעלען צו שטיין אין צימער מיט אזא ארימע אונד מאוס געקליידעטע אידענע. וואס פאר רייכע שטולען! עס איז גאר א שאנדע זיך צו זעטצען אויף זיי! דאס אלץ האט גידויערט ווייניגער ווי א מינוט. שרה האט אויפגיהערט צו קלערין וועגען דעם צימער וויל זי האט זיך דערמאנט נאך וואס זי איז געקומען, אונ האט אויסגישטעלט די אויגען אויפ'ן טהיר, דורך וועלכע בערקין האט געדארפט הערייין

גַיין. בֶּערְקִין אִיז טַאקֶע בַּאלְד אַרַיין גֶעקוּמֶען, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט, אַז די אָבְּגֶערִיסֶענֶע אִידֶענֶע זָאל נָאךְ דָארְטֶען נִיט גַנְבֶ'נֶען וָואס, אָנְשְׁפַּארֶענְדִיג זִיךְ מִיט דִי הַאנְד אָהְן טִישׁ, הָאט עֶר אוֹיף אִיר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיינֶע סְטָאלֶענֶע אוֹיגֶען, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט זָאגֶען: רֶעדְט, וָואס דַארְפְסְט דוּ?!

– ר' לֵייבּ, – הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שָׂרָה מִיט אַ צִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע. – אִיךְ בִּין צוּ אַייךְ גֶעקוּמֶען... מִיר הָאט... גֶעזָאגְט, שְׁמֶערִיל הָלָאפּ, אַז אִיר הָאט גֶעזָאגְט... גֶעהֵייסֶען מִיר קוּמֶען.

– אַ – אַ... דָאס זַייט אִיר... דֶעם עֶרְדְגְרֶעבֶּערְס וַוייבּ, דָאס הָאט אַייֶער מַאן פַארְשָׁאטֶען?

– יֶע, דָאס בִּין אִיךְ.

– הְם, טָא... זֶעצְט זִיךְ! פַאר וָואס זַייט אִיר דֶענְסְטְמָאל נִיט גֶעקוּמֶען... גְלַייךְ וִוי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֵייסֶען שְׁמֶערְלֶען דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג אַייךְ שִׁיקֶען, דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט, נִיט וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט זָאגֶען, נוּר פְּרָאסְט וַוייל קֵיין אַנְדֶער זַאךְ אִיז אִים אוֹיפֶען זִינֶען נִיט אַרוֹיף, אוּנ עֶר הָאט גָאר נִיט פַארְלַאנְגְט, זִי זָאל אִים וָואס אוֹיף דֶעם עֶנְטְוֶוערֶען.

– אִיךְ בִּין גֶעזֶעסֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ שִׁבְעָה.

– אַ, יֶע, שִׁבְעָה!... טוּ וָואס... טוּט אִיר אִיצְטֶער? הָאט לֶעוו בָּארִיסָאוִויטְשׁ גֶעפְרֶעגְט, הָאטְשׁ בֶּאֱמֶת הָאט עֶר גָאר גֶעמֵיינְט צוּ פְרֶעגֶען: וָואס ווִילְט אִיר פוּנְ־מִיר?

– וָואס זָאל אִיךְ טָאן? אִיךְ שְׁטַארְבּ פוּן הוּנְגֶער.

– הְם!

אוֹיף אַ מִינוּט אַ פַּאוּזֶע.

– יַא, אִיךְ הָאבּ גִיהֵייסֶען אַייךְ שִׁיקֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶפֶּעס... מִיט וָואס עֶס אִיז בֶּעהִילְפִיג זַיין.

– ר' לֵייבּ! הָאט רַחֲמָנוּת! זַייט אַ פָאטֶער צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, לָאזְט אוּנְז נִיט שְׁטַארְבֶּען אוֹיפֶען גַאס.

אִיךְ בִּין מִיט 3 עוֹפֶּעלַאךְ גֶעבְּלִיבֶּען, וִוי אוֹיפֶען מִיטֶען יַם, עֶס אִיז מִיר גֶעקוּמֶען פוּן בְּרִיק אִין וַואסֶער.

שָׂרָה הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט, שְׁלִינְגֶענְדִיג דִי טְרֶערֶען.

עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען נִיט אַנְדֶערְס דָאס טָאהְן, אוֹיבּ אִיר וֶועט אוּנְז נִיט הֶעלְפֶען, דָאס הָאט זִיךְ דָאךְ גֶעטְרָאפֶען בַּיי אַייךְ אוֹיף דֶער אַרְבֶּעט.

לֵייבֶּען הָאבֶּען אִירֶע וֶוערְטֶער גָאר נִיט גִישְׁמֶעקְט: עֶרְסְטִינְס לֵייגְט זִי אוֹיף אִיהְם צוּ גְרוֹיסֶע הָאפֶענוּנְגֶען, עֶר קְלֶערְט דָאךְ אִיר גֶעבֶּען אַ דְרַייֶער, אוּנ אוֹיבּ שׁוֹין גָאר אַ סַךְ אִיז 5 רוּבּל... צְוֵוייטֶענְס, וָואס אִיז דָאס עֶפֶּעס פַאר וֶוערְטֶער:

דאס

„דָאס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפֶען בַּיי אַייךְ אוֹיף דֶער אַרְבֶּעט“ קוּמְט אוֹיס, אַזוֹי וִויא עֶר לָעוְו בָּארִיסָאוִויטְשׁ, אִיז שׁוּלְדִיג.

– בַּיי מִיר הָאט זִיךְ עֶס גֶעטְרָאפֶען! – הָאט עֶר גִיזָאגְט מִיט אַ מִינֶע פוּן אַ מֶענְשִׁין, אוֹיף וֶועלְכֶען מֶען מַאכְט אַיין אוּמְזִיסְטֶען בִּילְבּוּל, אוּנ עֶר בֶּעלֵיידִיגְט זִיךְ פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען דֶער מִיט נִיט. – בִּין אִיךְ דֶען עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? עֶרְסְטֶענְס הָאבּ אִיךְ דַיין מַאן קַיין מָאל גָאר נִיט גִיקֶענְט, אוּנ וִוידֶער אִיז דָאךְ דָאס אַ גָאט זַאךְ: מִסְתָּמָא אִיז אִים בֶּעשֶׁערְט גִיוֶוען צוּ שְׁטֶעהֶן דָארְטֶען גְרַאדֶע דַאן וֶוען עֶס אִיז אַיין גֶעפַאלֶען, – דִיא אִיבֶּעריגֶע אַרְבֶּעטֶער זַיינֶען דָאךְ דַאן גִיוֶוען אִין שֵׁיינְק. עֶס גֶעפֶעלְט מִיר: בַּיי מִיר הָאט זִיךְ עֶס גִיטְרָאפֶען. אוּנ אִין דֶער הֵיים וָואלְט זִיךְ דָאס נִיט גִיקֶענְט טְרֶעפֶען, וִוי בַּאלְד עֶס אִיז אִיהְם בַּאשֶׁערְט גִיוֶוען... נַא דִיר 5 רוּבְּל. מֶער קֶען אִיךְ דִיר נִיט הֶעלְפֶען: אִיךְ זָאל דָאס פַאר־דִינֶען אַלֶע טָאג פִיל אִיךְ לֵייג צוּ צוּ דֶעם טְהַייעֶרִין פָּאדְרַאד. שָׂרָה הָאט אִין דֶער מִינוּט אוֹיסְגִיזֶעהֶן וִוי אַ גִיבְּשֶׁענֶע סְטַאטוּעֶ. לֵייבֶּע הָאט הֶערוֹיס גֶענוּמֶען פוּן בּוּזֶעמְקֶעסִינֶע אַ גְרָאבֶּען טַייסְטֶער אוּנ אַרוֹיס צִיהֶענְדִיג אַיין סִינְנַאצְיֶע פוּן אַ גַאנְצֶען פֶּעקִיל, הָאט עֶר אִיר אַוֶועק גִילֵייגְט אוֹיפְ׳ן טִישׁ אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין.

–ר׳ לֵייבּ, ר׳ לֵייבּ! – הָאט דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּעל וֵויינֶענְדִיג גֶעשְׁרִיהֶען:

– מַיין גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז פְרִיהֶער אוֹיף גָאט אוּנ דֶער נָאךְ אוֹיף אַייךְ. ר׳ לֵייבּ לָאזְט אוּנְז נִיט אוֹיסְגֶעהְן פוּן הוּנְגֶער. גָאט וֶועט אַייךְ אַוֶועק גֶעבֶּען 100 מָאהְל אַזוֹי פִיל!

– אִיךְ גִיבּ דִיר דָאךְ 5 רוּבְּל. פִיל שְׁוֶוע זָאל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען, אִיךְ פֶערְשְׁטֵייא נִיט!

– וָואס קְלֶעקְט מִיר 5 רוּבּל! עֶס וֶועט נִיט שְׁטַייעֶן אוֹיף אַ שְׁטְרִיקֶעל אוּנ אוֹיף תַּכְרִיכִין פַאר מִיר מִיט דִי קִינְדֶער.

– הֶער צוּ שְׁוֶועסְטֶער לֶעבֶּען! דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת בִּין אִיךְ גָאר נִיט מְחוּיָּב צוּ וִויסֶען, גְלֵייבּ מִיר, אוּנ טַעֲנֶה׳ן הָאסְט דוּ אוֹיךְ נִיט וָואס 5 רוּבּל גִיבּ אִיךְ דִיר, אוּנ פֶערְגֶעס נִיט, אַז אִיךְ הָאבּ שְׁמֶערְלֶען אוֹיךְ גִיגֶעבֶּען 3 רוּבְּל פַאר דִיר, עֶס אִיז זֵייעֶר פַיין פוּן מִיר! וֶוען אִיךְ וָואלְט דַארְפֶען יֶעדֶער אָרֶעמַאן גֶעבֶּען צוּ 8 רוּבְּל, וָואלְט אִיךְ גִיךְ אַ בָּארְפוּסֶער צוּ גָאט קוּמֶען.

– פֶערְגֶעסְט אָבֶּער נִיט...

– אִיךְ הָאבּ נִיט וָואס צוּ פֶערְגֶעסֶען אוּנ וָואס צוּ גֶעדֵיינְקֶען! אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִיט צוּ שְׁטֶעהֶען דָא מִיט דִיר... נֶעם דִי גֶעלְד אוּנ גֶעה זִיךְ גֶעזוּנְדֶער־הֵייד. אִיךְ בִּין נִיט שׁוּלְדִיג וָואס דַיין מַאן אִיז גִיזֶעסֶען אִין קַאנַאוֶוע וַוארֶעמֶעס

צייט

צַייט, בְּעֵת אַלֶע זַיינֶען גֶעזֶעסֶען אִין שְׁטוּב, אוּנ אִיז גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען, מַאן דַארְף זִיךְ הִיטֶען.

– ר' לֵיב!... פֶערְגֶעסְט נִיט, ר' לֵיב, אַז מִיר זַיינֶען אַלֶע בַּיי גָאט אִין הַאנְד, קֵיינֶער הָאט מִיט גָאט־קֵיין קָאנְטְרַאקְטֶען נִיט גֶעמַאכְט.

– וָואס אִיז דָאס אַזוֹינְס?.. גֶעה גֶעזוּנְדֶערְהֵייד, בִּיסְט גֶעקוּמֶען מִיר מוּסָר זָאגֶען? גֶעה, אוֹיב דוּ ווִילְסְט נִיט מֶען זָאל דִיר הֶערוֹיסְוַוארְפֶען!

שָׂרָה הָאט אִין דֶער מִינוּט פֶערְגֶעסֶען אָן אַלְץ: זִיךְ, דִי קִינְדֶער, דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, זִי הָאט נוּר אֵיין זַאךְ גֶעדֵיינְקְט, אַז זִי דַארְף אוֹיסְגִיסֶען אַלְץ וָואס זִי הָאט אוֹיפֶען הַארְצֶען, דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִיס וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ אִין אִיר אָנְגֶעקְלִיבֶּען, פַאר דֶער לֶעצְטֶער צַייט, הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט מֶער הַאלְטֶען אִין אִיר הַארְצֶען, אוּנ הָאט זִיךְ גִירִיסֶען הֶערוֹיסְגֶעהֶען, זִי הָאט גִימוּזְט אוֹיסְרֵיידֶען אִיר הַארְץ, אוּנ מַאכֶען זִיךְ אַבִּיסֶעלֶע גְרִינְגֶער.

– אִיךְ בֶּעט צוּ טְהַייעֶר? צוּ טְהַייעֶר פַאר מַיין מַאן, פַאר מַיין שְׁפַּייזֶער, פַאר דֶעם פָאטֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער!... עֶר אִיז נָאךְ גִירֶעכְט?.. טְרַייבְּט מִיר ר' לֵייב, יָאגְט מִיר! אָה, עֶרְבַּארֶעמִיגֶער גָאטְט, אַייךְ מִיט אַייעֶר וַוייב זָאל אַזוֹי זַיין ווִי מִיר... אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל אַזוֹי זַיין ווִי מַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְד אוּנ דָאס זֶעהְן!... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֵיין וָואךְ חָאטְשׁ זָאלֶען זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין מַזָל, לֶעבֶּען אַזוֹי ווִי אִיךְ!...

– וְו–וָו–אָ–אָן! וָואן סְטֶערְוַוא, דַיין פוּס זָאל דָא נִיט זַיין!.. זִידְלֶען זִיךְ? שִׁילְטֶען!... אִיוַואן! וַוארְף הֶערָאבּ דִי פַּאסְקוּדְנִיצֶע פוּן דִי טְרֶעפּ... אַז זִי זָאל זִיךְ הֶערָאבּ קַייקְלֶען פוּן אַלֶע טְרֶעפּ – דוּ הֶערְסְט? עֶס זָאל אֵיין צָאהְן בַּיי אִיר אִין מוֹיל נִישְׁט בְּלַייבֶּען, בַּיי דֶער חֲצוּפָה!

אַלֶע וָואס זַיינֶען גִיזֶעסִין אִין זַאל, זַיינֶען הֶערוֹיס גִילָאפֶען אוּנ הָאבִּין עֶרְסְטוֹינְט גִיקוּקְט אוֹיף דֶער סְצֶענֶע.

שָׂרָה אִיז הֶערוֹיס גֶעלָאפֶען, אִיוַואן נָאךְ אִיהְר. נוּר פַארְמַאכֶענְדִיג הִינְטֶער זִיךְ דִי טִיר, הָאט דֶער קַאמֶער־דִינֶער זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיין עֶרְשְׁטֶען טְרֶעפִּיל אוּנ גֶעזָאגְט: – זַיין גַזְלָנִישֶׁע הֶערְצִיל הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּקָאכְט, פְּלַאטְצֶען זָאל עֶר!... אָט אִיז אַ גַזְלָן!...

הֶערָאבּ לוֹיפֶענְדִיג פוּן דִי טְרֶעפּ, הָאט זִיךְ שָׂרָה גֶעלָאזֶען לוֹיפֶען אָהְן אַיין אָטְהֶעם.

–וָואס אִיז דָאס? וָואס אִיז דָא גִיוֶוען? הָאבֶּען גֶעפְרֶעגְט דִי 40 עֶמֶערְדִיגֶע קַייפִּיל (מַאדַאם בֶּערְקִין) מִיט דִי טָאכְטֶער, בֶּערְקִינֶען.

– גָאר נִיסְט! הָאט עֶר סְטְרָאגֶע גֶעעֶנְטְוֶוערְט.

מֶעהְר הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין נִיט גֶעפְּרֶעגְט. וַוייל זֵיי הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט אִים הֶערַיינְצוּבְּרֵיינְגֶען אִין כַּעַס.

— לֶעוו בָּארִיסָאוִויטְשׁ אִיז לַאנְג הֶערוּמְגֶעגַאנְגֶען הִין אוּן צוּרִיק אִיבֶּערִ'ן צִימְמֶער: דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, דֶער גַאנְצֶער גֶעפִּילְדֶער אִיז אִיהְם שְׁטַארְק נִיט גֶעפֶעלֶען גֶעוָוארֶען.

— צוּ וָואס הָאבּ אִיךְ אִיהְר נֶעדַארְפְט טְרַייבֶּען, פַאר פִּיהְרֶען אַ גַאנְצֶען עֵסֶק! זִי הָאט זִיךְ גֶעזִידֶעלְט — אוֹיךְ אַוֶועלְדֶע וָואס אַ פַארְשִׁיוֶוע אִידֶענֶע זִידֶעלְט זִיךְ!. עֶךְ! אִיךְ הָאבּ גֶעטָאהְן נִיט גוּט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסֶען אִיהְר אַרָאבּ וַוארְפֶען פוּן דִי טְרֶעפּ. עֶס קֶען פוּן דֶעם הֶערוּיס קוּמֶען אַ גַאנְצֶער עֵסֶק. שׂוֹנְאִים הָאבּ אִיךְ אִין שְׁטֶעדְטִיל גֶענוּג... מֶען וֶועט דֶער פוּן מַאכֶען דֶער שְׁוַוארְץ יָאהְר וֵייס וָואס! אַח טוּי טְשָׁארְט!... דֶער שְׁוַוארְץ יָאהְר הָאט אִיהְר אָנְגֶעטְרָאגֶען אַהֶער, אוּן מִיר גִיגֶעבֶּען אַיין זִינֶען אִין כַּעַס צוּ וֶוערֶען.

שָׂרָה אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים, וִוי אַ צוּמִיסְטֶע, בַּיי אִיהְר אִין הַארְצֶען הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אָבְּגֶעריסֶען, נִיט דָא שׁוֹין מֶער קַיין הָאפֶענוּנְג, נִיט דָא שׁוֹין מֶעהְר קַיין „לֵייבֶּען", פּוּסְט. — דִי 15 רוּבְּל וָואס שְׁמֶערִיל חָלָאפ הָאט צוּ גֶעזָאגְט אַנְטְלַייֶען הָאט זִי נִיט בֶּעקוּמֶען.. דֶער עֶרְסְטֶער בְּרֶען פוּן רַחְמָנוּת אִיז בַּיי אִיהְם אַרִיבֶּער, עֶר אִיז אָבְּגֶעקִילְט גֶעוָוארֶען אוּן הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט אַז דִי אֵייגֶענֶע הֶעמְד אִיז צוּם לַייבּ נֶאהֶענְטֶער. שְׁמוּאֵל הָאט אוֹיךְ קַיין גֶעלְד נִיט גֶעהַאט נָאר דֶעם עֶלְטֶערִ'ן אֵיינִיקֶעל הָאט עֶר גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ, וָואס טוּט מֶען דָא? זָאל זִי זִיךְ טַאקֶע גֵיין טְרִינְקֶען, אֵיין מָאל פַאר אַלֶע מָאל — מַאכֶען זִיךְ אַ טוּידְט, אָדֶער גֵיין שְׁוַוארְצֶען דֶעם פָּנִים אִיבֶּער דִי הַייזֶער אוּן פִּילֶען דֶעם טַעַם פוּן טוּיט יֶעדֶער טָאג — יֶעדֶער מִינוּט! אוּן נָאךְ מִיט דִי קִינְדֶער!

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, אִין דִי וָואךְ הָאט רִיבְצֶה רֶעקָאמַאנְדִירְט שָׂרָה'ן אַיין אָרְט פַאר אַיין אַם.

אִין עֶטְלִיכֶע טֶאג הֶערוּם הָאט זִיךְ שָׂרָה הֶערוּיס גֶעקְלִיבֶּען פוּן אִיר דִירָה. אוּיס בַּעַל הַבַּיִת'טֶע! זִי אִיז גִיוֶוען פַאר זִיךְ אַ בַּעַל הַבַּיִת'טֶע, הָאט גֶעוָואהְנְט אִין אַ דִירָה, גֶעהַאט אַ מַאן, אַ פַאמִילְיֶע! — אִיצְטֶער אִיז דָאס אַלְץ חָרוּב גֶעוָוארִין, אַלְץ צוּ פַאלֶען... זִי דַארְף גֵעהְן דִינֶען. זִיצֶען בַּיי אַ פְרֶעמְדִין טִישׁ פַארְבְּרֶענְגֶען דָאס לֶעבִּין אִין פְרֶעמְדֶע ווִינְקֶעלַאךְ...

עֶנְדֶע עֶרְשְׁטֶער טְהֵייל.

דִיא

# מִלְחָמָה פַאר׳ן לֶעבֶּען

## צְוֵוייטֶער טְהֵייל.

# צְוֵויטֶע טְהֵייל

## א.

### חַיֶענֶע שְׁטֶעלְט זִיךְ דִיעֶנֶען.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֶטְלִיכֶע וָואכֶען נָאךְ שָׂרָה'ס חֲתוּנָה אִיז בַּיי שְׁמוּאֵל לַאטוּטְנִיק נִיט גִיוֶוען קַיין אָרְדֶענוּנְג:

עֶרְשְׁטִינְס הָאט גֶעפֶעלְט דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע. — דִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת, צְווֵייטִינְס הָאבֶען דִי חֲתוּנָה הוֹצָאוֹת גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ בַּיי שְׁמוּאֵל'ן אִין קֶעשֶׁענֶע, דֶער נוֹיטְה הָאט גִינוּמֶען זִיךְ הֶערַיין גַנְבֶ'נֶן דוּרְךְ יֶעדֶער שְׁפֶּעלְטֶעלֶע, אוּנ שְׁפֶּעלְטֶעלַאךְ, אָדֶער רִיכְטִיגֶער גִיזָאגְט, שְׁפַּאלְטֶען, אִיז בַּיי שְׁמוּאֵל'ן אִין שְׁטוּבּ גִיוֶוען גִינוּג, מֶען הָאט גִינוּמֶען פַארְקוֹיפִין אוּנ פַארְזֶעצִין דִיא נֵאטְהִיגְסְטֶע חֲפָצִים. צוּם גְלִיק הָאט זִיךְ דֶער אוּנְאָרְדֶענוּנְג נִיט לַאנְג גֶעצֵייגֶען, דִי צְווֵייטֶע טָאכְטֶער לֵאָה הָאט בַּאלְד גִינוּמֶען אַלְץ אִין הַאנְד.

— פְרִיעֶר פְלֶעגֶען זֵיי בֶּעקוּמֶען אַרְבֶּעט נוּר פוּן הֶקְדֵשׁ, לֵאָה הָאט בֶּעקוּמֶען צוּ נֵאהֶען הֶעמְדֶער, אוֹיךְ פוּן אַסְטְרָאג.

זִי הָאט גִילֶערִינְט דִי קְלֶענֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער, אוּנ הָאט אַכְטוּנְג גִיגֶעבִּין אַז דֶער פָאטֶער זָאהְל זִיךְ צוּ פִיל נִיט בֶּעשְׁוֶוערִין — מִיט אֵיין וָוארְט, זִי אִיז גִיוָוארֶען אַיין בַּעַל הַבַּיִת'טֶע — וָואס אַ בַּעַל הַבַּיִת'טֶע הֵייסְט. אִין אַ צַייט פוּן 2 — 3 חֳדָשִׁים, הָאבֶען זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהֵייבֶען צוּ לֶעבֶען ווִי גֶעוֶוען, אוּנ נָאךְ אַ סַךְ בֶּעסֶער: אִין שְׁטוּבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גִיוֶוען רֵיין צוּגֶעקְלִיבֶּען, אַלֶע זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען אִין רֵיינֶע אוֹיסְגֶעפַארְרִיכְטֶע קְלֵיידֶער, לֵאָה הָאט גֶעהָארֶעוֶועט פוּן פְרִיהְמָארְגֶען בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט, זִי הָאט אוֹיךְ חַיֶענֶען אוֹיסְגֶעלֶערֶענְט מַאכֶען פוּן צַייט גֶעלְד; אֲפִילוּ מוּסֶעלֶע, וֶועלְכֶע אִיז נָאךְ גִיוֶוען גָאר אַ קִינְד, אִיז אוֹיךְ גָאר לֵיידִיג נִיט הֶערוּמְגִיגַאנְגֶען.

— אַרְבֶּעט אִיז דֶער לֶעבֶען, אַ מֶענְשׁ אָן אַרְבֶּעט לֶעבְט נִיט, נוּר עֶר אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער — אָרֶעמֶע לַייט — קֶענֶען אָן אַרְבֶּעט אֲפִילוּ נִיט זַיין, אוֹיךְ — פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג לֵאָה זָאגֶען, — אַלֶעבֶּען אָן אַרְבֶּעט אִיז ווִי עֶסֶען אָהְן זַאלְץ, אָהְן בְּרוֹיט אוּנ אָן פְלֵיישׁ.

דֶער פָאטֶער הָאט גִיקוּקְט אוֹיף לֵאָה'ן מִיט גַאֲוָה, אוּנ נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג „אִיז נָאךְ אַזַא מֵיידִיל ווִי זַיין לֵאָה שְׁוֶוער צוּ גֶעפִינֶען". לֵאָה אִיז גִיוֶוען אִין גִישְׁטַאלְט אוּנ אִין חַאַרַאקְטֶער דֶער הֵיפֶּךְ פוּן חַיֶענֶען: לֵאָה אִיז גִיוֶוען אַ הוֹיכֶע, מִיט נִיט

קיין

ַקיין שֵׁאהְנֶע אָבֶּער אַ שְׁטָאלְצֶע גֶעזִיכְט, מִיט גְרוֹיסֶע קְלוּגֶע אוֹיגֶען, אִין וֶועלְכֶע מֶען הָאט גִיקֶענְט לֶעזֶען: נוּ פְּרוּבִּירְט מִיר נָאר אָנְרִירֶען, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ אַיין אָרֶעמֶע מֵיידִיל, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועל אִיךְ קֶענֶען פַאר זִיךְ בַּאשְׁטֵעהְן, חָיֶענֶע אִיז גִיוֶוען נִיט ַקיין הוֹיכֶע, אַ בְּלַאסֶע נוּר זֶעהְר אַ שֵׁאהְנֶע: אַ גְרוֹיסֶער וַוייסֶער שְׁטֶערֶען, אַפָּאר גְרוֹיסֶע שֵׁאהְנֶע אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי וִוי גִישְׁמֵייכֶעלְט אוּנ וֶוען זֵיי הָאבֶּען אוֹיף אַייךְ גִיקוּקְט, אִיז אַייךְ וַוארֶעם גֶעוָוארֶען אִין אַלֶע גְלִידֶער, עֶטְוָואס אַ פַּארְרִיסֶענֶער נֶאזִיל מִיט אַ קְלֵיינֶע מַיילְכֶעל. לֵאָה פְלֶעגְט אַרְבֶּעטֶען שְׁוַוייגֶענְדִיג.

חָיֶענֶע הָאט לִיב גִיהַאט זִינְגֶען בַּיי דֶער אַרְבֶּעט, הָאט וֶועגֶען אַלְץ גִירֶעדְט אוּנ וֶועגֶען אַלֶעס זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט. וֶוען לֵאָה פְלֶעגְט הֶערֶען עֶפֶּעס אַיין עֵסֶק, פְלֶעגְט זִי זִיךְ פְרִיעֶר גוּט דֶערְוִויסֶען אִין וָואס דִי זַאךְ בֶּעשְׁטֶעהְט, אוּנ גוּט בֶּעקְלֶערֶנְדִיג, פְלֶעגְט זִי עֶנְטְשְׁלָאסֶען זָאגֶען אִיהְר מֵיינוּנְג, חָיֶענֶע פְלֶעגְט דִי עֶרְסְטֶע מִינוּט שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערֶען, נוּר אִין אַ טָאג, אוּנ אָפְט אִין אַ שָׁעָה הֶערוּם, פְלֶעגְט זִי וֶוערֶען אָבְּגֶעקִילְט אוּנ פְלֶעגְט שׁוֹין גָאר אַנְדֶערְש רֵיידֶען וֶועגֶען דֶעם.

לֵאָה הָאט גִימָאנְט זַיין זַאט, אָדֶער הוּנְגֶערִיג, גְלִיקְלִיךְ אָדֶער גֶעלִיטֶען, הָאט דָאס ַקיינֶער בַּיי אִיר נִיט גֶעוואוּסְט, אוֹיפֶען פָּנִים אִיז גָאר נִיט קָאנְטִיג גִיוֶוען, נוּר דִי קָאפּ אוּנ דִי הַארְץ הָאבֶּען גִיוואוּסְט וִוי אִיר אִיז.

חָיֶענֶע הָאט גִיאַרְבֶּעט גִיךְ אוּנ גִישִׁיקְט נוּר בְּעֵת אוֹיפֶען הַארְצֶען אִיז גִיוֶוען פְּרֶאהְלִיךְ, אִין אַ שְׁלֶעכְט צַייט אִיז זִי הֶערָאבּ פוּן פָּנִים אוּנ דִי הֶאנְד הָאבֶּען זִיךְ בַּיי אִיהְר הֶערָאבּ גִילָאזֶען; מוּסֶעלֶע אִיז נִיט גִיוֶוען אֶהְנְלִיךְ נִיט צוּ לֵאָהן, נִיט צוּ חָיֶענֶען; אַ קְרַאנְקֶע, אַ סְקְרָאפֶּעלִיטְשְׁנֶע, פַאר אַלְם הָאט זִיא מוֹרָא גִיהַאט, פוּן אַלְץ גֶעוֵויינְט.

לֵאָה הָאט גֶעהָארֶעוֶועט, מִיט אַלֶע אִירֶע קְרֶעפְטֶען, נוּר צוּ פֶערְגְרִינְגֶערֶען דֶעם לֶעבֶּען פוּן פַאמִילְיֶע.

נוּר מִיט אֵיין מָאהְל הָאט זִיךְ זֵייעֶר מַצָּב שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶען, מוּסֶעלֶע אִיז נִיט אוֹיף אַ גִילֶעכְטֶער קְרַאנְק גֶעוָוארֶען. מֶען הָאט גִידַארְפְט אוֹיסְגֶעבֶּען גֶעלְד אוֹיף אַ דָאקְטָאר, רְפוּאוֹת, בֶּעסֶערֶע עֶסֶען, גֵיין אַרוּם דֶער קְרַאנְקֶע, חָיֶענֶען אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ נֶעהֶן 18 שָׁעָה אִין מֵעת לֵעת, אוּנ לֵאָה הָאט גִידַארְפְט קָאכֶען, אַיינְקוֹיפֶען אַלְץ אוּנ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף מוּסֶעלֶען מִיט'ן פָּאטֶער, וֶועלְכֶער הָאט דִי לֶעצְטֶע צַייט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְרֵיינְקֶען. וַוייל לֵאָה אִיז גִיוֶוען גִינֶאהְט צוּ זִיצֶען כִּמְעַט אַ גַאנְצֶען טָאג אִין שְׁטוּבּ, הָאט זִי דֶערְוַוייל אָנְגֶעוָוארֶען דֶעם „פָּאדְרִיַאד“ דִי הֶעמְדֶער, אוּנ בַּיי אִיר הָאט זִיךְ נוּר אָבּ גִישְׁטֶעלְט דִי אַרְבֶּעט פוּן אַסְטְרָאג וֶועלְכֶע הָאט גִיגֶעבֶּען צוּם לֶעבֶּען נוּר פַאר אֵיין מֶענְשֶׁען אוּנ אַמָאהְל נָאךְ דָאס אוֹיךְ נִיט. אִין אֵיין וָואךְ אִיז גֶעוָוארֶען פוּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אַ תֵּל: עָס אִיז נִיט גִיוֶוען פַאר וָואס בְּרוֹיט צוּ קוֹיפֶען, אוּנ מוּסֶעלֶע הָאט

אננעהויבען

אָנגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ מֶעהר צוּ דַארֶען אוּנ אוּנְטֶערְגֶעהְן וָואס פוּן טָאג, אוּנ דָא קוּמְט נָאךְ אָפְּט שָׂרָה זִיךְ בֶּעקְלָאגֶען אוֹיף אִיר פִינְשְׁטֶערְן מַזָל.

– נוּ, מַיין מַזָל! בֶּעסֶער וָואלְט אִיךְ גָאר נִיט גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען! מִיר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַזוֹי וִוי בֶּעסֶערְט נוּר צָרוֹת אוּנ יְסוּרִים, פְרִיעֶר מֵיידִילְוַויים אִין דֶער הַיים, דֶער נָאךְ בַּיין מַאן, נוּ אַ לֶעבֶּען!

לֵאָהן פְלֶעגְט פַאר קְוֶועטְשִׁין אִין הַארְצֶען, טְרֶעסְטֶען מִיט פּוּסְטֶע וֶוערְטֶער הָאט זִי נִיט גִיקֶענְט.

זִי פְלֶעגְט זִיךְ אַ וָוארְף טָאהן אוֹיפֶען בֶּעטִיל, אוּנ מִיט בֵּיידֶע הֶענְד שְׁטַארְק אוֹיפְקְוֶועטְשִׁין דִי קָאפּ, וֶועלְכֶע זִי פְלֶעגְט אַרַיינְגְרָאבֶּען אִין קִישֶען, וַויינֶען הָאט זִי נִיט גִיקֶענְט.

חְיֶענֶע פְלֶעגְט זִיךְ אִין אַ זֶעלְכֶע מִינוּטֶען צוּ זֶעצֶען נֶעבֶּען דִי שְׁוֶועסְטֶער, אוּנ פְלֶעגְט אִיר אָנְהוֹיבֶּען קוּשֶען אוּנ מִיט דֶעם זִיךְ סְטַארֶען אִיהְר צוּ בֶּערוּהִיגֶען.

– וָואס קוּמְט הֶערוּים פוּן דִי טְרָאסְטְרֵייד – פְלֶעגְט לֵאָה זָאגֶען – אוֹיב מַאן קֶען הֶעלְפִין, דַארְף מֶען טָאהְן אוּנ נִיט זִיךְ בֶּעגְנוּגֶענֶען מִיט רֵייד, קֶען מֶען נִיט הֶעלְפֶען – אִיז בֶּעסֶער שְׁווַייגֶען.

– הֶער מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ וֶועל גֶעהְ'ן דִינֶען, הָאט אַ מָאהְל חְיֶענֶע גִיזָאגְט צוּ לֵאָה'ן; – לְכָל הַפָּחוֹת וֶועל אִיךְ הָאבֶּען וָואס צוּ עֶסֶען אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט זִיךְ נָאךְ פַאר אַייךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס אָב שְׁטֶעלֶען. וָואס זָאגְסְט דוּ אוֹיף דֶעם?

– דוּ בִּיסְט גִירֶעכְט, הָאט לֵאָה גִיזָאגְט נָאךְ אַיין קְלֵיינֶער אִיבֶּערְלֵייגוּנג. – מִיט דִי אַרְבֶּעט, וָואס הָאט זִיךְ אָבְּגִישְׁטֶעלְט, וֶועל אִיךְ זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ אִיסְפְּרַאוֶוען.

אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג הֶערוּם, אִיז חְיֶענֶע אָנְגִיקוּמֶען אוֹיף אַ שְׁטֶעלֶע פַאר 25 רוּבּל אַ יָאהְר, שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ שִׁיעֶר נִיט פַארְנַאנְדֶער גִיוַויינְט, דֶער הֶערֶענְדִיג דֶעם וָוארְט „דִיעֶנֶען".

– דִיעֶנֶען!... פַאר וָואס עֶפֶּעס דִיעֶנֶען?...

– פַאר וָואס עֶס אִיז נִיט דָא וָואס צוּ עֶסֶען. – הָאט לֵאָה גֶעעֶנְטְוֶוערְט כְּמַעַט סְטְרָאגֶע דִינֶען – הֵייסֶען פַארְדִינֶען, אוּנ פַארְדִינֶען אִיז קַיין שַׁאנְדֶע נִיט אַ חַרְפָּה אִיז גַנְבֶ'נֶען.

לֵאָה אִיז גִיבְּלִיבֶּען אַלֵיין. נוּר אִיהְר כֹּחַ מִיט אִיהְר עֶנֶערְגִיע הָאבֶּען דָאס גִיקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגֶען.

זִי פְלֶעגְט עֶרְסְט נֶעהֶען בַּיי דֶער נַאכְט, וַוייל בַּיי טָאג אִיז קַיין צַייט נִיט גִיוֶוען. דֶער הוּנְגֶער וִויל פוּן קַיין זַאךְ נִיט וִויסֶען, צוּ לִיבּ אִיהְם מוּז מֶען אַרְבַּייטֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִיט.

## ב) דִי טָאכְטֶערְס קָרְבָּן.

חְיֶענֶע אִיז גִיוֶוען אַ רַךְ לֵב, זִי הָאט דֶעם צְוֵוייטֶענְס צָרָה גֶעפִילְט וִוי אִיר

אֵייגֶענֶע ; זִי אִיז גִיוֶוען פֶערְטִיג אָבְּגֶעבֶּען דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען דֶעם לֶעצְטֶען בִּיסֶען . דִי הַארְץ הָאט אִיר זֶעהְר וֶועהְ גֶעטָאהְן זֶעהֶענְדִיג דִי בִּיטֶערֶע לַאגֶע פוּן אִיר פַאמִילְיֶע, חַיֶּענֶע אִיז גִיוֶוען גְרֵייט אָבּ צוּ גֶעבֶּען דִי נְשָׁמָה נוּר צוּ פַארְגְרִינְגֶערֶען אַבִּיסֶעל זֵייעֶר לֶעבֶּען : פְרִיעֶר אִיז זִי גִיוֶוען מִיט זֵיי צוּ זַאמֶען אוּנ גֶעלִיטֶען מִיט אַלֶעמֶען גְלַייךְ, הָאט דָאס אִיר נָאךְ נִיט אַזוֹי פִיל גֶעאַרְט, נוּר אִיצְטֶער, זִי עֶסְט 2–3 מָאהְל אַ טָאג, גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ אוּנ דֶער פָאטֶער מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶער דַארְפֶען לֶעבֶּען מִיט 10 גִילְדֶען אַוָואךְ (אַ רוּבְּל פְלֶעגְט לֵאָה אַלֵיין פֶערְדִינֶען אוּנ 50 קָאפּ. פְלֶעגְט זֵיי חַיֶענֶע גֶעבֶּען). וִוי גְרוֹיס אִיז גִיוֶוען חַיֶענֶעס פְרֵייד וֶוען אַ אוֹרַח פְלֶעגְט אִיר לָאזֶען אַטְיֶעזְדְנֶע, אִין 2 מִינוּט הֶערוּם פְלֶעגְט זִי דִי גֶעלְד שׁוֹין בְּרֵיינְגֶען צוּם פָאטֶער. אַמָאל אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּם פָאטֶער אוּנ הָאט אִיהְם גֶעפוּנֶען זִיטְצֶענְדִיג אָנְגֶעשְׁפַּארְט אִיבֶּערֶען טִישׁ, דִיא קָאפְּ הֶערָאבְּגֶעלָאזֶען. דֶער אַלְטֶער הָאט אַ גַאנְצֶען טָאג גָאר נִיט גֶעגֶעסֶען. מוּסֶעלֶע הָאט אִין בֶּעט גִיקְרֶעכְצֶעט, לֵאָה אִיז נִיט גִיוֶוען אִין דֶער הֵיים! זִי אִיז גִיגַאנְגֶען אָנְקְלַייבֶּען שְׁפֶּענֶער צוּ הֵייצֶען.

– צוּם אוּמְגְלִיק אִיז בַּיי חַיֶיענֶען דֶעם מָאל קֵיין גֶעלְד נִיט גִיוֶוען : קֵיין אוֹרְחִים זַיינֶען גְרַאדֶע דִי לֶעצְטֶע צַייט צוּ אִיר וְוירְטָה נִיט פַארְפָארֶען, שְׂכִירוּת הָאט זִי שׁוֹין אָבְּגֶענוּמֶען פַאר אַ חוֹדֶשׁ פָארְאוֹיס.

– אָי, – אָי, – אָי, – עֶרְבַּארֶעמִיגֶער גָאט הָאט שְׁמוּאֵל גֶעזִיפְצֶעט.

– הָאסְט עֶפֶּעס גִיגֶעסֶען? הָאט דִי טָאכְטֶער גִיפְרֶעגְט מִיט אַ צִיטֶערְנְדֶע שְׁטִימְמֶע.

– גֶעגֶעסֶען? אוּנ אַז נִיט גֶעגֶעסֶען, וָואס וֶועל אִיךְ דָא אָן וֶוערֶען? אַ לֶעבֶּען אַ טְהַייעֶרֶען? אַזַא לֶעבֶּען, מַיין טָאכְטֶער, אִיז נִיט דָא וָואס צוּ זַאלֶעוֶוען!... אָי, אָי, אָי,!.. אָט, זִיא הָאט נִיט גִיגֶעסֶען!... עֶר הָאט גִיוִויזֶען אוֹיף מוּסֶעלֶען.

– אִיךְ, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרַאכְט – הָאט חַיֶענֶע הַיילֶענְדִיג גֶעזָאגְט הֶערוֹיסְנֶעמֶענְדִיג פוּן קֶעסֶענֶע אַ שְׁטִיקֶעל בּוּלְקֶע מִיט אַ שְׁטִיקֶעל פְלֵיישׁ פֶערְוִויקֶעלְט אִין פַּאפִּיר, אוּנ אַ שְׁטִיקֶעל צוּקֶער – „נַא טַאטֶע".

שְׁמוּאֵל הָאט קָאלְט גֶעקוּקְט אוּנ הָאט דָאס נִיט גֶענוּמֶען.

– צוּ וָואס אִיז דָאס? וָואס וֶועסְטוּ דוּ דֶער מִיט הֶעלְפִין, אִיךְ וֶועל זִיךְ מַאטֶערִין נָאךְ אַ טָאג, קֶאנְטִיג אַז אַזוֹי אִיז גָאטְס רָצוֹן, טָא זָאל שׁוֹין זַיין אַזוֹי : מִיט גָאטְט קֶען מֶען זִיךְ נִיט מִשְׁפֶּטְ'ן, מַיין טָאכְטֶער.

עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁפַּארְט מִיטְ'ן קָאפּ אוֹיף דִי הָאנְד אוּנ הָאט נִיט בֶּעמֶערְקְט דִי צְוֵויי טְרֶערִין וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען הֵיינְגֶען אוֹיף זַיינֶע אוֹיגֶען.

דִי טְרֶערִין וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעשְׁטִיקְט חַיֶענֶען הָאבֶּען זִיךְ הֶערוֹיסְגֶעגָאסֶען טַייכֶענְוַוייס.

טַאטֶע, וָואס זָאל מֶען טְ... טָאהְן? הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט הְלִיפֶּענְדִיג.

אר

גאר נישט. גאט מוז דאך שוין אמאהל אויף מיר רחמנות האבען און שיקין מיר דעם טויט. אמענש מאטערט זיך דאך ניט אייביג. אפוהלע העלף איך איהר, (ער האט געוויזען אויף מוסעלען) מיט דעם וואס איך לעב?

דעם אלטענס פנים האט זיך פערקרימט פון הארצוויטאג. איצט האט שוין היענע אויף איהם געקוקט מיט טרוקענע אויגען, מיט איין אונגאטירליכע קוועלענדע רוהיגקייט. זי איז רויט געווארען. מיט א מאהל האט זי זיך מיט האסט אויפגעהויבען פון באנק, די אויגען האבען ביי איהר פיבערהאפט געברענט. זי האט עטליכע מאהל געוואלט אנהייבען ריידען, נור זי האט גאר ניט געזאגט, אקוראט ווי עס האט איהר עפעס געשטערט, אדער זי האט זיך ניט געקענט בעשליסען.

מוסעלע האט אנגעהויבען שטיהל צו קרעכצען.

– ט... טאטע!... האט היענע קוים אויסגערעד מיט א הייזעריגע שטימע. – טאטע, איך... וועל דיר מארגען ברענגען 5 רובל!

שמואל האט זיך עפעס ווי פון שלאף אויפגעכאפט, און האט פערוואונדערט געקוקט אויף דער טאכטער.

– 5 רובל?? 5 רובל?! וואס רעדסט דו!.. וואו וועסט דו דאס נעמען?? וואס ווילסט דו טאהן?..

–איך וועל... איך וועל לייען... ביי א בעקאנטע מיידיל.

– ווי הייסט דו וועסט לייען? ווער וועט דאס דיר לייען?

– וואס הארט דיר!.. איך האב, ביי-וועמען... צו לייען... צו נעמען... איך האב... איך וועל שוין ברענגען... אגוטען אווענד!...

און ניט ווארטענדיג אויף א אנטווארט, איז זי הערויס געלאפען פון שטוב.

שמואל איז געבליבען זיצין א צוטומילטער אויפ'ן ארט פון גרויס וואונדער. זי וועט ברייגען 5 רובל... וואס וועט דאמאלט זיין? וואס וועט מען טאהן מיט די געלד?.. נור צו וועט זי ברענגען?

אז לאה האט זיך אומגיקערט מיט די שפענער, האט איהר דער אלטער דערצעהלט וועגען היענעס וואונדערליכען צוזאג.

– 5 רובל? היענע? – האט לאה פערוואונדערט זיך אבגערופען. – ביי וועמען זאל זי דאס קענען לייען – איך פערשטעה ניט.

זי האט געקוועטשט מיט די פלייטעשם.

ווען זי וואלט מיט אווילע פריער געזעהען די שוועסטער און וואלט געהערט מיט וואס פאר א שטימע היענע האט צוגעזאגט ברענגען אזא סומע געלד. וואלט זי געוויס אפולע זאכען פארשטאנען, נור זי איז דער ביי ניט גיוועז, דער פאטער האט איהר נור געזאגט: היענע וועט לייען 5 רובל, – און זי האט דער פון ווייניג געהאלטען.

– איך קען חיענען, איהר האט זיך מסתמא אבגעדאכט, אז זי קען לייען, זי וואלט געוויס וועלען בעקומען מיט'ן גאנצען הארצען געלד, נור ווי בעקומט מאן?

חיענע איז ניט געקומען ניט אויף מארגען און ניט אויף איבערמארגען, זי האט זיך ניט געוויזען צום פאטער א גאנצע וואך. ערשט אויפ'ן 8 טען טאג איז זי געקומען. זי האט זיך אזוי פערענדערט אז עס איז איהר שווער געווען צו דערקענען: די געזיכט אויסגעמוטשעט, די אויגען האבען פיבערהאפט געברענט, אויפ'ן שטערין קנייטשעלעך, די קאפ הערא־בגעלאזען.

שמואל אין זיין ביטערע לאגע האט דאס גאר ניט באמערקט, נור לאה האט זיך דערשראקען א קוקטאהענדיג אויף דער שוועסטער.

– חיענע! וואס איז מיט דיר? וואס האט מען דיך עפעס א גאנצע וואך ניט געזעהן?

– איך בין געווען ניט אין גאנצען געזונד האט געענטווערט חיענע ניט מיט איהר קול.

שמואל האט זיך ניך אפגעקערט צו איהר זייט, ער האט איהר קול ניט דערקענט.

– ביסט אין דער אמת'ן טאקע גאר אראפ פון צורה. –

חיענע האט זיינע ווערטער ניט געהערט. זי האט געשווינד הערויס גענומען פון קעשענע אנייע 5 רובילדיגע אססיגנאציע און האט איהר גענומען שטופען דעם פאטער אין האנד.

– נא טאטע! נא דיר 5 רובל, נעם.

– מיין טאכטער! האט זיך שמואל פארנאנדער געוויינט.

פאר חיענען איז דאס געווען אסיגנאל; די טרערין, וועלכע האבען פריער געטריפט איינציג ווייס, האבען זיך איצט געקייקילט מיט איין מאהל, האבען זיך געגאסען ווי ארעגען און האבען בעשווענקט דאס יונגעס מיידעלס פאר טריקענטע געזיכט. די פלייצעס האבען ביי איהר נערוועז געציטערט, דער אטהעם פארהאקט, זי האט זיך געחאפט פאר'ן הארצען. עס איז שרעקליך צו קוקען, ווען א הונגעריגער, און פארקאלייעטער אלטער מאן וויינט, דאך אזא געוויין פון איונגעס מיידכען שניידט ניט ווייניגער די הארץ, אזוי וויינען קען מאן נור נאך א הייסגעליבטען מענשען, וועלכער שטארבט אוועק אדער איז שוין געשטארבען.

לאה איז צו געגאנגען צו דער שוועסטער און האט איהר אוועק געלייגט די האנד אויפ'ן פלייטשע.

– חיעניניקע, וואו האסט דו גענומען די 5 רובל? ווער האט דיר געליען?

זאג מיין שוועסטער. זי האט גערעדט ווייך אזוי ווי מיט א קראנקען, האטש ביי איהר אין הארצען איז געוועזן א גאנצער שטורעם, און אין קאפ האבען זיך געטראגען פינסטערע געדאנקען.

חיענע האט זיך בעפרייט פון דער שוועסטערס האנד, אקוראט ווי זיא וואלט איהר אנרירען אפערוואונדעטע ארט.

– טשעפע זיך אב פון מיר! קוועל מיך ניט, שוועסטעריל, איך האב דאך דיר שוין געזאגט, איך האב גענומען... געליהען; איך האב פערדינט!

זי איז אוועק געגאנגען.

ביי אהאלב שעה האט לאה געקוקט אויפין טיהר דורך וועלכע חיענע איז הערויסגעגאנגען, נאכהער איז זי, שאקלענדיג מיט'ן קאפ, אויפגעשטאנען פון ארט, האט פארבראכען די האנד און געזאגט:

– פאר וואס האב איך דאס פריער ניט פערשטאנען! זי איז שוין אפגעפאלענע!..

שמואל איז אוועק צו שרה'ן דערצאהלען זיין גליק.

ג.

## ווי רעטעט מען די שוועסטער.

– מאן דארף זיך מיט די געלד צו עפעס נעמען – האט שמואל געזאגט צו לאהן. – מאן קען זיי נאך חס ושלום אויפעסען!

דער אלטער אביון האט ווידער בעקומען חשק צום לעבען.

איך וועל אנהויבען באקען געבעק – האט לאה געאנטוואורט! – איך קען די ארבייט גוט און מיר וועלן זיך ווי עס איז דורכלעבען. זי האט אנגעהויבען באקען געבאק און האט פון דעם גוט פערדינט, זייער מצב האט זיך פארבעסערט! די ארעמע פאמיליע האט שוין ווידער געקענט עססען, קומען צו זיך און אויסגלייכען די גלידער ווי נאך אשווערע קראנק. אין א קליינע צייט הערום איז מוסעלע אויך געזונד געווארען און האט גענומען אויסטראגען איבער שיינקען און קראמען די געבאק וועלכע די שוועסטער האט געבאקען. חיענע פלעגט אפט בעזוכען דעם פאטער און אפט ברייינגען ארובל אדער צוויי, זי איז אויך שרה'ן בעהילפיג געוועזן מיט געלד, און זי איז געוועזן אמאהל ביז גאר פרעהליך, אמאהל גאר טרויעריג, זעהענדיג ווי דער פאטער מיט די שוועסטער לעבן אב, האט זי אויך אבגעלעבט.

אויפ'ן פאטערס פראגע: „וואו נעמט זיא די געלד?“ האט חיענע גע-אנטוואורט, אז איצטער קומען צו זיי אפט אורחים, וועלכע לאזען איהר אטיעזדנע, אמאהל ארובל אמאהל 2. לאה'ן פלעגט זי אויסמיידען, זי האט מורא געהאט צו קוקען אויף איהר, רייידען מיט איהר.

לַאנְג הָאט לֵאָה גֶעקְלֶערְט וִוי צוּ מַאכֶען אַז דִי שְׁוֶועסְטֶער זָאל פַאר אִיהְר אַלְץ דֶערצֶאהְלֶען.

– הַיינְט מוּז נֶעמֶען אַסוֹף – הָאט לֵאָה גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין – אִין אֵיין פְרִיהְמָארְגֶען, אִין וֶועלְכֶען זִי הָאט גֶעוַוארְט, אַז חְיֶענֶע זָאל קוּמֶען. דֶעם פָאטֶער הָאט זִיא גֶעהֵייסֶען אַרִיבֶּער גֶעהֶען צוּ שָׂרָה'ן זֶעהֶען וָואס הֶערְט זִיךְ דָארְטֶען, זִי אִיז דָא שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעוֶועזֶען.

מוּסֶעלֶען הָאט זִי אוֹיךְ הֶערוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן שְׁטוּבּ אוֹיפְמָאנֶען גֶעלְד פַאר דִי גֶעבֶּאק, אוּנ אַלֵיין הָאט זִי מִיט אוּנְגֶעדוּלְד גֶעוַוארְט אוֹיף דֶער שְׁוֶועסְטֶער.

אַם עֶנְדֶע אִיז חְיֶענֶע גֶעקוּמֶען, עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל, חְיֶענֶע הָאט נִיט גֶעפוּנֶען דֶעם פָאטֶער אִין דֶער הֵיים אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֶעהְן, נוּר לֵאָה הָאט אוֹיף אִיהְר אַקוּק גֶעטָאהְן, אוּנ אִין דֶעם קוּק אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פִיעֶל טְרוֹיעֶר אוּנ לִיבֶּע אַז חְיֶענֶע הָאט נִיט וִוילֶענְדִיג זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט.

– חְיֶענֶע! – הָאט לֵאָה אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אַ וֵוייכֶען קוֹל, פוּן וֶועלְכֶען חְיֶענֶע הָאט זִיךְ אַטְרֵייסֶעל גֶעטָאן – וַוארְט אַוֵוילֶע, אִיךְ וִויל מִיט דִיר רֵיידֶען אַפָּאר וֶוארְטֶער, חְיֶענִינְקֶע שְׁוֶועסְטֶערִיל, אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען מִיט דִיר רֵיידֶען וִויא אַ מָאהְל, דוּא גֶעדֵיינְקְסְט וִויא בְּעֵת מִיר זַיינֶען נָאךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער פְלֶעגֶען מִיר זִיךְ קַייקְלֶענְדִיג אִין בֶּעט אוֹיסְדֶערְצֶאהְלֶען אֵיינֶע פַאר דִיא אַנְדֶערֶע אַלְץ – אַלְץ... גֶעדֵיינְקְסְט וִוי גוּט עֶס אִיז דַאמָאלְסְט גֶעוֶוען... פַאר וָואס זָאלֶען מִיר אִיצְטֶער אוֹיךְ אַזוֹי נִיט זַיין?

זִי הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁוֶועסְטֶער פַאר'ן הַאנְד אוּנ הָאט אוֹיף אִיהְר גֶעקוּקְט מִיט רַחֲמָנוּת –

– צוּ דֶען הָאסְט דוּ גֶעקְלֶערְט, אַז אִיךְ קֶען דִיר בֶּעשׁוּלְדִיגֶען, וֶוען דוּ הָאסְט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פוּן הוּנְגֶער, דוּ הָאסְט דֶערְהַאלְטֶען דֶעם לֶעבֶּען אוּנְזֶער אַלְטֶען פָאטֶער! אִיךְ וֵויים דָאס אַלְץ. – פַאר וָואס הַאלְסְט דוּ מִיר פַאר אַזַא שְׁלֶעכְטֶע אוּנ מַיידְסְט מִיר אוֹיס אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט דִיר וֶועלֶען דֶערְשְׁטִיקֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ, אַז עֶס אִיז נִיט דָא נָאךְ אַמֶענְשׁ וֶועלְכֶען אִיךְ זָאל אַזוֹ לִיעבּ הָאבֶּען וִויא דִיר...

חְיֶענֶע הָאט זִיךְ אָן קְרֶעפְטֶען הֶערָאבְּגֶעלָאזֶען אוֹיפ'ן בַּאנְק, זִי הָאט עֶר־וַוארְטֶעט פֶערַאכְטוּנְג הָאט בֶּעקוּמֶען לִיעבֶּע, לֵאָה הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבֶּען אִיהְר מִיט אֵיין הַאנְד הָאט זִי אִיהְר הֶערוּמְגֶענוּמֶען פַאר'ן טַאלְיֶע, מִיט דֶער אַנְדֶערֶע גֶענְלֶעט אִיהְרֶע הָאר.

– שְׁוֶועסְטֶער! שְׁוֶועסְטֶערִיל! – הָאט חְיֶענֶע גֶערֶעדְט וֵויינֶענְדִיג מִיט אַ הֶערָאבְּגֶעלָאזֶענֶע קָאפּ, אִיךְ לִיבּ דִיר נָאךְ מֶעהְר וִוי פְרִיעֶר! נוּר מִיר אִיז שְׁוֶוער, בִּיטֶער, אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען פַארְגֶעסֶען אָן אַלְץ, קְלֶערֶען, אַז דָאס אִיז נוּר גֶעוֶוען

אַ חָלוֹם... איך האָב מוֹרא צו קלערען וועגען דעם... איך וואָלט וועלען... שטאַרבען! וואָלט גענומען אַ סוֹף.

חיענע האָט פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די האַנד און באַהאַלטענדיג איהר ברענענדיגע קאָפּ בּיי די שוועסטער אויף די קניא האָט זי ביטער געוויינט. לאה האָט איהר מיט ליעבע און מיטלייד צו געדריקט צו איהר האַרץ, וועלכע האָט זיך שטאַרק געקלאַפּט.

– וואָס איז איצטער מיט דיר?... נאָך אַלץ? האָט לאה שטיל געפרעגט.

– וואָס פריער דאָס איז איצטער! חיענע האָט פאַרקריצט מיט די ציינער.

– הער – האָט לאה געזאָגט נאָך איין קליינעם שווייגען – וואַרף אַוועק דיין שטעלע! זיי ביי אונז! די געבּאַק געהט, דאַנק גאָטט, ניט שלעכט, דו וועסט דיין ברויט פאַרדינען. דו וועסט דאָ אַללע דיינע צרות פאַרגעסען, קום, פאָלג מיך מיין טהייערע.

– לאָז, לאָז מיר מיין שוועסטער! האָב רחמנות, רייד מיט מיר ניט וועגען דעם! איך וועל דאָס ניט איבערטראָגען, איך קען זיך צום טאַטען אין שטוב ניט אומקערען, איך קען ניט, לאָז מיך שוין אַזוי... איך בין שוין... אַ פאַרפאַלענע!

– נו, אָט וואָס, אַ פאַרפאַלענע?! עס טרעפט אַסך אַזעלכע מעשיות און מאַן וועהרט פון דעסטוועגען ווידער אַ מענש, הויב נור אָן לעבען אַנדערש, וועסט דו פאַרגעסען די פאַרגאַנגענע ווי אַ חלום.

– ניין, קיין זאַך וועט שוין ניט העלפען: איך בין אַ פאַרפאַלענע! אַ פאַר-פאַלענע, איך... איך בין... שוואַנגער... האָט זי לסוף אויסגערעדט, – גוט?! שוין גוט, וואָס דו ווייסט? און חיענע איז הערויסגעלאָפען פון שטוב, זיא האָט זיך אין דער מינוט געוואָלט אַ טויט אָנטאָהן.

די טרויעריגע נאַכריכט האָט לאהן ניט געלאָזט רוהען, בעת זי האָט גע-באַקען די געבּאַק, זיך געזעצט עסען איהר אָרעמען מיטאָג, אָדער זיך געלייגט שלאָפען אין בעט, איז אַלץ די פאַרפלוכטע פראַגע! „וואָס טהוט מאַן“?, „ווי העלפט מאַן די שוועסטער“: געשטאַנען פאַר איהר און האָט איהר ניט געלאָזט רוהען. נעמען איהר צו זיך – איז אונמעגליך: ערשטענס וועט חיענע אַליין ניט וועלען אָנמאַכען דעם פּאָטער בזיונות, שמואל וואָלט דאָס ניט איבער טראָגען; לאָזען חיענען ביי דער בעל הבּיתטע, קען מאַן גאָר ניט קלערען, און וואָס וועט זיין מיט דאָס קינד?. מיט דער מוטערס אומגליק?...

אָ גאָטט! פאַר וואָס איז דאָס אַלץ... וואָס האָבען מיר אַזוי ביי דיר פאַר-זינדיגט? האָט לאה טרויעריג אויסגעשריען.

# ד.

## אֶפְשֶׁר אִיז דָאס פוּן מַיין שְׁטוּב.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵייסֶער תַּמוּז טָאג. בַּיי אֵיין טִישׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מוּסֶעלֶע אוּנְד גֶעאַרְבֶּעט, בַּיין 2-טֶען טִישׁ אִיז גִיזֶעסֶען שְׁמוּאֵל אוּנ עֶפֶּעס פַאררִיכְט אוּנְד הָאט דֶערְצֶעהְלְט מוּסֶלֶען אַמַעֲשֶׂה מִיט אַ רֶב וֶועלְכֶער הָאט פַארְשָׁאלְטֶען זַיין זוּהְן עֶר זָאל וֶוערֶן אַ נִזְשַׁאכֶּע, דֶער פַר וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעוַואשֶׁען צוּם עֶסֶען, אוּנ וִוי לְסוֹף הָאט אַנְרוֹיסֶער צַדִיק דוּרְךְ זַיין בְּרָכָה גֶעמַאכְט דֶעם זוּהְן צוּרִיק פַאר אַמֶענְשֶׁן.

מוּסֶעלֶע הָאט אוֹיפְמֶערְקְזַאם גִיהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אוּנ הָאט אַלְלֶע וַויילֶע אִיבֶּער גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם פָּאטֶערְם רֵייד:

– אָי וָואס פַאר אַ רַחֲמָנוּת! אִיךְ וֶועל שׁוֹין אִיצְטֶער מוֹרָא הָאבֶּען פַאר אַזְשַׁאבֶּע, טָאמֶער אִיז זִי אַ גִלְגוּל, לֵאָה וֶועלְכֶע הָאט אַנַאנְצֶע נַאכְט גֶעבַּאקְט דִי קוּכֶענְס אוּנ הָאט זִיךְ פַארְמַאטֶערְט, הָאט אִיצְטֶער גִישְׁלָאפֶען, אִין שְׁטוּב אִיז גֶעוֶוען פְרֶעהְלִיכֶער אוּנ שֶׁעהְנֶער וִוי פְרִיעֶר, דָאס הָאט בֶּעוִויזֶען אַז דִי גֶעזִינְדְל הוּנְגֶערְט שׁוֹין מֶעהְר נִיט.

שְׁמוּאֵל הָאט גִיעֶנְדִיגְט זַיין מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: „פַארְשְׁטֶעהְסְט דוּ שׁוֹין אִיצְטֶער וָואס הֵייסְט אִין אַ בֵּייזֶע שָׁעָה זִיךְ אוֹיסְרֵיידֶען? דֶער רָב הָאט זִיךְ אִין אַבֵּייזֶע שָׁעָה אוֹיס גֶערֶעדְט, דֶער זוּהְן זָאהל וֶוערֶען אַזְשַׁאבֶּע אוּנ זַיין קְלָלָה אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארֶען, נוּר דֶער צַדִיק אִיז אוֹיךְ קֵיין פַארְטַאטְשׁ נִיט גֶעוֶוען".

עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגֶען אִיבֶּער דֶער אַרְבַּייט. מוּסֶעלְלֶע הָאט זִיךְ פַאר טְרַאכְט, מִיט אַמָאהְל הָאט זִיךְ דִי טִיהְר הַאסְטִיג גֶעאֶפֶענְט, אוּנ עֶס אִיז הֶערַיינְגֶעלָאפֶען אַ פַארְשָׁאפֶּעטֶע פְרַיילִין פוּן אַ יָאהְר 15.

– דָא וָואהְנְט... אַ שְׁנַיידֶער... לַאטוּטְנִיק? חַיֶענֶעס פָּאטֶער.

– דָא, הָאט דֶער פָּאטֶער מִיט דִי טָאכְטֶער פַארוואוּנְדֶערְט גֶעעֶנְטְוֶוערְט.

– קוּמְט צוּ אוּנְז, אַייעֶר טָאכְטֶער, חַיֶענֶע דִינְט בַּיי אוּנְז, אִיהְר אִיז עֶפֶּעס נִיט גוּט, זִי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף נִיט גֶעהֶען, נוּר אִיךְ בִּין גִינַאנְגֶען, אִיךְ הָאב זִיךְ קוּים דֶער פְרֶעגְט וואוּ אִיהְר וָואהְנְט...

דֶער אַלְטֶער הָאט מֶעהְר אִיהְרֶע רֵייד נִיט גֶעהֶערְט אוּנ אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיין טִיהְר, – וָואס אִיז מִיט אִיהְר! וואוּ אִיז זִי? וואוּ וָואהְנְט אִיהְר? טָאכְטֶערִיל וַוייז מִיר, – אַי – אַ-נְ-אוּמְגְלִיק!... קוּם!.. יֶע... מוּסִינְקֶע, וֶועק אוּף לֵאָה'ן, זָאג זִיא זָאל אוּנְטֶער קוּמֶען... גָאמִיר לוֹיפֶען!

– דֶער אַלְטֶער אִיז הֶערוֹיס גֶעלָאפֶען אוֹיפְ'ן גַאס.

מוּסֶעלֶע הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעפִיהְלְט אַז מִיט חַיֶענֶען אִיז נִיט גָאר גוּט. לֵאָה אִיז אַלְץ פַארְטְרַאכְט; חַיֶענֶע אִיז טְרוֹיעֶרִיג... נוּר וָואס אִיז מִיט זַיי, ווייס גָאטְט.

זִי הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט לֵאָה'ן וֶועלְכֶע הָאט שְׁוַויינֶענְדִיג אוֹיסְגֶעהֶערְט וָואס

זִי הָאט אִיהְר דֶערְצֶאהְלט אוּנ אִיז בַּאלְד אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבִּיטֶערֶע הַארְץ.

חֶיעֶנֶע אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיף אַבֶּעט אִין אַגְרוֹיסֶע זֶעהְר אַ רֵיינֶע קִיךְ, אוֹיף אִיהְר פָּנִים הָאט מַאן גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען, וָואס פַאר אַ יְסוּרִים זִי פַארְטְרָאגְט, זִי הָאט צוּנוֹיפְגֶעקְוֶועטְשְׁט דִי צֶאהְנֶער אוּנ הָאט אֲפִילוּ אַ קְרֶעכְץ נִיט גֶעטָאהְן נוּר אָפְט פְלֶעגֶען זִיךְ פוּן אִיהְר בְּרוּסְט הֶערוֹיסְרַייסֶען לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע זִיפְצֶען.

דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע מִיט אִיהְר שְׁוִוינֶער זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶען בֶּעט אוּנ הָאבֶּען גֶעקוּקְט אוֹיף חֶיעֶנֶען פַארְוואוּנְדֶערְט אוּנְד עֶרְשְׁרָאקֶען.

— פוּן וָואס הָאט דָאס אִיהְר גֶעקֶענְט קוּמֶען? הָאט דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע גֶעזָאגְט צוּ דֶער שְׁוִוינֶער, — דוּכְט זִיךְ גֶעכְטֶען אִיז זִי נָאךְ גֶעוֶוען, אַ פְרִישֶׁע, אַגֶעזוּנְדֶע, מֶעהְר נִיט אַבִּיסֶעל צוּטְרָאגֶען, נוּר דִי צוּטְרָאגֶענְהַייט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּיי אִיהְר לַאנְג בֶּעמֶערְקְט.

—דָאס אִיז בַּיי אִיהְר פוּן אַיין־עַיִן הָרָע, — הָאט דִי שְׁוִוינֶער גֶעעֶנְטְוֶוערְט, — זִי אִיז דָא דַאנְקֶען גָאטט דִיק אוּנ שֶׁעהְן גֶעוָואהֶרֶען וִוי אַיין בּוֹים! זִי וֶוערְט דָאךְ וָואס אַטָאג גְרֶאבֶּער, קוּק זִיךְ אַיין, וָואס פַאר אַיין הַארְץ! מֶען הָאט אִיהְר אַיין עַיִן הָרָע גֶעגֶעבֶּען! מֶאן דַארְף אָפְּשְׁפְּרֶעכֶען, שִׁיק אַמֶענְצֶען נָאךְ יַאנְקִיל כְּלוֹינֶעם! עֶר שְׁפְּרֶעכְט אָפּ, גֶעמְט דָאס צוּ וִוי מִיט'ן הַאנְד.

— נֵיין הָאט דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע גֶעזָאגְט שָׁאקְלֶענְדִיג מִיט'ן קָאפּ, — מִיר דוּכְט אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין עַיִן הָרָע, קוּקְט זִיךְ אַיין וִוי בְּלָאה זִי אִיז, זִי אִיז מִסְתָּמָא שׁוֹין פוּן לַאנְג נִיט אִין גַאנְצֶען גֶעזוּנְד, נוּר זִי אִיז דָאךְ אַ וִוילְדֶע זַאךְ, זִי וֶועט דִיר דֶען זָאגֶען! מֶאן דַארְף שִׁיקֶען נָאךְ אַ דָאקְטֶער.

נֵיין נֵיין מֶאן דַארְף נִיט! הָאט דִי קְרַאנְקֶע מִיט שְׁרֶעק גֶעזָאגְט — מֶאן דַארְף נִיט קֵיין דָאקְטֶער! עֶס וֶועט בַּאלְד אַזוֹי אִיבֶּער גֶעהֶען! דָאס אִיז גָארְנִישְׁט. אִיהְר קֶענְט גֶעהְן אִין קְרָאם, רָחֵל אִיז גֶערֶעכְט מֶאן דַארְף אָפּ שְׁפְּרֶעכֶען.

אִין דֶער יוּנְגֶער מֵיידִיל, נִיט קוּקֶענְדִיג אוֹיף אִיהְרֶע יְסוּרִים, הָאט זִיךְ דַאן עֶרְוֶועקְט אַ חֵשֶׁק צוּם לֶעבֶּען: אִיהְר הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט דָאס אִיהְרֶע בַּעֲלֵי הַבַּתִּים, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אִיהְר לִיבּ גֶעהַאט, זָאלֶען זִיךְ דֶערְוִויסֶען אִיהְר שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאגֶע, אִיהְר שַׁאנְדֶע, זִי הָאט גֶעבְּרָאכֶען דֶעם קָאפּ וִוי צוּגֶעפִּינֶען אַמִיטֶעל, דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע מִיט אִיהְר שְׁוִוינֶער זָאלְלֶען אַוֶועק גֶעהְן אוּנ זִי זָאל קֶענֶען דֶערְנָאךְ וואוּ עֶס אִיז אַוֶועק גֵעהֶען פוּן זֵיי.

וואוּ הִין אַוֶועק גֵעהְן?? וואוּ עֶס אִיז, אַז זֵיי זָאלֶען נִיט וִויסֶען, נִיט בֶּעמֶערְקֶען, חָאטְשׁ בְּלַייבֶּען אִין פֶעלְד נוּר נִיט בַּיי זֵיי.

— וָואס זָאגְסְט דוּ! הָאט רָחֵל גֶעזָאגְט צוּפְרִידֶען מִיט זִיךְ, — אִיךְ וֵייס נִישְׁקָשֶׁה וָואס אַיין עַיִן הָרָע אִיז, בֶּעת מַיין אִיצְּע־דַיין מַאן — אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ חֵדֶר־אִינְגֶעל, פְלֶעגְט אוֹיסְקוּמֶען אַלְלֶע וַוייל'ע אִיהְם אָפְּשְׁפְּרֶעכֶען אַ גוּטֶע אוֹיג, וִוי עֶר פְלֶעגְט נוּר קוּמֶען פוּן חֵדֶר, פְלֶעג אִיךְ שׁוֹין דֶערְקֶענֶען אָן זַיין פָּנִים צוּ מֶאן

האט

הָאט אִיהְם אַיין עַיִן הָרָע גֶעגֶעבֶּען אָדֶער נִיט. וֶועל אִיךְ דָא נִיט פַארְשְׁטֵעהְן? עֶס אִיז קְלָאר וִוי דֶער טָאג אַז מֶען הָאט דִי מֵיידֶעל אַיין עַיִן הָרָע גֶעגֶעבֶּען, דָאס וָואס זִי אִיז בְּלָאה אִיז גָאר פְּרָאסְט; דוּ מֵיינְסְט אַ עַיִן הָרָע אִיז אַקְלֵיינִיגְקֵייט? אִין צְאָנָה וּרְאֶינָה שְׁטֶעהְט אַז 99 פְּרָאצֶענְט שְׁטַארְבֶּען פוּן . . .

— נוּר נָאךְ אִיהְר פָּאטֶער דַארְף מֶען, אַלֶעְנְפַאלְס שִׁיקֶען. — הָאט אִיהְר דִי שְׁנוּר אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען דִי רֵייד אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶער טָאכְטֶער.

—גֵעה אַרִיבֶּער, שֵׁיינֶעלֶע, אִין פִּיקֶער גַאס אוּנ פְרֶעג דָארְטֶען שְׁמוּאֵל לַאטוּטְנִיק.

—בַּעַל הַבַּיִת'טִינְקֶע, קְרוֹינִינְקֶע, מֶען דַארְף נִיט! עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער, עֶר וֶועט זִיךְ אִיבֶּער שְׁרֶעקֶען! טְרוֹיט מִיר, עֶס וֶועט בַּאלְד אִיבֶּערְגֵעהְן! הָאט רַחֲמָנוּת! הָאט הְיֶענֶע גֶעוֵויינְט, נוּר מֶען הָאט אִיהְר נִיט גֶעהֶערְט.

— בַּאלְד אִיז גֶעקוּמֶען שְׁמוּאֵל אַבְלֵייכֶער אַ עֶרְשְׁרָאקֶענֶער.

— וָואס אִיז דָאס? וואוּ אִיז זִי?

—אָט — אָט ר' שְׁמוּאֵל! דָאס זַייט אִיהְר דָאךְ מִסְתָּמָא אִיהְר פָּאטֶער? אִיהְר אִיז אִין דֶער פְרִיה נִיט גוּט גֶעוָוארֶען, גָאט וֵוייס וָואס מִיט אִיהְר אִיז!. . . אָט וִוי אִיהְר זֶעהְט, לִיגְט זִי אַ גַאנְצֶען טָאג וִוי אַ פְלַאחֶע, נֶעמְט גָאר נִישְׁט אִין מוֹיל . . .

— חְיֶענִינְקֶע! וָואס אִיז דִיר? זָאג מַיין טָאכְטֶער! — הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁרָאקֶענֶער אַלְטֶער גֶעוֶוענְדֶעט צוּ דֶער טָאכְטֶער.

— גָאר נִישְׁט טַאטֶע, גָאר נִישְׁט, זָאל מִיר אַזוֹי גָאטְט גֶעבֶּען גֶעזוּנְד! וָואס הָאסְט דוּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶען: מִיר טְהוּט אַבִּיסֶעל וֶועה דֶער קָאפּ, מֶעהְר גָאר נִישְׁט, עֶס וֶועט בַּאלְד אִיבֶּער גֶעהְן, הָאט חְיֶיעֶנֶע גֶעזָאגְט אוּנ הָאט גֶעוָואלְט אַ שְׁמֵייכֶעל טָאהְן נוּר זִי הָאט פוּן וֶועהְטָאג נִיט גֶעקֶענְט.

— וָואס רֶעדְסְט דוּ מַיין טָאכְטֶער! — קוּק זִיךְ אַיין וִוי דוּ זֶעהְסְט אוֹיס! אָה צָרוֹת מַיינֶע גְרוֹיסֶע: בַּעַל הַבַּיִתְטִינְקֶע הָאט רַחֲמָנוּת! שִׁיקְט אִימֶעצֶען נָאךְ אַדָאקְטֶער, גָאטְט וֶועט אַייךְ דֶערְפַאר בֶּעצָאהְלֶען.

— מַאן הָאט גֶעשִׁיקְט — מַאן הָאט גֶעשִׁיקְט, אִיהְר דַארְפְט נִיט בֶּעטֶען, אִיךְ קֶען אַייךְ זָאגֶען אַז חְיֶענֶע אִיז בַּיי מִיר גַאנְץ טְהַייעֶר וַוייל זִי אִיז אַיין עֶרְלִיךְ קִינְד.

הְיֶענֶען הָאט פוּן דִי בַּעַל הַבַּיִתְטֶעס שְׁבָחִים אַ שְׁנִיט גֶעטָאהְן אִיבֶּער'ן הַארְצֶען וִוי מִיט אַמֶעסֶער.

— צוּ וָואס הָאט אִיהְר גֶעשִׁיקְט? הָאט זִי מִיט אַ בִּיטֶערֶע שְׁטִימֶע גֶעפְרֶעגְט.

— פַאר וָואס מַאן הָאט גֶעדַארְפְט, פַאר וָואס דוּ בִּיסְט אַ עַקְשָׁן! — הָאט דִי בַּעַל הַבַּיִתְטֶע גֶעאַנְטְוָוארְט מִיט אַשְׁמֵייכֶעל.

לֵאָה אִיז הֶערַיין אוּנ הָאט פְלִינְק אַ וָוארְף גֶעטָאהְן דִי אוֹיגֶען אוֹיף אַלֶע פִיר וִוינְקְלַאךְ. דֶערְזֶעהֶענְדִיג אִיהְר אִיז חְיֶענֶע גֶעוָוארֶען פְרֵיילִיכֶער, שְׁמוּאֵל הָאט שְׁוַוייגֶענְדִיג גֶעוִויזֶען לֵאָהְן אוֹיף דֶער קְרַאנְקֶער.

– מען דארף נעמען א איזוואסציק און פאהרען א היים, – האט לאה געזאגט. – צוליב זיי, זי האט אנגעוויזען אויף דער בעל הביתטע, עס איז זייער איין גרויסער אומרוהיגקייט.

– עס איז נארעשקייט, מיר זיינען דאך ניט קיין גזלנים! מיר וועלען איהר לאזען אהיים! וואס איז זי ניט קיין מענש? פיהרען א קראנקע! האב קיין מורא ניט. מיר האבען שוין געשיקט נאך א דאקטער.

– נאכן דאקטר! – האט לאה מיט שרעק געזאגט.

– עס איז איבעריג, איבעריג! איך וועל נעמען איין איזוואסטשיק.

עס איז העריין דעם בעל הבית'ס הויז דאקטאר, האט זיך פארנייגט פאר דער אלטער, דער יונגער גערייכט די האנד, געזאגט זיי עטליכע געוואהנליכע ווארטער, בעקוקט די קראנקע און האט זיך פארוואונדערט געווענדעט צו דיא הערומיגע.

– וואס איז, הערר דאקטאר? האט די בעל הביתטע געפרעגט.

– קומט אהער אויף א מינוט, איך דארף אייך וואס זאגען.

זיי זיינען העריין אין א צווייטען צימער.

– הערט, די מיידעל איז שוואנגער.

שוואנגער!!

– יא שוואנגער, – שלאגט מיר ניט איבער – דאס איז איהר קראנקהייט איהר פארשטעהט? דאריבער דארפט איהר שיקען נאך א אקושערען אדער אטפראווען איר אין האספיטאל.

די בעל הביתטע איז געשטאנען עטליכע מינוט, א פארגליווערטע, איהר האט זיך ניט געוואלט גלויבען אז דיא שטילע ארענטליכע מיידיל זאל זיין איין אויסגעלאסענע. קומענדיג צו זיך איז זי אריין אין קיך.

– נו וואס? האט ער אייך געזאגט? האט שמואל אויסגעשריען, דער-זעהענדיג די בעל הביתטעס אומרוהיגע געזיכט, אין דער מינוט איז לאה הייענדיג אריינגעגאנגען.

– נו איך האב געבראכט א איזוואסטשיק, נאמיר פארען!

– לאה! – האט איהר די בעל הביתטע איבערגעשלאגען דיא רייד – איך דארף דיר זאגען עטליכע ווארטער. און אבפירענדיג איהר אן אזייט האט זי שטיל געזאגט: זיי וויסען, אויב דו ווייסט דאס נור ניט פריער פאר מיר, אז היענע איז מעוברת, זעה אז מען זאל איהר באלד, די מינוט פון דאנען אוועקפיהרען, פיר איהר אין ספיטאל אדער וואו דו ווילסט. און דאס זאל בלייבען א סוד: פאר אייך איז דאס ניט קיין גרויסער כבוד, און פאר מיר איז דאס אויך ניט קיין גרויסער פארגעניגען, אז פון מיין שטוב זאל מען פירען א מיידעל האבען... (און וואס אויב דאס איז באמת פון איינעם פון מיין שטוב? איז איהר הערייגעפאלען

א חשד

א חשד ,) דו פערשטעהסט ! באלד ! פון דעסטוועגען האב איך פון חיענען זיך ניכער געקענט ריכטען אויף א-נ-אנדער אומגליק, נור ניט קיין ממזר ! או-נ נא !

לאה האט איין ווארט ניט געאנטווארט, אונ ווי נור די בעל הביתטע האט גיענדיגט ריידען איז זי צוגעגאנגען צום בעטיל אויף וועלכע חיענע איז געלעגען אנגעחלשטע –, האט איהר שווייגענדיג גינומען אויף די האנד אונ הערויסגעטראגען פון שטוב, שמואל האט ניט פארשטאנען וואס דא טהוט זיך, נור אז חיענע איז שוין אין קיך ניט געווען האט ער זיך אזוי ווי פון א הארטען שלאף אויפגעחאפט אונ געפרעגט:

– וואס איז דא ? האט רחמנות, זאגט מיר וואס איז מיט מיין טאכטער, מיט מיין שווארצאפעל פון אויג ? –

– וואס איז מיט דיין שווארצאפעל פון אויג?–האט די בעל הביתטע געאנטווארט מיט כעס – בעסער וואלסט דו איר בעגראבען אקליינע, איידער אויסהאדעווען איהר אזא חצופה ! דיין טאכטער וועט דיר באלד האבען איין איניקעל – אט דאס איז געווען איהר קראנקהייט, איהר שלאפקייט, אט ווי זי איז דאס אלץ גע-לאפען צום ארעמען טאטען אונ צו די קראנקע שוועסטער ! בעסער וואלט זיא א כפרה ווערען איידער זי איז צו מיר אנגעקומען.

שמואלס וועקסענע געזיכט איז נאך געלער געווארען, ער האט זיך אנגעחאפט פאר'ן וואנד אום ניט צו פאלען,

– מיין טאכטער .... מיין חיעניניקע ! האט דער אלטער גערעדט אזוי ווי פון חלום, נור מיט אמאל איז ער אויפגעשפרונגען.

– איהר זאגט ליגען ! איהר זאגט ליגען, ראזבאיניקעס ! איהר ווילט מיין טאכטער אונגליקליך מאכען ! – דאס וועט ניט זיין ! איהר זאגט ליגען ! מיין טאכטער איז איין ארדענטליכע ! ... איין ארדענטליכע ! איך קען אויף דעם שווערען ביי א ספר תורה ! איהר זאגט ליגען, ראזבאיניקעס – איהר זייט אליין אויסגעלאסענע.

ער איז הערויסגעשפרונגען פון שטוב אונ האט זיך געלאזען לויפען ניט וויסענדיג וואו הין.

לאה איז אין דער צייט געפארען מיט דער שוועסטער איבער די גאסען, האלטענדיג איהר כמעט אויף די האנד. די פארבייגעהענדע האבען זיך אב-געשטעלט קוקען, נור לאה'ן האט דאס ווייניג אינטערעסירט.

זי האט ניט מורא אנצווערין איהר רעפוטאציע, זיא האט געוואוסט נור איין זאך ! מאן דארף ראטעווען די שוועסטער.

אין דעם זעלבען טאג האט חיענע געבאהרען א טויטע קינד, – שמואל איז 2 שעה הערומגעלאפען איבער די גאסען, אין דערהיים זיינען די טאכטער ניט געווען, וואו זשע האבען זייא געקענט זיין ? נור דערנאך האט ער זיך דער-

וואוּסְט פוּן דֶעם אִיזְוָואסְטְשִׁיק, וֶועלְכֶער הָאט זִי גֶעפִיהְרְט. דֶער אַלְטֶער אִיז אַוֶועק גֶעלָאפֶען צוּם הֶקְדֵשׁ.

– קוּ-דַא? – הָאט דֶער סְטְרָאז אִיהְם סְטְרֶאנְגֶע גֶעפְרֶעגְט.

– מַיין טָאכְטֶער, מַיין טָאכְטֶער אִיז דָא, לָאז הֶערַיין. זִי אִיז עֶרְשְׁט גֶע-קוּמֶען... בֵּיידֶע טֶאכְטֶער!

– אַ-אַ-אַ- דָאס אִיז דַיינֶע טֶאכְטֶער הֶם...

– לָאז הֶערַיין!

מַאן קָאן נִיט, דַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעבָּארֶען אַקִינְד, אוּנ מַאן קֶען דִיר אַהִין נִיט הֶערַיינְלָאזֶען, נוּר דִי אַנְדֶערֶע טָאכְטֶער קֶען אִיךְ הֶערוֹיסְרוּפֶען, הָאט זִיךְ דֶער סְטָארָאז עֶרְבַּארֶעמְט, זֶעהֶענְדִיג אַז שְׁמוּאֵלְס גֶעזִיכְט אִיז פַארְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען – אוּנ עֶר הָאט הֶערוֹיסְגֶערוּפֶען לֵאָה'ן.

– אִיז מַיין טָאכְטֶער חְיֶענֶע, טַאקֶע אִין דֶער אֶמֶתְן אַיין אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע! זַיינֶען זֵיי טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט? מַיין חְיֶענֶע הָאט גֶעהַאט אַ מַמְזֵר! אָה עֶרְבַּארִימִיגֶער גָאטְט! פַאר וָואס שְׁטְרָאפְסְט דוּ מִיר אַזוֹי? – הָאט עֶר גֶעשְׁרִיעֶן, שְׁלָאגֶענְדִיג דִי קָאפּ אָן דֶער וַואנְד,

עֶר וָואלְט גֶעפַאלֶען וֶוען לֵאָה וָואלְט אִיהְם נִיט צוּגֶעהַאלְטֶען, זִי הָאט אִים גֶענוּמֶען אוּנְטֶער דִי הַאנְד אוּנ אָבְּגֶעפִיהְרְט אַהֵיים. אַ מַמְזֵר! אַ מַמְזֵר! זִי הָאט מִיר פַארְשְׁוַוארְצְט דִי אוֹיגֶען, מַיין טָאכְטֶער... הָאט דֶער אַלְטֶער גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ.

מוּסֶעלֶען הָאט לֵאָה דֶערְצֵאהְלְט דֶעם גַאנְצֶען אֶמֶת אוּנ הָאט, פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ פֶערְטְהֵיידִיגְט חְיֶענֶען.

בַּאלְד הָאט שׁוֹין גַאנְץ פִּיקֶער נַאס גֶעוואוּסְט דֶעם נַייֶעס! אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט גֶעהַאט אַ מַמְזֵר בַּיי דֶער בַּעַל הַבַּיִתְטֶע אִין שְׁטוּבּ, אוּנ מִיטֶ'ן מַמְזֵר הָאט מַאן אִיר דוּרְךְ פַּאלִיצֵיע אָבְּגֶעפִירְט אִין הָאסְפִּיטַאהְל! אַנְדֶערֶע הָאבֶּען דֶערְצֵאהְלְט אַז זִי הָאט דֶעם מַמְזֵר גֶעפַּטֶרְת אוּנ מַאן הַאלְט אִיהְר דֶערְוַוייל אִין סְפִּיטָאהְל בִּיז זִי וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען, אוּנ דֶערְנָאךְ, וֶועט מַאן אִיהְר הֶערַיין זֶעצֶען אִין אַסְטְרָאג. קֵיינֶער הָאט אוֹיף חְיֶענֶען קַיין מִיטְלַייד נִיט גֶעהַאט, חָאטְש מִיט 3 טֶאג פְרִיעֶר זַיינֶען אִיהְר אַלֶע גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד.

– נַא דִיר אַ שְׁטִילִינְקֶע! הָאט אֵיין אִידֶענֶע גֶערֶעדְט, אַ קְבוּרָה אוֹיף אִיהְר וָואלְט אִיךְ זִיךְ גִיכֶער גֶערִיכְט.

– אִין אַ שְׁטִילֶע בְּלָאטֶע וָואהְנֶען שֵׁדִים, הָאט דִי אַנְדֶערֶע גֶעעֶנְטְוֶוערְט.

– אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט – הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען אַ דְרִיטֶע – אַז דִיא אֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער לֵאָה, אָט דִי וָואס אִיז בַּיי זֵיי דִי גַאנְצֶע בַּעַלְהַבַּיִתְטֶע, הָאט אִיהְר אוֹיף דִי הָאנְד גֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל.

– וֶוער זְשֶׁע דֶען הָאט גֶעזָאלְט פִיהְרֶען? – הָאט דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעזָאגְט – מִסְתָּמָא אִיז לֵאָה אַזוֹי אָרְדֶענְטְלִיךְ וִוי זִי.

– אַי, עס וואָלט געווען שאַהן אַז לאה וואָלט אויך געבראַכען דעם קאַרק, פון איהר גרויסקייט איז שוין גאָר ניט אויס צוהאַלטען.

– זי וועט נאָך ברעכען! איהר וועט געדיינקען מיין וואָרט! זיא האָט נאָך צייט אָן צו פלאָדזען אַ פּאָר טוג.

– אָט האָסט דו דיר... „מיינע טאָכטערלאַך, לאַנג לעבען זאָלען זיי“, ווי שמואל זאָגט.

– ניין, אויף שמואל'ן איז אַ רחמנות! ער איז אַיין ערליכער איד, ער האָט אַזאַ חרפּה, אַזעלכע בזיונות ניט פאַרדינט.

לאה האָט ניט הערגעבראָכען די קאָפּ אונטער דעם האָגעל שטאָכווערטלאַך. זי האָט ווי פריער געקוקט אַללעמען גלייך אין די אויגען: נור מיט שמואל'ן איז געווען גאָר אַנדערש, דעם ערשטען טאָג איז ער הערומגעלאָפען איבערין שטוב ווי אַ משוגענער, האָט געריסען אויף זיך די האָר, געוויינט, געשאָלטען, לאה האָט געשוויגען, נור אויפ'ן אַנדערין טאָג, אַז ער האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען, זי האָט גערעדט אַגאַנצען טאָג אויפוויזענדיג דעם פאָטער, אַז מאַן קאָן חיענען ניט בעשולדיגען, זיא האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהען צו ליב וואָס חיענע האָט דאָס געטאָהן און אַזוי ווייטער. די יונגע מיידיל האָט גערעדט אַזוי ערינסט און מיט אַללע קרעפטען האָט זיא זיך געסטאַרעט עס צו איבערציינען אַז זיא איז גערעכט. שמואל האָט גענומען קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף די געשיכטע, מוסעלע איז אויך פראַהליכער געוואָרן.

נור פון דעסטוועגען האָט דער אַלטער אַ קאָפּ ניט געקענט אויפהייבען, ער האָט ניט געסמייעט זיך ווייזען אויפ'ן גאַס, זיך בעגעגענען מיט אַבעקאַנטען! ער האָט אַפילו דורכ'ן פענסטער מורא געהאַט צו קוקען, טאָמער וועט איהם ווער דערזעהען.

שרה האָט דערהערט וועגען די מעשה וועלכע האָט אַזוי פיל חרפּות ביושים פאַרשאַפט איהר פאַמיליע. און איז געקומען צום פאָטער.

טאַטע: וואָס האָב איך דאָס עפּעס אויפ'ן גאַס געהערט? וואָס איז מיט חיענען? האָט זי שטיל מיט שרעק געפרעגט.

אַנשטאָט אַיין אַנטוואָרט האָט זיך שמואל פאַנאַנדער געוויינט.

– דאָס איז איהר האַדעוואַנע! – האָט שרה געזאָגט מיט כעס, קוקענדיג אויף לאה'ן.

לאה האָט געשוויגען.

איך האָב אַללע מאָהל געזאָגט, אַז פון איהר וועט קיין גוטער סוף ניט הערויס קומען, און אַלין צו ליב וועמען?... – נור צו ליב איהר. פרעה זיך איצטער... לאה'נקע! גוטע בזיונות אָנגעמאַכט אונזער גאַנצער פאַמיליע.

דיר

דִיר אַרְט דָאס נִיט וִוי אִיךְ זֶעה, נוּר אִיךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ דָאךְ אוֹיפְ'ן נַאס נִיט קֶענֶען וַוייזֶען צוּ לִיבּ דֶער חֲצוּפָּה! אוּמֶעטוּם וֶועט מַאן מִיר שְׁטֶעכֶען דִי אוֹיגֶען מִיט מַיין שֶׁאהְנֶע שְׁוֶועסְטֶערְ'ל, וָואלְט זִיא בֶּעסֶער גָאר נִיט גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען, מִיר וֶועלֶען דָאךְ אִיצְטֶער אִין שׁוּל דַאוְונֶען נִיט קֶענֶען גֶעהְ'ן פַאר חֶרְפָּה.

– וָואס אִיז לֵאָה שׁוּלְדִיג? –הָאט שְׁמוּאֵל שְׁטִיל גֶעפְרֶעגְט.

– וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג?! דָאס אִיז דָאךְ אִיהְר טְהַייעֶרֶע הָאדֶעוַואנְיֶע, זִיא הָאט דָאךְ אִיהְר גֶעלֶערֶענְט! זִי הָאט אִיהְר צוּלָאזֶען!

לֵאָה וֶועלְכֶע הָאט בִּיז אַהֶער גֶעקוּקְט אוֹיף שָׂרָה'ן מִיט בְּרֶענֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען פוּן כַּעַס, אִיז אִיצְט הֶערוֹיס פוּן גֶעדוּלְד.

שְׁוַויינ! הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטִימֶע.

– שְׁוַוייגֶען? וָואס אִיז דָאס עֶפֶּעס? אִיךְ בִּין דוּכְט זִיךְ בַּיי דִיר קֵיין דִינְסְט נִיט, דוּ זָאלְסְט אוֹיף מִיר שְׁרַייעֶן, הַא! זִיא שְׁרַייט אוֹיף מִיר! בִּיסְט אוֹיךְ אַזַא גוּטֶע וִוי חְיֶענֶע! וֶועסְט גֶעהֶען אִין אִיהְר וֶועג!

לֵאָה וָואלְט פַארְשְׁווִיגֶען, וַוייל זִי הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס דִי שְׁוֶועסְטֶערְם בִּיטֶערֶע הַארְץ רֶעדְט דָאס, נוּר זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, דָאס דֶער פָאטֶער וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין צוּ לִיבּ אִיהְרֶע רֵייד גֶעהַאלְטֶען פַאר חְיֶענֶען, זָאל אִיצְט וַוייטֶער נִיט וֶוערְ'ן בֵּייז אוֹיף אִיהְר.

– שְׁוַוייג, אִיךְ בֶּעט דִיר! דוּ דַארְפְסְט נִיט רֵיידֶען וֶועגֶען חְיֶענֶען, אַז דוּא וֵוייסְט נִיט וָואס פַאר אַמֶענְשׁ זִי אִיז, אַז דוּ וֵוייסְט נִיט פוּן קֵיין שׁוּם מַעֲשָׂה!

– אִיךְ וֵוייס נִיט! גַאנְץ שְׁטָאדְט קְלִינְגְט, אוּנ אִיךְ וֵוייס פוּן קֵיין שׁוּם מַעֲשָׂה נִיט – וִויא גִיפֶעלְט דָאס דִיר, טַאטֶע? דֶערְפַאר וֵוייסְט דוּא לֵאָה שׁוֹין גֶעווִיס אִין גַאנְצֶען, דוּ הָאסְט שׁוֹין מִסְתָּמֶא לַאנְג גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, דוּ הָאסְט אִיהְר אֶפְשֶׁר אַלֵיין דִי עֵצָה גֶעגֶעבֶּען.

– אָדֶער הֶער אוֹיף, אָדֶער גֶעה אַהֵיים! – הָאט לֵאָה אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאהְן.– אִיךְ וֶועל חְיֶענֶעס פְּיַאטֶע נִיט בַּייטֶען אוֹיף דַיין קָאפּ! זִי אִיז טוֹזֶענְד מָאהְל בֶּעסֶער אוּנ עֶרְלִיכֶער פַאר דִיר!

– זָאל מִיר אָבְּדַארֶען דִיא פִּים אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַהֶער אַרַיינְגֶעהְן כָּל זְמַן זִיא וֶועט דָא זַיין! – הָאט דִי עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעשְׁרִיעֶן– אוּנ אִיז הֶערוֹיסְגֶעלָאפֶען פוּן שְׁטוּב. שְׁמוּאֵל הָאט נוּר גֶעזִיפְצֶעט.

## ה.

## דֶער פָאטֶער פֶערְצַייהֶעט.

לֵאָה הָאט בֶּעזוּכְט דִי שְׁוֶועסְטֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטֶען טָאג נָאכְ'ן גֶעווִיגֶען. חְיֶענֶע אִיז גֶעלֶעגֶען אוּנ הָאט פַארְטְרַאכְט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן וַואנְד.

לאה

לאה האט שטיל אװעקגעלײגט דיא האנד בײא איהר אויפ'ן פלײטשע אונ האט זיך אײנגעבױגען איבער איהר אונ געפרעגט – „װאס מאכסט דו שװעסטער?

חיענע האט עטליכע מינוט געקוקט שװײגענדיג אויף לאהן, נור מיט אמאהל האט זיא מיט בײדע הענד הערומגעכאפט איהר קאפ אונ האט איהר שטארק צוגעדריקט צום הארצען – שװעסטעריל ליבינקע, טהײערינקע, גילדערנע שװעסטעריל! נשמה מײנע!... די איבעריקע האט זי הערויסגעזאגט ניט מיט װערטער נור מיט טרערען.

– בערוהיג זיך, בערוהיג זיך!...

– װאס איז מיט'ן טאטען? װאס מאכט ער? האט חיענע געפרעגט אין עטליכע מינוט הערום.

– דער טאטע איז געזונד אונ ער קלערט װעגען דיר די זעלבע װאס איך.

חיענע האט נאך שטארקער אנגעהויבען צו װײנען אונד האט עטליכע מאל געקוסט די שװעסטער. אינניגסטע הארצליכע קוססען האבען עפעס װאונדערליך געקלונגען אונטערען הויכען שופיט פון האספיטאל.

10 טעג איז חיענע געלעגען אין ספיטאל, לאה איז צוא איהר אלע טאג געגאנגען אונד מיט אירע װארעמע רײד האט זיא איר פארגרינגערט דיא הארץ אונ האט אין איר געשטארקט די האפענונג אויף בעסערע צײטען. לאה האט פארשטאנען אז יעצט, נור יעצט איז א נוטע צײט אראפ צו פירען די שװעסטער פון דער פינסטערער װעג, אויף װעלכע זי האט זיך פון צרות געשטעלט; מען דארף איהר נור געבען צו פערשטעהען, אז זי איז נאך ניט קײן פארפאלענע, אז זי קען זיך נאך אומקערין צוריק, ניט װי אנדערע אין דעם ארט װעלכע קלערין „איך בין שוין פארפאלען, מיר איז שוין יעצט אלץ אײנס", דער געדאנקען איז פאלש אונד שעדליך, ער טרײבט די אונגליקליכע אלץ װײטער אויף דער פינסטערער װעג אונד לאזט זײ זיך גאר ניט אפשטעלען, דער געדאנקען איז א פאלשער אונד אוננוטציג, מיט אזא געדאנקען קאן מען זיך נור טרינקען, אבער ניט לעבען, מען דארף לעבען, חיענע איז ניט אזא שרעקליכע בעל עברה װי די װעלט מײנט.

חיענעס געזיכט איז װידער פרעהליך געװארען, איהרע אויגען האבען װידער גענומען לײכטען, איהר שטימע איז שטארקער געװארען. דאס אלץ האט לאה'ן געװיזען אז איהרע רײד האבען געװירקט, אז חיענע האט זיך אומגעקערט צו א נײעם לעבען. זײ האבען אבגערעדט, אז חיענע זאל װאו אװעק פארען. לאה איז שוין מיט איר געװען זיכער.

לאה האט געהאט א רובל 10, אנגעקליבענע פון דיא געבאק; מיט דיא געלד װעט חיענע אװעק פארען אין הארקאװ, װאו עס האט געװוינט זײערער א בעקאנטער אונ זי װעט זיך שטעלען דיענען.

שמואל

שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ בֶּערוּהִיגְט, הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶערוֹיסְנֶעהְן אוֹיפְ׳ן נַאס, רֵיידֶען מִיט מֶענְשֶׁען (אֶמֶת מִיט אַיין הֶערָאפְּגֶעלָאזֶענֶע קָאפּ), גֶעהְן אִין שׁוּל דַאוְונֶען.

פַארִין אָפּ פָּארֶען אִין חַארְקָאוו, אִיז חָיֶענֶע הֶערַיינְגֶעקוּמֶען צוּם פָּאטֶער, שְׁמוּאֵל אִיז גֶעזֶעסֶען בַּיין טִישׁ. זִי פְּלֶעגְט פְרִיעֶר אוֹיךְ אָפְט קוּמֶען צוּם פָּאטֶער, נוּר וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן יֶעצְטִיגֶען קוּמֶען צוּ דִי פָארִיגֶע: אַמָאהְל פְּלֶעגְט זִיא הֶערַיינְגֶעהְן אִין שְׁטוּבּ פְרֶעהְלִיךְ, אִיבֶּערְהוֹיפְּט, בְּעֵת זִיא פְּלֶעגְט בְּרֵיינְגֶען אַבִּיסֶעל גֶעלְד, פְּלֶעגְט פְרֶעהְלִיךְ זָאגֶען „גוּט מָארְגֶען", אוּנ אָנְהֵייבֶּען רֵיידֶען, דֶערְצֶעהְלֶען, פְּלַאפְּלֶען, וִוי אַ פֵייגֶעלֶע. דֶער פָאטֶער פְלֶעגְט אוֹיךְ פְרֶעהְלִיךְ וֶוערֶען, אוּנ אִיצְט! אִיצְט גֶעהְט זִי מִיט אַ שְׁוֶוערֶע הַארְץ, מִיט שְׁרֶעק, אַרִיבֶּער דֶעם שְׁוֶועל, אִיבֶּער וֶועלְכֶען זִי פְלֶעגְט אַמָאהְל אַזוֹי לַייכְט, אַזוֹי פְרֶעהְלִיךְ הֶערִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען, שְׁטִיל, מִיט אַ צִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע זָאגְט זִיא „גוּטֶען אָבֶענְד" אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבּ אִין מִיטֶען שְׁטוּבּ, מִיט אַ שְׁטֵיין אוֹיפְ׳ן הַארְצֶען.

שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ עֶפֶּעס וִוי עֶרְשְׁרָאקֶען, הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ רֵיידֶען, וִוי זִיךְ מִיט אִיהְר צוּבֶּעגֶעהְן. נוּר דָארְטֶען אִין הַארְצֶען, טִיף בַּייא עֶם, הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶרְוֶועקְט אַ פְרֵיידֶע. דֶערְזֶעהֶענְדִיג דִיא טָאכְטֶער, הָאבֶּען זִיךְ אִין עֶם עֶרְוֶועקְט גֶעפִילֶען פוּן פֶערְצַייהוּנְג אוּנ לִיבֶּע...

טַאטֶע... אִיךְ פָאר אַוֶועק... זֶעגֶען זִיךְ מִיט מִיר...

שְׁמוּאֵל הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֵויינֶען אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעקֶערְט צוּם וַאנְד.

בַּיי אֵיין מִינוּט אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל.

וָואס וֵויינְסְט דוּ? – הָאט עֶם לֵאָה אוּנְמוּטִהִיג גֶעזָאגְט – חָיֶענֶע דַארְף אַוֶועק פָּארֶען אִין חַארְקָאוו אוּנ דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מִיט אִיהְר זֶעגֶענֶען אוּנ פַארְגֶעסֶען אַלְץ, וָואס בִּיז אַהֶער אִיז גֶעוֶוען, וַוייל מֶעהְר וֶועט דָאס שׁוֹין נִיט זַיין, אִיךְ וֵייס דָאס אוֹיף גֶעוִויס נוּ, צוּקוּקְסְט זִיךְ, אוּנ – אַ סוֹף.

אוּנ גֶעמֶענְדִיג חָיֶענֶען פַארְ׳ן הַאנְד הָאט זִי אִיהְר צוּגֶעפִירְט צוּם פָאטֶער, חָיֶענֶע הָאט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶאנְד דֶעם פָאטֶערְס קָאפּ אוּנ הָאט אִיר בֶּעשָׁאטֶען מִיט הֵייסֶע קוּסֶען.

טַאטִינְקֶע! זַיי מִיר מוֹחֵל!

שְׁמוּאֵל׳ס הַארְץ אִיז וֵוייךְ גֶעוָוארֶען, פוּן זַיין כַּעַס אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אַ סִימָן אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען בֶּעטֶען דִי טָאכְטֶער, זִי זָאל נִיט אַוֶועק פָאהְרֶען.

– דָאס קֶען נִיט זַיין, – הָאט לֵאָה גֶעאַנְטְוָוארְט – חָיֶענֶע מוּז אַוֶועק פָארֶען, וֶוען נִיט, וֶועט זִי נָאכְאַנַאנְד לִיגֶען בַּיי דִי „יֶענְטֶעס" פוּן פִּיקֶער-גַאס אִין דִי מַיילֶער.

דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג אִיז חָיֶענֶע אַוֶועקְגֶעפָארֶען.

## ה.

## פוּן אַ שְׁנַיידֶער — אַ גַאסְס-מֶענְשׁ.

שְׁמוּאֵל'ן הָאט סְטְרַאשְׁנֶע דֶערְעֶסֶען דִי נָאדֶעל.

— אִיךְ קֶען נִיט, אִיךְ קֶען נִיט — פְּלֶעגְט עֶר זָאגֶען — וַויא נָאר אִיךְ נֶעם דִי נָאדֶעל מִיט דִי לַאטֶעס אִין הַאנְד חַאפְּט מִיר אַ פִינְסְטֶערְנִיס אִין דִי אוֹיגֶען, אָט, אָט, דַאכְט זִיךְ שְׁטַארְבּ אִיךְ אַוֶועק. דִי עֶרְגְסְטֶע קַאטֶערְזְשְׁנֶע אַרְבַּייט אִיז, דוּכְט זִיךְ, בֶּעסֶער וִוי לֵייגֶען דִי פַארְפְלוּכְטֶע לַאטֶעס, נוּר גָאר נִיט טָאן אוּנ לֶעבֶּען פוּן לֵאָה'ס פַארְדִינְסְט, הָאט אִים זַיין חַארַאקְטֶער נִיט גֶעטְרָאגֶען. אוּנ אִין אֵיין שֶׁאהֶנֶעם זוּמֶער טָאג, וֶוען דִי גַאנְצֶע נַאטוּר הָאט גֶעלוֹיכְטֶען אוּנ זִיךְ גֶעפְרֶאהְט, אִיז „שְׁמוּאֵל דֶער לַאטוּטְנִיק“ גֶעוָוארֶען „שְׁמוּאֵל דֶער גַאס-מֶענְשׁ“ עֶר אִיז הֶערוּיס־גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטְרִיק אוֹיפְ'ן מַארְק אוּנ הָאט גֶעוַוארְט, אֶפְשֶׁר וֶועט וֶוער דַארְפֶען עֶפֶּעס אַוֶועקְטְרָאגֶען אִין אַ קְרָאם אָדֶער אוֹיפְ'ן וַואקְזַאל.

אוּנ עֶס הָאט אִיהְם טַאקֶע אָבְּגֶעגְלִיקְט: דְרַיי מָאהְל אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ הִיבְּשֶׁע שְׁטְרֶעקֶע, שְׁטַארְק אַיינְגֶעבּוֹיגֶען אוּנְטֶער דִי שְׁוֶוערֶע מַשָׂא, קוּקֶענְדִיג דִי גַאנְצֶע וֶועג אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ הָאט פַארְדִינְט 3 צֶענֶערְלִיךְ, הֲגַם דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי צֶענֶערְלִיךְ זַיינֶען אִיהְם, וִוי מַאן זָאגְט, „בְּאָקָאם הֶערוּיס“, אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָוארְפֶען אוֹיף זַיין הַארְטֶען גֶעלֶעגֶער, דֶער רוּקֶען, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוָואהְנְט גֶעוֶוען צוּ דֶעם אַלְטֶען פֶערְצִיג-יָאהְרִיגֶען אָרְדֶענוּנְג, הָאט אִיצְט שְׁטַארְק נִיט גֶעוָואלְט לֵיידֶען דִי נַייעֶ אַיינְפִירוּנְג אוּנ הָאט פְּרָאטֶעסְטִירְט, נוּר נַאכְהֶער אִיז עֶר בִּיסְלַאךְ וַוייז גֶעוָואהְנְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם נַייעֶן אַרְט לֶעבֶּען. אִין אַ חוֹדֶשׁ הֶערוּם אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארֶען אַיין אֱמֶתֶר גֶעוָואהְנְלִיכֶער טְרֶאגֶער.

## ו.

## אַ חָתָן אַ דַייטְשְׁל.

לֵאָה'ן אִיז גֶעוָוארֶען 20 יָאהְר.

שְׁמוּאֵל אִיז גֶיוֶוען שְׁטַארְק פַארְקְלֶערְט, וַויא פַארְזָארְגְט מַאן אִיהְר, דָאס הֵייסְט, וִוי מַאכְט מֶען אִיהְר חֲתוּנָה.

— אִיצְטֶער וֶועל אִיךְ אַזוֹי טָאהְן, — הָאט שְׁמוּאֵל גֶעמַאכְט פְּלֶאנֶער, — דִי שְׁטִיבֶּעל וֶועל אִיךְ פַארְקוֹיפֶען אוּנ חֲתוּנָה מַאכֶען לֵאָהן, דִי עֶטְלִיכֶע רוּבֶּעל וָואס וֶועלֶען בְּלַייבֶּען, וֶועל אִיךְ לָאזֶען פַאר מוּסֶעלֶען, אַלֵיין וֶועל אִיךְ מִיר וואו גֶעפִינֶען אַ ווִינְקֶעל אוּנ וֶועל מִיר מַיין בְּרוֹיט שְׁטֶענְדִיג פַארְדִינֶען: אַ פוּהְלֶע דַארְף אִיךְ אַלְטֶער הָאבֶּען? מוּסְקֶע וֶועט גֶעהְן דִינֶען, פַאר אִיר אִיז נִיט דָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבֶּען: זִי אִיז אַ שְׁטִילֶע, אַ פְרוּמֶע מֵיידִיל, חָאטְשׁ נִיט זֶעהְר קַיין קְלוּגֶע, נוּר נִישְׁט

קָשָׁה, פַאר מוּסְקְען אִיז נִיט דָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבֶּען: זִיא וֶועט מִיט נָאטְטֶעס הִילְף זַיין אַ עֶרְלִיכֶע מֵיידִיל.

אַמָאהְל אִיז לֵאָה אַוֶועק פוּן דֶער הֵיים אוּנ אִיז צוּרִיק קוּמֶענְדִיג צוּגֶעגַאנְגֶען גְלַייך צוּם פְאטֶער מִיט דִי וֶוערְטֶער.

— טַאטֶע, מַאן רֶעדְט מִיר אַ שִׁידוּך מִיט אַ זֵייגֶערְמַאכֶער, עֶר אִיז נִיט קַיין הִיגֶער, אִיךְ הָאבּ עֶם עֶטְלִיכֶע מָאהְל גֶעזֶעהְן, גֶערֶעדְט מִיט אִיהְם אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהְם גוּט דֶערְקֶענְט, עֶס קֶען זַיין, אַז דִי טֶעג וֶועט זַיין בַּיי אוּנְז תְּנָאִים. קַיין נַדַן בֶּעט עֶר בַּיי מִיר נִיט.

— מִיטְ׳ן זֵייגֶערְמַאכֶער אִיז לֵאָה בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען בַּייא אִיר חֲבֵרְתָּה, אַמָאהְל הָאט עֶר דֶערְצֶעהְלְט אַבִּיסֶעל פוּן זַיין לֶעבֶּענְסְגֶעשִׁיכְטֶע.

אוּנְזֶער פַאמִילְיֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע, אוּם פָּטוּר צוּ וֶוערֶען הָאטְשׁ פוּן אֵיין אִיבֶּערִיגֶען עֶסְסֶער הָאט מַאן מִיר אָבְּגֶעגֶעבֶּען צוּ אַיין זֵייגֶערמַאכֶער אוֹיף 4 יָאהְר, אוֹיף זַיין עֶסֶען, פַאר וָואס צוּ אַ זֵייגֶערמַאכֶער אוּנ נִיט צוּ קַיין שׁוּסְטֶער אָדֶער צוּ קַיין שְׁמִיד, ווַייס אִיךְ נִיט. קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶע פֶעהִיגְקַייט צוּ זֵייגֶער מַאכֶעַרַייא הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעהַאט, אוּנ קֵיינֶער הָאט גָאר אֲפִילוּ נִיט גֶעוָואלְט דֶערְגֶעהְן צוּ וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט אִיךְ הָאבּ מֶער פֵייהִיגְקַייט, וָואלְט זִיךְ דַאנְן גֶעטְרָאפֶען אַ שְׁנַיידֶער, אַ שׁוּסְטֶער אָדֶער אַ שְׁמִיד — וָואלְט מַאן מִיר אָבְּגֶעגֶעבֶּען צוּם שְׁנַיידֶער, צוּם שׁוּסְטֶער אָדֶער צוּם שְׁמִיד. אוֹיף אַזַא אוֹפֶן בִּין אִיךְ פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארֶען פַאר אַ קְנֶעכְט אוֹיף 4 יָאהְר אִין אַ פְרֶעמְדֶע פַאמִילְיֶע. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר גֶעהַאלְטֶען אוֹיף פַאסִילְקֶעס, דִי פָּאדְמַאסְטֶערְס הָאבֶּען מִיר אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט וואוּ זֵיי הָאבֶּען נוּר גֶעדַארְפְט, דִיא בַּעַל הַבַּיִתְטֶע פְלֶעגְט מִיר אִין אַ מַארְק טָאג נֶעמֶען מִיט זִיךְ אִין מַארְק אוּנ אִיךְ פְלֶעג אִיר נָאךְ טְרָאגֶען דֶעם קָאשִׁיק מִיט דִיא פַּאקוּפְּקֶעס, יֶעדֶער טָאג פְלֶעג אִיךְ אִיר מוּזֶען הֶערוֹיסְטְרָאגֶען דִי פַאמוּנִיצֶע, וַואשֶׁען דִי קִינְדֶערְשֶׁע ווִינְדֶעלַאךְ, שָׁאבֶּען בּוּלְבֶע אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע אַרְבַּייט: בַּייא דִיא קִינְדֶער בִּין אִיךְ גִיוֶוען אַ קַאמֶערְדִינֶער, אַ נִיאַנְקֶע אוּנ וָואס נוּר אִיר ווִילְט, — מִיט אֵיין וָוארְט אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִיבֶּער זִיךְ 10 אוֹיבֶּערְהַארֶען. מִיט דִיא אַלֶע אַרְבַּייט הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט גַאנְצֶע 3 יָאהְר אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵייא ב״ה אוֹיסְגֶעלֶערֶענְט פָאלְקָאם, נוּר דֶער פַאר הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעהַאט אַבְּרֶעקֶעל בֶּעגְרִיף אִין זֵייגֶערְמַאכֶערַיי. צוּם עֶנְדֶע פִירְטֶען יָאהְר הָאט מַאן מִיר גֶעזֶעצְט צוּ דֶער אַרְבַּייט, אוּנ אִיךְ בִּין אָבְּגֶעוֶוען בַּייא מַיין בַּעַל הַבַּיִת נָאךְ 2 יָאהְר אַלְס פָּאדְמַאסְטֶער: נַאכְהֶער בִּין אִיךְ, דוּרְךְ אַ רֶעקָאמֶענְדַאצְיֶע אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי אַ רִיסְטָאקְרַאטִישֶׁע זֵייגֶערְמַאכֶער — אַ יוּנְגֶען פְרַאנְט, וֶועלְכֶער הָאט גֶעוֶוענְדִיגְט אַיין גִימְנַאזְיֶע. דָא הָאבּ אִיךְ פְלַייסִיג גֶעאַרְבֶּעט 3 יָאהְר; מַיין ווִירְט אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר צוּ פְרִידֶען; נוּר אַז אִיךְ הָאבּ אִיהְם אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מַיין 2 רוּבְּלְדִיגֶע גֶעהַאלְט (אִיךְ הָאבּ בַּייא מַיין ווִירְטְה גֶענוּמֶען טִישׁ מִיט 2 רוּבִּיל אַ מָאנַאט) אִיז נִיט גֶענוּג אוֹיף דָאס נֶאטְהִיגְסְטֶע אָן וָואס

מַאן קֶען נִיט אוֹיסְקוּמֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטֶען, עֶר זָאל מִיר הֶעכֶערֶען אַרוּבִּיל שְׂכִירוֹת, אִיז עֶר אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען, וְויא אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס נִיט צוּ פְרִידֶען זַיין מִיט דִי עֶהְרֶע וָואס אִיךְ אַרְבַּייט אִין אַמַאגַאזִין, בַּייא אַגֶעבִּילְדֶעטֶען אָרֶענְטְלִיכֶען מַאן!... לַאנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאטֶערְט אוּנ הָאבּ זִיךְ נִיט גִיקֶענְט בֶּעשְׁלִיסֶען וָואס צוּ טְהָאן, אַוֶועק וַוארְפֶען דֶעם גֶעבִּילְדֶעטֶען ווִירְטְה אוּנ פָאהְרֶען אִין N הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען, דָא לֶעבּ אִיךְ הַאלְבּ ווִי אַ שְׁלֶעפֶּער אוּנְד הַאלְבּ נִיט גִיקֶענְט דִיא אַרְבַּייט, אוּנ דָארְטֶען, אִין דֶער פְרֶעמְד קָאן אֶפְשַׁר אוֹיסְקוּמֶען לַיידֶען אִין גַאנְצֶען הוּנְגֶער, אוּנְד נִיט הָאבֶּען קַיין הוֹצָאוֹת מִיט וָואס צוּ קוּמֶען צוּרִיק. אֱמֶת, אִין N הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ רַייכֶע פַאמִילְיֶע נָאר וָואס פִיר אַ קָרוֹב בִּין אִיךְ „אָרֶעמְמַאן"... פַאר זֵיי? מַיינֶע קְרוֹבִים הָאבֶּען נִיט גֶעלִיבְּט קַיין אָרֶעמֶע פְרַיינְד. אַם עֶנְדֶע הָאבּ אִיךְ בַּייגֶעקָאמֶען מַיין שְׁרֶעק אוּנ בִּין פָארְט אַוֶועק גֶעפָארֶען אִין N. דַייטְשֶׁען נֶעמֶען קַיין יוּדִישֶׁע אַרְבַּייטֶער נִיט, דֶערוּם אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקָאמֶען אַרְבַּייטֶען בַּייא אוּנְזֶערֶע „אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וֶועלְכֶע זַיינֶען נִיט גֶעוֶוען פִיל בֶּעסֶער פַאר מַיין עֶרְשְׁטֶען ווִירְט. נוּר אִיצְט זַיינֶען דִי הֶענְד שׁוֹין בַּייא מִיר אַזוֹי נִיט גֶעוֶוען גֶע־בּוּנְדֶען: אִיךְ הָאבּ פַארְזֶעצְט אֵיינִיגֶע זַאכֶען אוּנ הָאבּ גֶעדוּנְגֶען אַ סְטוּדֶענְט צוּ וֶועלְכֶען אִיךְ פְלֶעג גֶעהְן בַּיי נַאכְט נָאךְ דֶער אַרְבֶּעט זִיךְ לֶערְנֶען דַייטְשׁ. נִילֶעבְּט הָאבּ אִיךְ זֶעהְר שְׁפָּארְזַאם, אִיךְ בִּין גִיגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן בְּרוּק פָארְזִיכְטִיג אִיךְ זָאל נִיט גִיךְ צוּ טְרָאגֶען מַיינֶע נִיט זֶעהְר שְׁטַארְקֶע שְׁטִיוֶועל, גִיגֶעסֶען הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ וָואס וֶוינִיגֶער, נוּר בְּרוֹיט מִיט הֶערִינְג, דֶער פַאר הָאבּ אִיךְ אַזוֹי גוּט עֶרְלֶערְנְט מַיין אַרְבַּייט, דִי זֵייגֶערְמַאכֶערַיי, דָאס אִיךְ הָאבּ צְווִישֶׁען דִי אִידֶעשֶׁע זֵייגֶער-מַאכֶער בֶּעקוּמֶען אַ נָאמֶען. דַאן, וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גִיהַאלְטֶען נִיט פַאר קַיין פַארְטַאטְשׁ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען בֶּעטֶען אַרְבַּייט בַּייא דִיא דַייטְשֶׁעשֶׁע מַאסְטֶערְס. בַּייא מַיין אַרַיינְקוּמְמֶען פְלֶעגֶען דִיא דַייטְשֶׁען מִיט מִיר רֵיידֶען גַאנְץ אַדֶעל, נוּר נַאכְהֶער פְלֶעגֶען זֵיי מַאכֶען אַזוֹיעֶרֶע מִינֶע אוּנ פְרֶעגֶען:

זִינְד זִי אַיין יוּדֶע?

– יַא.

–אָה! קַיין יוּדֶען נֶעמֶען ווִיר נִיכְט!...

אִיךְ בִּין אַוֶועק צוּא אַיין יוּדֶע, –ר' פּוּמְפִּיל– וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאלְטֶען דֶעם בֶּעסְטֶען מַאגַאזִין אִין שְׁטָאט, אוּנ הָאבּ בֶּעקוּמְמֶען פוּן עֶם אַ תְּשׁוּבָה.

– „בַּיי מִיר אַרְבַּייטֶען נוּר קְרִיסְטֶען".

נָאךְ פְרִיעֶר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בֶּעקַאנְט מִיט אַיין אַלְטֶען דַייטְשֶׁען אוֹיךְ אַיין אוּהְרְמַאכֶער וֶועלְכֶער פְלֶעגְט מִיר אַמָאל גֶעבֶּען צוּ זִיךְ אַ עֶקְסְטְרֶע אַרְבַּייט. עֶר הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אִיבֶּערְרֵיידֶען מִיט ר' פּוּמְפְּלֶען.

–„עֶס אִיז רִיכְטִיג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ הֶערְר פּוּמְפְּלֶען, דָאס יוּדֶען זַיינֶען

פּפוּשערן (פּאַרטאַטשעס) נור וואו האָבען זיי זיך געקענט אויסלערנען און פּער־פאַלקאָמען זיך אין דער אַרבייט, ווען וויא אייגענע־זאָ פּרעמדע־טרייבען זייא און מאַכען זיי ענג פון אַללע זייטען. דער קריסט זאָגט „געה זיך! דו ביסט אַ יודע, ביסט דו אַיין פּפוּשער; דער יודע זאָגט אויך דאס זעלבע „געה זיך! ביסט אַ יודע־פאַלגליך אַ פּפוּשער". מיין גאָט! ניט אַללע יודען זיינען דאָך אָבער פּפוּשער'ן און ניט אַלע פּפוּשערען זיינען יודען! דאס איזט איין סקאַנדאַל!... נור פאַר דיזען יונגען מענשען קאָוויר איך.

הערר פּומפּיל האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיך געהייסען קומען. איך בין גיקומען אונד האָב זיך געשטעלט אַרבייטען. דער ווירט איז מיט מיר געוועזען צו פריעדען, האָט מיר צוגענומען און בעשטימט 40 רובל אַ מאָנאַט געהאַלט.

אַזעלכע עטליכע פריינדליכע געשפּרעכען האָבען געמאַכט נאָהענט די יונגע מענשען.

– הערט לאה, איהר געפעלט מיר זוי אַ קלוגע און גוטע מיידכען איך דאַרף חתונה האָבען און איך וואָלט זיך גליקליך שעטצען ווען איר וואָלט איינשטימען טהיילען מיט מיר מיין ביססען ברויט. איך קען ניט ערב זיין פאָראויס, אַז ער וועט שטענדיג זיין זיס, נור די ליבע צו אייך וועט מיר געבען קראַפטען צו נעמען פון לעבען אַלעס וואָס פאַר מיר מעגליך... זאָגט אָפען, איך געפעל אייך, אָדער ריכטיגער געזאָגט, קען איך אייך געפעלען ווערען?

לאה האָט איינינע סעקונדען געשוויגען, נאָכהער האָט זי מיט גלאַנצענדע אויגען פאַר פרייד געאַנטוואָרטעט.

– יאַ.

שמואל'ן איז דער שידוך אויסגעקומען עפּעס שלא כדרך הטבע. וואו האָט מאַן דאָס געהערט אַ שידוך גאָר אָן אַ שדכן, און נאָך מיט ניט קיין היגען...

– וואָס איז דאָס?... שוין גאָר אַזוי?

– אַזוי איז דאָס – האָט לאה געענטוועְרט מיט אַ שמייכעל – אויב דו ווילסט וועל איך עם בעטען ער זאָל מאָרגען הערייַנקומען. אויף מאָרגען, ער־וואַרטענדיג דעם קינפטיגען איידים האָט שמואל געהייסען לאה'ן „צוקלייבען לייהען ביי דיא שכנים" „אַוועק שטעלען אויפ'ן טיש", נור לאה האָט עם אָב־געשלאָגען:

– מאַן דאַרף גאָר נישט, טאַטע, זאָל אין שטוב זיין ווי שטענדיג. געפעל איך איהם – דאַרף דאָ די שטוב קיין גרויסע ראָליע ניט שפּילען, געפעל איך ניט־וועט קיין שטוב ניט העלפען.

אין איינינע צייט הערום איז געקומען דער חתן, יוסף אַבראַמאָוו, אייראָפּייאיש געקליידעט. ביי זיין הערייַנקומען האָט שמואל זיך אויפגעהויבען

פוּן אָרְט אוּנ הָאט גֶעוָואלְט הֶערָאבְּנֶעמֶען פַאר'ן פְּרִיץ דִי הִיטֶעל. נוּר לֵאָה הָאט פַארְהַאפְּט דֶעם טָעוּת, דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ אִיבֶּער אַ נַיים גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין אָרְט אוּמֶעטִיג, נוּר דֶער גַאסְט הָאט פַארְפִירְט אַ גֶעשְׁפְּרֶעךְ, הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְצֶעהְלֶען וֶועגֶען רִיגֶער לֶעבֶּען – אוּנ אַלֶע זַיינֶען פְרֶעהְלִיכֶער גֶעוָוארֶען, נַאכְהֶער הָאט מַאן אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֵיידֶען וֶועגֶען דֶעם שִׁידוּךְ: אַבְרַאמָאווּ הָאט פוּן יוֹצֵא וֶועגֶען גֶעפְרֶעגְט צוּ וִויל אִיהְם שְׁמוּאֵל פַאר אַיין אֵיידִים. בֶּאֱמֶת וָואלְט עֶר טְהָאן דֶעם שִׁידוּךְ אֲפִילוּ וֶוען שְׁמוּאֵל וָואלְט אִיהְם עֶנְטְזַאגֶען, וַוייל עֶס אִיז דִי כַּלָה-ס אַיינְשְׁטִימוּנְג הֶעכֶער גֶעוֶוען פַאר אַלְץ.

שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ עֶפֶּעס דֶערְשְׁרָאקֶען, הָאט עֶפֶּעס אָנְגֶעהוֹיבֶּען, אָבֶּער נִיט גֶעעֶנְדִיגְט, נַאכְהֶער הָאט עֶר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט מָארְגֶען שִׁיקֶען אַ שַׁדְכָן, אָהְן אַיין שַׁדְכָן קֶען מַאן נִיט, עֶס אִיז עֶפֶּעס נִיט אַנְשְׁטֶענְדִיג... בַּייא אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט דַארְפִין מִיר..

– קֶענְטִיג אַז בַּיי אַייךְ אִין N קֶען מַאן אָהְן שַׁדְכָנִים נִיט אוֹיסְקוּמֶען, הָאט דֶער חָתָן גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל – נוּ גוּט, אַ שַׁדְכָן'ן אִיז אַ שַׁדְכָן'ן·

נָאךְ יוֹסֵף'ס אַוֶועקְגֶעהְן, הָאט שְׁמוּאֵל אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אַיין טְרוֹיעֶרִיגֶען שְׁטִימֶע אַיינְבֶּעטֶען לֵאָה'ן, זִיא זָאל זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן דֶעם שִׁידוּךְ, וֶועלְכֶער קֶען פַארְשְׁוַוארְצֶען דִיא אוֹיגֶען זֵייעֶר פַאמִילְיֶע אוּנ פֶערְפִינְסְטֶער'ן עֶם זַיינֶע אַלְטֶע יָאהְרֶען. הָאבֶּען אַיין אֵיידִים אַ דַייטְשִׁיל מִיט אַיין אוּנְטֶער גֶעשׁוֹירֶענֶע בֶּארְדִיל-גָאט מַיינֶער! וָואס אִיז דָאס אַ זַא נָאטְהְ?... עֶר, שְׁמוּאֵל, וֶועט אִיר גֶעפִינֶען אַ חָתָן וֶועלְכֶער וֶועט זַיין 10 מָאהְל בֶּעסֶער פַאר דֶעם דַייטְשִׁיל.

– אַזֶעלְכֶען וִויא מֹשֶׁה? זָאל גָאט הִיטֶען!... אוּנ פַאר וָואס רוּפְּסְט דוּא, טַאטֶע, מַיין חָתָן „דַייטְשֶׁע‟! וַוייל עֶר רֶעדְט הַאלְבּ דַייטְשׁ? וָואס פַאר אַבֵייז אִיז דָאס? דִי דַייטְשֶׁעשֶׁע שְׁפְּרַאךְ הָאט דָאךְ אִיהְם אוֹיסְגֶעלֶערִינְט פַארְדִינֶען גֶעלְד אוּנ הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט פִיר אַ לַייט... אוּנ וַוייטֶער וֶועגֶען זַיין גֶעשׁוֹירֶענֶע בָּארְד, שַׁאדְט זִי קֵיינֶעם נִיט: נִיט אִין דִי לַאנְגֶע בָּארְד הַאלְט זִיךְ דָאךְ אַיין דִי אָרְדֶענְטְלִיכְקַייט מִיט פֶאהִיגְקַייטֶען, אִיךְ דַאנְק דִיר זֶעהְר, טַאטֶע, פַאר דַיין בֶּעזָארְגֶען זִיךְ פַאר מִיר, נוּר לָאז מִיר אַלֵיין זָארְגֶען פַאר זִיךְ אוּנ אוֹיסְקְלַייבֶּען זִיךְ אַ חָתָן: אִיךְ וֶועל דָאךְ דַארְפֶען לֶעבֶּען מִיט אִיהְם נִיט דוּא.

שְׁמוּאֵל הָאט בֶּעסֶער נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען, עֶר אִיז מְרוּצֶה גֶעוָוארֶען נוּר מִיט אַ תְּנַאי: אַז יוֹסֵף זָאל מֶער נִיט שֶׁערֶען דִיא בָּארְד אוּנ זָאל הִיטֶען אִידֶעשְׁקַייט.

אִין אַוָואךְ הֶערוּם אִיז גֶעוֶוען תְּנָאִים אוּנ אִין 3 חֳדָשִׁים הֶערוּם אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה אָהְן כְּלֵי=זֶמֶר, אָהְן גֶערוּדֶער; עֶס זַיינֶען נוּר גֶעוֶוען אַייגֶענֶע מֶענְשֶׁען, מַאן הָאט שְׁטִיל פַארְבְּרַאכְט, גֶעגֶעסֶען וֶועטְשֶׁערֶע אוּנ גִיעֶנְדִיגְט דֶעם בַּאל.

אִין פִּיקֶער נַאס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אַ גַאנְצֶער שְׁטוּרְם. דֶער עוֹלָם הָאט

זיך

זִיךְ גֶעזִידֶעלְט, דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶועֶן זִיכֶער אַז לֵאָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ נוּי, אַז שְׁמוּאֵל וֶועט דָאס נִיט אִיבֶּערְטְרָאגֶען, אַז לֵאָה וֶועט זִיךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה גֶעווִיס אָפּ שְׁמַאדֶען, אַז צוּ לִיבּ אִיר שְׁטַארְבֶּען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַז זִי אִיז נָאךְ 1000 מָאהל עֶרְגֶער פַאר חֶיעֶנְקֶען, אַז אוֹיבּ אִיר מַאמֶע וָואלְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן קֶבֶר אוּנ וָואלְט דֶערְזֶעהֶען אִיר טָאכְטֶער לֵאָה'ן, וָואלְט זִי זִיךְ גֶעוִוים 10 אֵיילֶען טִיפֶער צוּרִיק אִין דֶער עֶרְד בֶּעגְרָאבֶּען, נוּר דִי אַלְלֶע רֵייד הָאבֶּען לֵאָה'ן וֶועהְנִיג גֶעשְׁרָאקֶען, זִי אִיז בַּאלְד הֶערוֹיסגֶעפָארֶען מִיט אִיר מַאן אִין רִינַא.

שָׂרָה אִיז פְרִיעֶר אוֹיךְ גֶעוֶועֶן אִין כַּעַס אוֹיפְ'ן שִׁידוּךְ מִיט'ן דַייטְשִׁיל, נוּר אַז לֵאָה אִיז גֶעקוּמֶען אִיהְר רוּפֶען אוֹיף חֲתוּנָה, דָאס הֵייסְט, זִיא הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעגֶעבֶּען, אִיז שָׂרָה וֵוייכֶער גֶעוָוארֶען, אוּנ דִי שְׁוֶועסְטֶער הָאבֶּען זִיךְ צוּשֵׁיידֶעט גוּטֶע פְרַיינְד.

שְׁמוּאֵל הָאט פַארְקוֹיפְט זַיין שְׁטִיבֶּעל פַאר 30 רוּבִּיל, ד"ה נִיט דִי שְׁטִיבֶּעל וֶועלְכֶע הָאט נוּר גֶעטוֹיגְט אוֹיף הָאלְץ, אוּנ דָאס צוּפוֹילְטֶע, נוּר דִי עֶרְד, אוּנ פַאר זִיךְ מִיט'ן אֵיינִיקֶעל הָאט עֶר גֶעדוּנְגֶען אַ וִוינְקֶעל פַאר אַ רוּבִּיל אַ חֹדֶשׁ, מוּסֶעלֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִיעֶנֶען פַאר 30 רוּבִּל אַיָאהְר אוֹיךְ אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶער שְׁטוּבּ אוּנ הָאט אִין אֵיין גַאנְג גֶעקָאכְט אוֹיךְ פַאר'ן זֵיידֶען מִיט'ן פְלִימֶענִיק.

## ז.

## מִיט אַ שְׁטַייפֶע פוּסְס אִין פַאמִילְיֶען-לֶעבֶּען.

הֶיעֶנֶע אִיז קוּמֶענְדִיג אִין חַארְקָאוו אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִינֶען, מֶען אִיז פוּן אִיר גֶעוֶועֶן צוּפְרִידֶען, דִי בַּעַל הַבַּיִתְטֶע הָאט אִיר לִיבּ בֶּעקוּמֶען „אַזַא מֵיידֶעל אִיז צוּ זוּכֶען".

אִין 2 יָאהְר הֶערוּם אִיז זִיא גֶעוָוארֶען אַלֵיין פַאר זִיךְ אַ בַּעַל הַבַּיִתְטֶע. אִין דִי זֶעלְבִּיגֶע שְׁטוּבּ וואוּ זִיא הָאט גֶעדִינְט הָאט גֶעוָואהְנְט אַיין אַלְטֶע אִידֶענֶע צוּ וֶועלְכֶע עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארֶען אַיין פְלִימֶענִיק, אַיין אוֹיסְגֶעדִינְטֶער סָאלְדַאט, — אַ גוּטֶער קַאמַאשִׁין שְׁטֶעפֶּער: דִיא יוּנְגֶע מֶענְשִׁין הָאבֶּען זִיךְ אָפְט בֶּעגֶעגְנְט אוּנ זַיינֶען בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען, דִיא מֵיידִילְס פְרֵיילִיכֶער גוּטֶער חַארַאקְטֶער אִיז דֶעם יוּנְגֶען מֶענְשֶׁען זֶעהְר גֶעפֶעלִיג גֶעוָוארֶען אוּנְד הָאט גֶעבֶּעטֶען דִי מוּמֶען זִיא זָאל זַיין אַשַׁדְכָנְ-טֶע.

— אִיךְ דַארְף הָאבֶּען אַ פְּרָאסְטֶע מֵיידִיל, וָואס זָאל קֶענֶען זַיין אַ בַּעַל הַבַּיִתְטֶע, אוֹיסְקָאכֶען וַוארְמֶעס, אוֹיסְזוֹיגֶען אַ קִינְד, אַז גָאט וֶועט אוּנְז דֶער מִיט בֶּענְטְשֶׁען, זִיא זָאל זִיךְ וֶועהְנִיג אָפְּגֶעבֶּען מִיט קְלֵיידֶער אוּנ נַארִישְׁקַייטֶען, אוּנ צוּ דֶעם זָאל זִי קַיין מְאוּסָה נִיט זַיין, — הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ חֶיעֶנֶען. — דוּ בִּיסְט אַזַא מֵיידֶעל אוּנ אִיךְ הָאף צוּ גָאט אַז דוּ וֶועסְט פַאר מִיר לֶעבֶּען גוּט.

דְרַייא וָועכְט הָאט חֶיעֶנֶע נִיט גֶעשְׁלָאפֶען: אַ וַוייל הָאט זִיךְ בַּייא אִיר גֶע-

שטארקט דער האפענונג, אין דער אנדערער זיינען אנגעפלויגען פינסטערע געדאנקען, שווערע טרויעריגע ערינערונגען. נור די ווענד פון קיך אונ די פינסטערע נאכט האבען גיוואוסט וויא דיא יונגע מיידעל האט זיך וויא אין א קאנוואולסע געווארפען אויפ'ן געלעגער, וויא איר געזיכט איז רויט געווארען, וויא שטארק זי האט זיך אין יענע נאכט געמוטשעט.

אם ענדע, אויפ'ן 5-טען טאג האט איהר ארענטליכער האראקטער אונ פערלאנג אריין צו טרעטען מיט אשטייפע פוס אין „ארענטליכען פאמיליען לעבען" פארטריבען פון איר די חרפה אונ חיענע האט אויסגעקליבען א צייט זיך דורך צו ריידען וועגען אלץ מיט איר געליבטען: זי האט איהם דערצעהלט איר גאנצע טרויעריגע געשיכטע פון אנהייב ביז סוף, איין ווארט ניט פארפעלט. דער קאמאשען-שטעפער האט אויפמערקזאם אויסגעהערט דיא גאנצע געשיכטע, נאכהער האט ער הערומגענומען זיין כלה אונד געזאגט:

דו ביסט איין ערליכעס קינד!... הער מיין פריינד, איך בין נאך איונגער מענש אבער איך האב זיך שוין גענוג אנגיזעהן אונד אנגעהערט זאכען אין דער וועלט. איך קען דיר ניט בעשולדיגען.

—נאך דער חתונה זיינען דיא יונגע פאר פאלק געקומען צו פארען אין N צו גאסט. חיענע האט געקויפט נייע שבתדיגע בגדים פאר'ן פאטער, שרה'ן, מיט וועלכען זיא איז גוט פריינד געווארען, האט זיא געהאלפען מיט געלט אונ איז אוועק געפארען, פאר'ן אוועק פאהרען האט זי געבעטען דעם פאטער, ער זאל זיין ביי זיי, נור ער האט זיך ענטזאגט:

– לאה האט מיר אויך געבעטען, נור כל זמן איך קען נאך שטעהן אויף די פיס וועל איך מיין ברויט אליין פאר דינען, אט אז איך וועל שוין ניט קענען... דענסטמאהל...

ער האט ניט דערעדט אונ האט נור א מאך געטאהן מיט'ן האנד.

## ח.

## א מלחמה איבער'ן דאבנען.

שמואל איז שוין דעם פערטען יאהר געווען א נאס-מענש (אטרעגער), אויף זיין פנים איז שוין אויך גילעגען א חניפה-דיגע מינע וויא ביי אלע אנדערע נאס-מענשען-טראגער. אזא מינע איז אמאל געווען בייא דיא אידעשע קראטשמער, בעת דיא פוילישע פריצים פלעגען זייא רייסען דעם בארד. שמואל האט געמוזט חונפ'ן כדי מאן זאל עם בעסער נעמען ווי איין אנדער'ן. אפילו אט דעם שווערען שטיקעל ברויט, אויף וועלכען מאן הארעוועט וויא א פערד, מוז מען אויך אויס-בעטלען!... מיט זיין אייניקעל איז זיך שמואל פון אנפאנג בעגאנגען גוט, ער האט איהם גערופען „זוהנעלע" – „יתומיל". זלמן האט איהם אויך גערופען

„זֵיידֶענְקֶע" „טְהַייעֶרִינְקֶער". זַלְמָנְס בֶּעסְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד אִיז גֶעוֶוען דֶער זֵיידֶע. זַיינֶע חֲבֵרִים אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט עֶר נִיט אִיבֶּעְרִיגְס לִיבּ גֶעהַאט; דֶער בֶּעסְטֶער חָבֵר קֶען אִיהְם פַארְמַאסֶרְן פַאר'ן רֶבִּי'ן, וֶועלְכֶער וֶועט אִיהְם אָבְּשְׁמַייסֶען. אוּנ דֶער זֵיידֶע הָאט אִיהְם נָאךְ קַיין מָאל נִיט גֶעשְׁלָאגֶען, דֶעם זֵיידֶען דֶערְצֶאהְלְט עֶר אַלֶץ, וָואס עֶר לֶערֶענְט, אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶערְשֶׁע אִינְטֶערֶעסֶען. מִיט עֶם פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ טְהַיילֶען זַיין פְרֵייד אוּנ צַעַר.

נוּר אִין אֵייניגֶע צַייטֶען הֶערוּם הָאט זֵייעֶר פְרַיינְדְשַׁאפְט אִין גַאנְצֶן אוֹיפְגֶעהֶערְט.

אַמָאל הָאט זִיךְ זַלְמָן שְׁפֶּעט פַארְשְׁלָאפֶען.

– שְׁטֶעה אוֹיף, – הָאט אִיהְם דֶער זֵיידֶע גֶעוֶועקְט, – שְׁטֶעה אוֹיף דַאוְונֶען: עֶס אִיז שׁוֹין הַאלְבֶּער טָאג!

דֶעם אִינְגֶעל הָאט זִיךְ נִיט גֶעוֶועלְט אַרָאבְּקְרִיכֶען פוּן וַוארֶעמֶען אוֹיוֶוען.

שְׁטֶעה אוֹיף, גוֹי אֵיינֶער!

– אֶט... אָט בַּאלְד – רֶעדְט זַלְמָן פַארְשְׁלָאפֶענֶערְהֵייד.

גִיכֶער שׁוֶע! אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֶעהְן אוֹיפְ'ן מַארְק אוּנ דִיר אַז מַאן זָאל נוּר לָאזֶען שְׁלָאפֶען וֶועסְט דוּ אַזוֹי בִּיז נַאכְט אָבְּשְׁלָאפֶען. שְׁטֶעה אוֹיף! עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֶעה'ן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה.

– אִיךְ שְׁטֶעה אוֹיף, אִיךְ שְׁטֶעה אוֹיף! – וֵויינְט דֶער פַארְשְׁלָאפֶענֶער זַלְמָן. עֶס גֶעהְט אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע מִינוּט.

– זֶעהְסְט? דֶער פוֹיעֶר אִיז נָאךְ נִיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר וַוארְט, אִיךְ זָאל אַוֶועקְגֶעהְן, דֶער נָאךְ וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען רוּהִיג שְׁלָאפֶען, נוּר אִיךְ וֶועל דָאס דִיר נִיט לָאזֶען, דוּ שְׁטֶעהְסְט אוֹיף צוּ נִיט?!

שְׁמוּאֵל קְרִיכְט אוֹיפְ'ן אוֹיוֶוען אוּנ שְׁלֶעפְּט דֶעם אֵיינִיקֶעל מִיט גֶעוואַלְד אַרָאבּ.

– דוּכְט זִיךְ דַאבְנֶען אִיז נִיט שְׁוֶוער, פַארְקֶערְט, דַאבְנֶען אִיז אַ פֶּערְ־גְעניגֶען! – וָוארְטְשֶׁעט דֶער אַלְטֶער, – אוּנ בַּיי אִיהְם אִיז דָאס אַלֶץ אֵיינְס וִוי עֶרְד גְרָאבֶּען, פַאר וָואס שְׁטֶעה אִיךְ אוֹיף פְרִיה? פַאר וָואס דַארְף מַאן מִיר נִיט וֶועקֶען דַאבְנֶען?

שְׁמוּאֵל הָאט אִין גַאנְצֶען פַארְגֶעסֶען, אַז זַלְמָן אִיז עֶרְסְט צֶעהְן יָאהְר אַלְט אוּנ עֶר זֶעכְצִיג יָאהְר.

– זַלְמָנ'ס לִיבֶּע צוּם זֵיידֶען וֶוערְט אָבְּגֶעקִילְט.

– וַוארְט, אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט אִיהְם אָבְּרֶעכֶענֶען, אִיךְ וֶועל שׁוֹין אִיהְם מֶער קַיין מָאל נִיט פָאלְגֶען, – קְלֶערְט דֶער אִינְגֶעל, בְּעֵת שְׁמוּאֵל שְׁרַייט אוֹיף אִיהְם.

אֵיין מָאל אִיז זַלְמָן אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשֶׁען, גֶעזָאגְט בְּרָכָה אוּנ אִין אַפָּאר מִינוּט הֶערוּם גֶענוּמֶען אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט.

– שַׁא, וָואס הַאפְּסְט דוּ זִיךְ אַזוֹי צוּ דִי בְּרוֹיט? הָאסְט דָאךְ נָאךְ נִיט גֶעדַאבְנְט?! – הָאט שְׁמוּאֵל גֶעזָאגְט.

אִיךְ

אִיךְ וֶועל אוֹיפֶּעסֶען אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ דַאבְנֶען: אִיךְ וִויל שְׁרֶעקְלִיךְ עֶסְסֶען.

וָואס? פְּרִיעֶר עֶסֶען? נֵיין בְּרוּדֶער, בַּיי מִיר וֶועסְט דוּא נִיט עֶסֶען כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט נִיט אָפְּדַאבְנֶען, גֶעזֶעהֶען וָואס פַאר אַ נַייעֶס עֶר וִויל מַאכֶען!

נוּ, וֶועל אִיךְ נִיט דַאבְנֶען!

נֵיין, דוּ וֶועסְט יֶע דַאבְנֶען! בַּיי מִיר וֶועלֶען דִי קוּנְצֶען נִיט הֶעלְפֶען.

שְׁטוּנְדֶענְלַאנְג פְלֶעגְט גִידוֹיעֶרִין אַזֶעלְכֶע מִלְחָמוֹת. שְׁמוּאֵל פְלֶעגְט הֶערוּים-גֶעהְן פוּן גֶעדוּלְד אוּנ חַאפֶּען שִׁילְטֶען דֶעם אֵיינִיקֶעל דֶערְנָאךְ אוֹיךְ שְׁלָאגֶען... מוּסֶעלֶע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג הַאלְטֶען פַאר'ן פָּאטֶער. נוּר אַמָאל פְלֶעגְט זִיא רַחֲמָנוֹת הָאבֶּען אוֹיפְ'ן אִינְגֶעל אוּנ פְלֶעגְט אִיהְם גֶעבֶּען, וָואס עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָב פוּן בַּעַל הַבַּיִת טִישׁ. וֶוען אַפְרֶעמְדֶער פְלֶעגְט בַּאלֵיידִיגֶען זַלְמָן, פְלֶעגְט דֶער זֵיידֶע מִיט דֶער מוּמֶען, חָאטְשׁ זֵיי זַיינֶען גִיוֶוען אוֹיף אִים אִין כַּעַס, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָנְנֶעמֶען פַאר'ן אִינְגֶעל.

– פַאר וָואס טְשֶׁעפֶּעסְט דוּ אִיהְם? בִּיזְט זַיינֶער אַ טַאטֶע? הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ נַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת! עֶר הָאט גֶענוּג אָהְן דִיר! דָאס זֶעלְבֶּע זָאל וֶוער אוֹיסְרֵיידֶען אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף שְׁמוּאֵלְן אָדֶער מוּסֶען, וֶועט זַלְמָן זַיין פִיר זֵייא סְטָאל אוּנ אַייזֶען.

וֶוען דֶער אַלְטֶער אִיז גֶעוֶוען גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט, פְלֶעגְט עֶר אָנְהוֹיבֶּען דֶער-צֶאהְלִין דֶעם אֵיינִיקֶעל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן גוּטֶע יוּדֶען, שֵׁדִים, לַמֶד וָונִיקֶעס, וֶועגֶען מָשִׁיחַ בֶּן יוֹסֵף וֶועלְכֶער הָאט בַּאשְׁוָוארֶען אַ וָואלְקֶען אוּנ אִיז אוֹיף עֶס גֶעפְלוֹיגֶען; זַלְמָן פְלֶעגְט זִיךְ נִיט רִירֶען פוּן אָרְט אוּנ אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּהֶערֶען, דֶערְנָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען קוּסֶען דֶעם אַלְטֶען.

נוּר דָאךְ פְלֶעגֶען זִיךְ אַלְץ אֶפְטֶער אוּנ אֶפְטֶער טְרֶעפִין אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע סְצֶענֶקֶעס:

– דוּ וֶועסְט הַיינְט גֶעהְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אָדֶער מִיר וֶועט אוֹיסְקוּמֶען דִיר 100 מָאל דֶערְמָאנֶען? – זָאגְט שְׁמוּאֵל.

– אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן! אִיךְ הָאב דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן, עֶס אִיז הַיינְט אַ גְרוֹיסֶער פְרָאסְט אוּנ אִיךְ הָאב נִיט קֵיין שְׁטִיוֶועל.

– אוּנ אַזוֹי הֶערוּמְלוֹיפֶען קֶענְסְט דוּא אָהְן שְׁטִיוֶועל? דָאס אִיז דִיר שׁוֹין נִיט קָאלְט? הַא!

– נוּ נַא דִיר, הֶערוּמלוֹיפֶען, וואוּ לוֹיף אִיךְ דָאס? אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה, אִיר ווילְט, אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְקִילֶען אוּנ שְׁטַארְבֶּען.

יֶע – יֶע אִיךְ וָואלְט גְרַיילִיךְ גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט שְׁטַארְבֶּען, וָואס הָאסְט דוּ זִיךְ אָנְגֶעלֵייגְט אוֹיף מִיר? גֶעה דִיר צוּ דַיין מַאמֶען! וָואס ווילְסְט דוּ פוּן מִיר! צְוֵויי יָאר הָאב אִיךְ דִיר גֶעקָארְמֶעט – גֶענוּג פַאר מִיר.

אַ הַא, גֶעהְן צוּ דִיא מַאמֶען? אוּנ פַאר וָואס הָאט אִיר מִיר גֶענוּמֶען? אִיר הָאט נִיט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען, אוּנ אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען דַארְפְט אִיר הַאלְטֶען.

איך

אִיךְ דַארְף? וָואס בִּין אִיךְ דַיינֶער, אַ טַאטֶע, וָואס אִיךְ דַארְף? אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דִיר מַאכֶען פַאר אַ מֶענְשֶׁען – עֶס לוינְט הָאבֶּ֫עוֶוען: אִיךְ וֶועל הָאבֶּען אַ קַדִישׁ. ווִילְסְט נִיט זַיין קֵיין אִיד – טוּ בְּרֶעךְ דֶעם קַארְק, גֶעה אִין דֶער עֶרְד.

דֶער וְכוּחַ הָאט זִיךְ כִּמְעַט שְׁטֶענְדִיג גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קְלֶאפּ.

– נוּ זָאג אַלֵיין – פְּלֶעגְט זִיךְ מוּסֶע הֶערַיינְמִישֶׁען מִיט אַ וַוייכֶען טָאן. פַאר וָואס נֶעמְסְט דוּ דֶעם טַאטֶען הֶערוּיס דִי גִיזוּנְד? דוּא זֶעהְסְט דָאךְ, אַ גַאנְצֶען טָאג הָארֶעוֶועט עֶר מִיט דִיא לֶעצְטֶע כחות, עֶר קוּמְט אַהֵיים אַ פַארְמַאטֶערְטֶער, אַ צוּבְּרָאכֶענֶער פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט, לָאזְט דוּ אִיהְם נָאךְ נִיט רוּהֶען אוּנ טָאטְשֶׁעסְט אִיהְם דִי הַארְץ.

–אִיר זַייט קֵיין מָאל נִיט גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר. פְּרוּבִּירְט גֶעהְן – וֶועט אִיר זֶעהֶען. קוּמְסְט אִין חֵדֶר, דֶער אַלְטֶער הָאלֶערְיֶענִיק, דֶער מְלַמֵד, וָוארְטְשֶׁעט שׁוֹין חָאטְשׁ מַאן טְשֶׁעפֶּעט אִיהְם גָאר נִיט, עֶר שְׁמַייסְט אוּנְז אַלְלֶע מִינוּט, אוּנ עֶר שְׁמַייסְט נִיט, וַוייל עֶר אִיז אִין כַּעַס אוֹיף אוּנְז, נוּר גְלַאט אַזוֹי, עֶר קְלַייבְּט פַארְגֶענִיגֶען בְּעֵת שְׁמַייסֶען, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט עֶסֶען אַ צוּקֶערְקֶע. בְּרֶענְגְסְט אִין חֵדֶר אַ צַאצְקֶע אִיז אָדֶער עֶר פַארְוַוארְפְט אִיר אָדֶער עֶר נֶעמְט צוּ פַאר זִיךְ... פַאר וָואס אִיז דָאס? וָואס אַרְט דָאס אִיהְם? דָאס אִיז דָאךְ מַיין צַאצְקֶע! אוּנ לֶערְנֶען לֶערִינְט עֶר אוֹיךְ נִיט: אָדֶער עֶר זִיצְט אוּנ שְׁלָאפְט, אָדֶער עֶר קְרַאצְט דִי פוּס. דִי בְּרוֹיט וָואס מַאן גִיט פַאר דִיא אִינְגְלַאךְ, נֶעמְט עֶר אוֹיךְ זִיךְ אוּנ אוּנְז שְׁלָאגְט עֶר, אַז מִיר בֶּעטֶען בַּיי אִיהְם. טוּ צוּ וָואס וֶועל אִיךְ גֶעהְן אִין חֵדֶר! דֶער רַבִּי זָאל מִיר דַארְטֶען שְׁלָאגֶען בֶּעזוּנְדֶער אוּנ דֶער זֵיידֶע דָא בֶּעזוּנְדֶער! דֶער אַלְטֶער הוּנְד שְׁלָאגְט אַלְלֶע קִינְדֶער!

– אָ, דוּ מְשׁוּמָד! עֶר רוּפְט אִיהְם „הוּנְד!“ – שְׁרַייט שְׁמוּאֵל. – דוּ בִּיסְט דַיין פְּיַאטֶע נִיט וֶוערְט, יֶענֶער אִיז אַ אִיד וֶועלְכֶע לֶערֶענְט יוֹם וָלַיְלָה תּוֹרָה, אוּנ דֶער מַמְזֵר רוּפְט אִיהְם „הוּנְד!“

– יֶע, יֶע אַ הוּנְד, אַ הוּנְד! פַאר וָואס שְׁלָאגְט עֶר אוּנְז? וָואס ווִיל עֶר פוּן אוּנְז?

– אַזֶעלְכֶע מַמְזֵרִים וִוי דוּ דַארְף מֶען לֶעבֶּעדִיגֶע בֶּעגְרָאבֶּען.

– נוּ אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן אִין חֵדֶר – אוּנ נִיגוּג!

– גֵיין דוּ וֶועסְט בַּיי מִיר גֵיין! דוּ וֶועסְט פְּלַאצֶען אוּנ וֶועסְט גֶעהְן!

– גִיט מִיר אַוֶועק צוּ אַ בַּעַל מְלָאכָה!

צוּ אַ בַּעַל מְלָאכָה? זְשׁוּלִיק, קֶענְסְט דָאךְ נָאךְ נִיט דַאבְנֶען! צוּ אַ בַּעַל מְלָאכָה! מַמְזֵר!

זָאל אִיךְ אַזוֹי הֶערֶען שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ וִויא אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן אִין חֵדֶר! אוּנ אַסוֹף! שְׁמוּאֵל פְּלֶעגְט הֶערוּיס פוּן גֶעדוּלְד.

– נַא דִיר, דוּ וֶועסְט נִיט גֶעהְן! נַא דִיר „שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ“.

– אָט נַיין ! אִיהְר מֶאנְט מִיר אֲפִילוּ אַ טוֹיט מַאכֶען אוּנ אִיךְ וֶועל נִיט גֶעהְן!

– נוּ וֶועסְט דוּ בַּייא מִיר אִין שְׁטוּב נִיט זַיין. קַיין נוֹי הָאדֶעוֶוען וִויל אִיךְ נִיט וְוִ – וָואן !

– אִיךְ דַארְף אַייךְ נִיט ! אִיךְ וֶועל אוֹיסקוּמֶען אָהְן אַייךְ !–הָאט דֶער אִינְגֶעל אִין כַּעַס גֶעשְׁרִיעֶן.

– נוּ, נוּ, פַאר וָואס נִיט ? בִּיסְט גַאנְץ גֶערֶעכְט ! אִיךְ וֶועל טַאקִי נִיט דַארְפֶען דֶענְסְטְמָאל הָארֶעוֶוען אַזוֹי פִיעֶל, גֶעהְ זִיךְ, גֶעהְ גֶעזוּנְדֶערְהֵייט !

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט שְׁמוּאֵל הֶערוֹיס גֶעשְׁטוּפְּט דֶעם אֵיינִיקֶעל דוּרְכְן טִיהְר.

# ט.

## גֶעמַאכְט צוּם גַנָב.

זַלְמָן אִיז אַוֶועק צוּ זַיינֶעם אַ חֵדֶר=חַבֶר. זֵיי זַיינֶען עֶטְלִיכֶע מָאל צוּזַאמֶען גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי הַייזֶער, צוּ זַאמֶען גֶעפְּרוּבְט גַנְבְֿעֶנֶען עֶפֶּעל פוּן דִיא וֶועגֶען. אוֹיפֶען וֶועג אִיז בַּייא אִיהְם אִין קָאפּ אַזַא פְּלַאן פַארְטִיג גֶעוָוארֶען:

– בַּיי טָאג וֶועל אִיךְ מִיט אִיהְם גֶעהְן אִיבֶּער דִי הַייזֶער אוּנ בַּייא נַאכְט וֶועל אִיךְ נָאכְטִיגֶען אוֹיפְ'ן נַאס וואוּ עֶס אִיז גֶעבֶען אַ קְרָאם, אִיצְטֶער אִיז נִיט קַאלְט.

צְוֵויי טֶעג הָאט עֶר אַזוֹי גֶעלֶעבְט, אוֹיפְ'ן דְרִיטֶען – הָאט אִיהְם דֶערְעֶסֶען: דִי עֶפֶּעל זַיינֶען גֶעשְׁמַאק, אָבֶער דֶער גֶעהְן אִיבֶּער דִיא הַייזֶער הָאט אִיהְם נִיט אִיבֶּערִיגְס אַבְּגֶעגְלִיקְט, דֶער נַאכְטְלֶאגֶער אִיז אוֹיךְ נִיט זֶעהְר גוּט גֶעוֶוען, דֶער הוּנְגֶער הָאט עֶם גֶעמַאטֶערְט, עֶר הָאט אֲפִילוּ יֶע גֶעגַנְבְֿעט עֶטְלִיכֶע עֶפֶּעל נוּר עֶס הָאט עֶם נִיט גֶעגָאלְטֶען: מַאן הָאט אִיהְם גֶעחַאפְּט אוּנ גוּט אָנְגֶעבְּרָאכֶען דִי בֵּיינֶער.

– וואוּ זָאל עֶר אִיצְטֶער גֶעהְן ? צוּם זֵיידֶען ? אָבֶער עֶר לֶעבְט מִיט אִיהְם אַזוֹי שְׁלֶעכְט ? צוּ דֶער מַאמֶען ? אִיז זִי דָאךְ אַוֶועק גֶעפָארֶען אִין הַארְקָאוו צוּ חַיֶענֶען אִין גַאסְט. עֶר הָאט זִיךְ הֶערוּמְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּנ גֶעהוּנְגֶערְט נָאךְ אֵיין טָאג אוּנ פוּן אָוֶוענְד אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידֶען.

– אַ – אַ ! גֶעקָאמֶען ! אִיהְר הָאט גִיזֶעהְן דִי סְחוֹרָה ? נוּ פַאר וָואס הָאסְט דוּ זִיךְ נִיט גֶעפוּנֶען קַיין אַנְדֶער אָרְט ? דוּ דַארְפְסְט דָאךְ מִיר נִיט !–הָאט אִיהְם שְׁמוּאֵל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען.

וִויא צָארְנִיג דֶעם אַלְטֶענְס שְׁטִימֶע אִיז גִיוֶוען, הָאט זִיךְ דָאךְ אִין אִיר גִיהֶערְט אַ פְרֶעהְלִיכֶער טָאן. אַ דַאנְק גָאט, דֶער אֵיינִיקֶעל הָאט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף פָארְט אוּמְגִיקֶערְט! זַלְמָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען הֶערָאבְּגֶעלָאזְט דִי קָאפּ אוּנ הָאט גֶעשְׁוִויגֶען, נוּר זַיין הַארְץ הָאט גִיקָאכְט פוּן כַּעַס.

– נוּ אִיצְטֶער וֶועסְט דוּא שׁוֹין גֶעהְן אִין חֵדֶר, אָדֶער נָאךְ אַלְץ נִיט ?

אִיךְ וֶועל גֶעהְן, הָאט זַלְמָן שְׁטִיל גֶעעֶנְטְוֶוערְט.

אָט אַזוֹי רֵייד! בִּיסְט אַ וָואהְלֶער אִינְגֶעל, לֶערֶען מִיט חֵשֶׁק, דַאבֶען, נַארֶעלֶע! דִיר וֶועט דָאךְ זַיין בֶּעסֶער.

זַלְמָן הָאט גֶעשְׁווִיגֶען.

עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל, נוּר נַאכְהֶער הָאבֶּען זִיךְ וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי אַלְטֶע גֶעשִׁיכְטֶעס אוּנ וָואס ווַייטֶער עֶרְגֶער.

אַ מָאל, צוּקְרִיגֶענְדִיג זִיךְ מִיטְ׳ן זֵיידֶען אוּנ הֶערוּמְווַאלְגֶערְנְדִיג זִיךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין שְׁטָאט, הָאט זַלְמָן נִיט גְיוואוּסְט וָואס צוּ טְהָאן: זִיךְ אוּמְקֶערְ׳ן צוּם זֵיידֶען? דָאס קֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט זַיין! עֶר הָאט אִיהְם אַזוֹי אוּנְעֶרְבַּארְמִיג גֶעשְׁלָאגֶען, בַּיי זַלְמָנֶן אִין הַארְצֶען אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען קֵיין פּוּנְק לִיעבֶּע צוּ אִיהְם, דָארְטֶען הָאט נוּר גֶעקָאכְט אַכַּעס פַאר זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע קִינְדְהַייט.

דֶער הוּנְגֶער הָאט דֶער ווַייל גֶעטְהָאן זַיין זַאךְ. וָואס זָאל מֶען טָאהְן? קֵיינֶער שְׁטֶעלְט דֶעם אִינְגֶעל נִיט אוֹיס קֵיין הַאנְד צוּ הֶעלְפֶען, וֶועט עֶר אַלֵיין אוֹיסְשְׁטֶעלֶען דִיא הַאנְד, אָבֶער נִיט צוּ בֶּעטְלֶען!... עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ טִישֶׁעל אוֹיף וֶועלְכֶען עֶס הָאבֶּען זִיךְ פַארְקוֹיפְט קוּכֶענְס אוּנ הָאט פְלִינְק אֵיינֶעם פוּן זֵייא הֶערָאבְּגֶעחַאפְּט.

אִין אַ שָׁעָה 4 הֶערוּם הָאט זִיךְ אִיהְם וִוידֶער פַארְוָואלְט עֶסֶען. נוּר בַּיי דֶעם טִישֶׁעל הָאט שׁוֹין דִי בַּעַל הַבַּיִתְטֶע גֶעהִיט אוּנ הָאט דִי אוֹיגֶען נִיט הֶערָאבְּגֶענוּמֶען פוּן דִי קוּכֶענְס.

עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קֶעלֶער, וואוּ מַאן הָאט פַארְקוֹיפְט אַייזֶען, שְׁטְרִיק אוּנ אַנְדֶערֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען.

– ווַייזְט מִיר צוּקֶער שְׁטְרִיקְלִיךְ – הָאט עֶר גְיבֶּעטֶען דֶעם קְרֶעמֶער – ווַייל עֶר הָאט גְיוואוּסְט אַז דִי שְׁטְרִיק לִיגֶען אוּנְטֶען.

דֶער קְרֶעמֶער אִיז הֶערָאבּ אוּנְטֶען, זַלְמָן הָאט דֶערְווַיילֶע גֶעחַאפְּט אַ שְׁלָאסֶעל אוּנ הָאט עֶס גִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין בּוּזֶען; נוּר פוּן אַיילֶענֶעס הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעוָוארְפֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע שְׁלָאסְלִיךְ, וֶועלְכֶע זַיינֶען מִיט אַ קְלוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלֶען אוֹיף דֶער עֶרְד. דֶער קְרֶעמֶער הָאט זִיךְ אָבְּגֶעקֶערְט, הָאט אַקוּק גֶעטְהָאן אוֹיבֶען אוּנ זֶעהֶענְדִיג, דָאס זַלְמָן רוּקְט עֶפֶּעס אִין בּוּזֶען, אִיז עֶר מִיט אֵיין שְׁפְּרוּנְג שׁוֹין גֶעוֶוען נֶעבֶען אִיהְם.

– ווַייז אַקָארְשְׁט, אִינְגֶעל, וָואס בֶּעהַאלְסְט דוּא דָארְטֶען?

אוּנ עֶר הָאט הֶערוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט בַּייא אִיהְם פוּן בּוּזֶען דֶעם שְׁלָאס.

– אִיךְ... הָאבּ גֶעוָועלְט... קוֹיפֶען, וִויפִיעל?...

דֶער קְרֶעמֶער הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַפַּאץ.

– נַא דִיר וָואס דָאס קָאסְט! נַא דִיר נָאךְ! אָח דוּ פַּאצוּק אֵיינֶער! אַזַא קְלֵיינֶער אִינְגֶעל אוּנ לֶערֶענְט זִיךְ שׁוֹין גַנְבֶנֶען! אַ!

זלמן

זַלְמָן אַ בְּלֵייכֶער, אַ עֶרְשְׁרָאקֶענֶער הָאט זִיךְ גֶערִיסֶען בַּיי אִיהְם פוּן הַאנְד.

– וָואס שְׁלָאגְט עֶר זִיךְ! וָואס ווִילְט אִיהְר פוּן מִיר? הָאט עֶר גֶעוֵויינְט. אִיךְ הָאבּ אַקוּק גֶעטְהָאן דֶעם שְׁלָאס אוּנ עֶר זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעוָועלְט גַנְבֶענֶען! לָאזְט אָבּ!

– אָבְּלָאזֶען דִיר? וַוארְט אַ וַויילִינְקֶע, הָאבּ גֶעדוּלְד, – הָאט דֶער קְרֶעמֶער גֶערֶעדְט.

עֶס הָאבֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען מֶענְשֶׁען.

וָואס אִיז דָא גִיוֶוען?

דֶער קְרֶעמֶער הָאט דֶערְצֶאהלְט.

– נֵיין – הָאט זִיךְ זַלְמָן פַארְעֶנְטְוֶוערְט – אִיךְ הָאבּ נוּר גֶעוָועלְט אַ קוּק טְהָאן דֶעם שְׁלָאס, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט אַז אִיךְ וִויל עֶם גַנְבֶענֶען.

אַ-אַ? דָאס אִיז עֶר? אִיךְ קֶען אִיהְם דֶעם אִינְגֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מָאל בַּאמֶערְקְט וִויא עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גֶערִיבֶען הֶערוּם דִיא טִישְׁלַאךְ!

– מַאן דַארְף אִיהְם אַוֶועק פִיהְרֶען אִין טְשַׁאסְט, מַאן זָאל אִיהְם דָארְטֶען דִיא הוֹיט הֶערָאבְּשִׁינְדֶען וֶועט עֶר וַוייטֶער וִויסֶען וִויא צוּ גַנְבֶענֶען.

בַּיי זַלְמָנֶען אִיז אַרִיבֶּער אַ קָאלְט אִיבֶּערְ'ן לַייבּ.

– אָט, לָאזְט אִיהְם אָבּ, עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת, אַ קִינְד! – הָאבֶּען זִיךְ עֶטְלִיכֶע אָנְגֶענוּמֶען.

– בַּייא מִיר אִיז דֶער שְׁלָאס נָאר נִיט אַזוֹיא טְהַייֶער, הָאט גֶעזָאגְט דֶער קְרֶאמֶער; – נוּר אַזַא אִינְגֶעל, אַז מַאן זָאל אִיהְם אִין גַאנְצֶען אָבְּלָאזֶען, וֶועט עֶר טַאקִי וֶוערֶען אַ גַנָב, אִיצְטֶער לֶערְנְט עֶר זִיךְ נָאךְ – דַארְף מַאן אִיהְם אָבְּלֶערְנֶען, פַאר אִיהְם וֶועט דָאס זַיין אַ טוֹבָה, אַז מַאן וֶועט אִיהְם נוּט הֶערַיינְהַאקֶען וֶועט עֶר אָנְוֶוערֶען דֶעם חֵשֶׁק צוּ גַנְבֶענֶען.

אִיךְ הָאבּ נִיט גֶע־גַנְבֶט הָאט זַלְמָן גֶעוֵויינְט: דֶעם קְרֶעמֶערְס „טוֹבָה“ אִיז אִיהְם זֶעהְר נִיט גֶעפֶעלֶען גֶעוָוארֶען.

– אָט וֶועלֶען מִיר דָאס בַּאלְד זֶעהְן, – הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אַיין אַנְדֶער קְרֶעמֶער מִיט אַ גְרָאבֶּע בּוֹיךְ: – עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעוָועלְט קוֹיפֶען שְׁטְרִיק מִיט אַ שְׁלֶאסִיל, וֶועלֶען מִיר זֶעהְן: אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְד וֶועלֶען מִיר אִיהְם אָבְּלָאזֶען, אוֹיבּ נִיט, אִיז אִין טְשַׁאסְט! וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף דֶעם? הָאט זִיךְ דֶער גְרָאבַּאטְשׁ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם עוֹלָם מִיט אַ צוּפְרִידֶענֶעם שְׁמֵייכֶעלֶע.

– עֶר אִיז גִירֶעכְט! זוּכְט בַּייא עֶם אִין דִי קֶעשֶׁענֶעם!

דִי קְרֶעמֶערְלִיךְ וֶועלְכֶע הָאבֶּען נִיט גִיהַאט סַיי וִוי וָואס צוּ טְהָאן זַיינֶען זֶעהְר צוּפְרִידֶען גֶעוֶוען וָואס עֶס הָאט זִיךְ עֶפֶּעס גֶעמַאכְט צוּ פַארְבְּרֵיינְגֶען אַ וַוייְלֶע, אוּנ הָאבֶּען גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַלְמָנֶען וִויא אַ קַאטְץ מִיט אַ מוֹיז.

זיי האבען געזוכט און האבען קיין געלד ניט געפונען.

– נו וואו איז דיינע געלט? דוא האסט דאך גיוואלט קויפען? – האט דער גראבאטש געלאכט.

זלמן האט אנגעהויבען וויינען און בעטען זיך, מאן זאל איהם דעם מאהל אבלאזען, ער וועט שוין קיין מאל מער ניט גנבנען, נור זיין געבעט און זיינע שבועות האבען ניט געהאלפען. אמת, דאס רוב האבען געזאגט מאן זאל איהם אבלאזען, נור דער קראמער האט אלעמען אויפגעוויזען אז דאס איז פאר'ן אינגעל א טובה, אגב האט זיך דער בייא געטראפען א גאראדאוואי.

מאן האט זלמנען הערייגעשפארט אין פינסטער'ן חדר פון טשאסט, דארטען זיינען געוועזען ערשט געכאפטע גנבים, פיאניצעס און בעזפאסטפארטנע, גיזעהן האט ער קיינעם ניט, נור ער האט גיהערט זייערע הייזעריגע אבגעריסענע ווערטער מיט וועלכע זיי האבען אויסגעדריקט זייערע געפיהלען, ער האט זיי אויך געפילט: איינעמס פיס האבען זיך איינגעשפארט אין זיין פנים, דער אנדערער האט זיך הערויפגעליינט אויף איהם, דער דריטער האט עם אויפגיקוועטשט דיא קניע, דער פערטער האט פארנומען צו זיך זיין רעכטע האנד. ענגשאפט, הונגער, א שרעקליכער עפוש, פינסטער הערום איהם און נאך א גרעסערע פינסטערניס בייא איהם אין הארצען. ער האט בשום אופן ניט גיקענט אנשלאפען ווערען. דאס אלץ האט אזוי צוגעשטיקט דעם אָרעמען אונגליקליכען אינגעל, דאס ער האט ניט גיקענט ניט א קרעכץ טהאן, ניט אזיפץ טהאן זעכס שדים זעכס גזלנים אויף איין קינד!...

אויף מארגען האט מאן זלמנען אבגעפיהרט אין פאליציע און פון דארטען האט מאן איהם אין עטליכע טעג הערום ארויסגעלאזען א צו הרגטען, א צוברָאכענעם.

איין געדאנקען האט איהם גיגלעכערט דעם מח: אבצאהלען דעם קרעמער פאר זיין „טובה“. ער וועט מיר געדיינקען! איך וועל עם אמאל אריין לאזען א שטיין אין קאפף און גנבנען וועל איך זיי אויף להכעיס ניט אויפהערען... איצט וועל איך שוין זיך היטען גוט, שוין מער ניט זיין קיין נאר, ער האט זיך אויס־גילערענט בעסער זיין ארבייט און האט פארפיהרט בעקאנטשאפט מיט חברה. ער האט געמוזט ערלערנען זיין ארבייט, ווייל קיין אנדער תורה האט ער ניט גיהאט.

## י.

# נִיט עֶרְגֶער פַאר אַנְדֶערֶע.

שָׂרָה אִיז הֶערוֹיסְגֶעפָאהְרֶען אִין חַארְקָאוו מִיט אִירֶע 2 קִינְדֶער: דָוִדְקֶע מִיט רִבִינְקֶען, אוּנ הָאט דָארְטֶען גֶעאֶפֶענְט אַ קְרֶעמֶעל פַאר אַ פָּאר הוּנְדֶערְט רוּבִּיל.

וואו הָאט זִיא גֶענוּמֶען אַזוֹיא פִיעֶל גֶעלְד?

יוֹסֵף אַבְּרַאמָאוו הָאט אָנְגֶעגֶעבֶּען אוֹיף לֵייבֶּע בֶּערְקִין אִין סוֹד. דֶער פְּרָאצֶעס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען 2 יָאהְר. בֶּערְקִינְס הָאבֶּען נִיט גֶעשְׁלָאפֶען, זֵיי הָאבֶּען גֶעדוּנְגֶען אַדְווָאקַאטֶען, אָנְגֶעגֶעבֶּען אַפֶּעלְיַאצִיֶעס מִיט קַאסַאצִיֶעס אוּנ הָאבֶּען אָבְּגֶעצוֹיגֶען נָאךְ אַיָאהְר; נוּר סוֹף כָּל סוֹף הָאט סוֹד צוּגֶעמִשְׁפָּט אַז בֶּערְקִין זָאל בֶּעצָאהְלִין שָׂרָה'ן צְווֵייא הוּנְדֶערְט רוּבְּל.

ווֶענֶען זַלְמָנֶ'ן הָאט שָׂרָה נִיט גִיקְלֶערְט, דֶער אִינְגֶעל הָאדֶעווֶעט זִיךְ דָאךְ בַּיי אִיר פָּאטֶער אוּנ עֶר ווֶעט אִיהְם גֶעוִויס מַאכֶען פַאר אַמֶענְשֶׁען, עֶר הָאט דָאךְ עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעהָאדֶעוֶועט פִיר טֶעכְטֶער אוּנ אַלֶלֶע פִיר זֵיינֶען לַייטֶען גְלַייךְ. נִיט עֶרְגֶער פוּן אַנְדֶערֶע.

## עֶנְדֶע

# בבית מסחר הספרים של שלמה שרעבערק בווילנא.

## נמכרים לבד כל מיני ספרים, גם כל הדברים השיכים למסחר הספרים.

מהספרים הרשומים פה יש לי מהם במספר הגון, שאוכל למכרם גם למו"ס בהנחה גדולה. הספרים באותיות גדולות הם ספרי הוצאתי.

| | р. к. |
|---|---|
| אגרות ילדים ג' באדר | —20 |
| אגרת יל"ג ח"א | —60 |
| אהבת ציון מאפו | —36 |
| אהל תם זינגער ספור | 1 30 |
| אוצר השרשים החדש מביט ג"ח | 1 |
| אוצר לשון חכמים פערלא | 1 50 |
| אור החיים כ"י עה"ת ב"ח | 65 |
| אוצר ספורים שולמאן | —60 |
| אלענדארפס מעטאדע צאצקין ג"ח | 1,50 |
| אלשיך נו"כ ד"ח | 1 70 |
| אלף המגן פיורקא | —20 |
| אנדרסן הגדות וספורים | —60 |
| אשמת שומרון מאפו ספור כ"ח | 60 |
| אספת שירי ציון | —30 |
| **בית רבי (תו'הרב) ג"ח בלה"ק** | 1 |
| **תולדות הרב בית רבי ע"ט** | 40 |
| **הנ"ל ח"ב תו' בניו ומשפחתו** | 40 |
| בית יהודה ריב"ל ב"ח | 1 50 |
| **בעל שם טוב** ספורים בע"ט | 3 |
| בריפען שטעלער שמ"ר | —20 |
| " " " בלאהשטיין | —25 |
| גערשענאוויץ או פרידמאן כ"א | —10 |
| ב"ש הויזקראטספאנדענט (16 | 25 |
| בת ציון ספור בלה"ק | —40 |
| בילעטין לחתונות כל אלף נעטטא | 3 |
| דימא (1 75) דימא כל אלף | 2 |
| גן שעשועים ראזענפעלד | 1 |
| הנ"ל עם ספר המלים | 1 30 |
| דברי הימים לבני ישראל יעב"ץ | —50 |
| דברי ימי העמים ד"ח יעב"ץ | 1 — |
| דור דור ודורשיו ה"ח | 7 50 |
| דרכי הגמרא | —15 |
| דרש משה על דרוש | —75 |
| האמונות והדעות | —30 |
| הגדה עם פ' הרב וצמ"צ | —40 |
| הגדה פערזען מלמד | 20 |
| המורה גארדאן | —75 |
| המחנך אינדיצקע | —60 |
| המחנך השלים הנ"ל עם העת' | 90 |
| המתרגם הנ"ל | —80 |
| הפרוזדור גראזאווסקי | —40 |
| **המטיף דרושים לכה"ש** | 30 |
| זרובבל ד"ח ריב"ל | 1 50 |
| חומש פעריל בב"א מכורך | —50 |
| חובת נשים ע"ט | 12 |
| חטר מגזע ישי ספור | 60 |
| חנך לנער מאפו | —10 |
| חנך לנער יאצקאן | 15 |
| חיי העמים {אנגליה ויושביה | —25 |
| חיי העמים {תוגרמה ויושביה | —25 |
| חמדת ישראל ע"ט ב"ח | 60 |
| טל ילדות יעב"ץ | —20 |
| יאיר אור למלבי"ם | —50 |

| | р. к. |
|---|---|
| יד ושם ספור בלה"ק | 50 |
| ידיו אמונה | —20 |
| ילקוט שמעוני ב"ח על התנ"ך | 3 50 |
| יסוד הכמת ההגיון מלבי"ם | —75 |
| **לאחר מאה ש ה ספור** | — 60 |
| לוח אחיאסף תרנ"ה | 1 — |
| ליאן הרופא ספור | 25 |
| מבהר החשבון לטבלא | 50 |
| מדרש רבה אספת אמרים ה"ח | 1 50 |
| מדרש רבה עם פי' ענף ג"ח | 3 — |
| מדרש חכמים ע"ט | —60 |
| מורה הלשון לערנער | 1 — |
| מכתבים נעורים, לבני הנעורים, ומכתבי מסחר כ"א " | 10 |
| **מעשה אורפם ה' חלקים** | 1 50 |
| כל חלק לבד | —30 |
| הנ"ל ח"ו ח"ז (כ"ח לבד 15) | —30 |
| מעשה החשבון וש' החשבון ב"ה | 1 50 |
| מעטאדעס קעלאגראפי שהר כ"ה | — 7 |
| מצרף לחכמה ישר מקנדיה | 30 |
| משלי קרילאוו זינגער ב"ח | 60 |
| נבל עשרים שירים | 20 |
| נדחי ישראל בע"ט | —30 |
| ניב שפתים דאליצקי | — 60 |
| **ספורי ישרון בע"ט** | —30 |
| ספר המלים הורוויץ ואר' עברי | 1 — |
| ספורים בלה"ק מאת פרידשטיין | —40 |
| ספר הזכרון | —10 |
| דיטע כפול (והשלם) | 20 |
| סדור עיון תפלה מעקלענבורג | 1 50 |
| ספורי נפלאות | —20 |
| ספורי הפלאות | 5 |
| עיט צבוע ה"ח מאפו | 1 50 |
| על מפתן ימי הבינים ספור | —35 |
| עמודי שש על פ"א בע"ט | —30 |
| ענגלישע מעטאדע אדער דער ענגלישער לעהרער וואנעל | —40 |
| עקידת יצחק עה"ת ה"ח | 3 60 |
| ערבי נחל על התורה | 70 |
| ערוך השלחן על ש"ס | 1 — |
| הנ"ל על מליחה | 1 30 |
| הנ"ל על מקואות | 1 — |
| הנ"ל על חו"מ | 3 60 |
| הנ"ל על או"ח | 2 — |
| פיוט אקדמות | —30 |
| פלא יועץ בע"ט | —40 |
| קארטע פאלעסטינא לינעצקי | 40 |
| קדושת לוי על התורה | —25 |
| קיצור מנורת המאור בע"ט | — 5 |
| **קיצור ש"ע בע"ט ווילנא** | —20 |
| **רעדנער בע"ט** פיעסטון | —30 |
| שבת המלכה ספור בלה"ק | — 8 |
| **רוסישע מעטאדע וואנער** | —50 |

| | р. к. |
|---|---|
| רוסישער אזבוק וואנעל | —10 |
| שער בת רבים על התורה עם חמש מגילות ו' חלקים | 2 50 |
| **שולחן ערוך מקוצר ונערך לב"ס (בהעתקות) מאת י.ב. לבנר** | —50 |
| שו"ת משנת דר"א | 1 — |
| ש"ס בכרך אחד —3ר' (רעגאל 4 50) | |
| שפת עבר טעמקין ב"ח | 1 — |
| שתי הקצות ברוידס | 1 50 |
| תורה אור לאדמו"ר | 3 — |
| תולדות ישראל יעב"ץ ד"ח | 5— |
| תורת שפת עבר לעויק | —60 |
| תיקוני הזבח על שחיטה ג"ח | 1 — |
| תלפיות מאסף ספרותי | 1 50 |
| תעודה בישראל ריב"ל | 1 — |
| תיקוני הזהר עם כ' מלך | —60 |
| תמת עברית מאת מזח | 50 |
| אונערווארטעטער גליק | —40 |
| אידעשער פאריז שמ"ר | —18 |
| אמעריקאנער געשיכטע דיקב"ח | —75 |
| אפעריסט שמ"ר | 20 |
| אריסטאקראטקע בוכבינדער | - 25 |
| ארעמער מיליאנער שמ"ר ב"ח | -40 |
| באראן דע אגילאר הנ"ל | —20 |
| בלוטיגע אינקוועזיציע | —30 |
| בלוטיגע ליעבע שמ"ר ב"ח | - 55 |
| בלוטיגע נקמה ב"ה לינעצקי | - 25 |
| בעל טובה בלאהשטיין ב"ח | —50 |
| געבילדעטער עם הארץ שמ"ר | —25 |
| **גראף און יודין ב"ח** | —60 |
| גירוש פורטוגאל שמ"ר | —20 |
| אזאהן פון 2 מאמעס ב"ח הנ"ל | —60 |
| חליצה שמ"ר | —25 |
| חרם שמ"ר | 40 |
| חסידישער יונגעל לינעצקי | 1 — |
| ר' טהייטיל ספעקטאר ב"ח | —60 |
| טרייפנאק שמ"ר ב"ח | —50 |
| יודישע סטודענטין ספעקטאר | —40 |
| **מלחמה פאר'ן לעבען** | [illegible] |
| ניט טויט ניט לעבעדיג לינעצקי | —40 |
| עגונה שמ"ר ב"ח | 55 |
| **פאר'ן גלויבען און פאר'ן פאטערלאנד ד"ח** | 1 — |
| פאלשער שולד בריעף ב"ח | —50 |
| פארליבטע רעבעצין ספעקטאר | - 15 |
| פערפלעקטער יחוס שמ"ר | 35 |
| **פראגרעס אללע אויסגאבען** | |
| ר' יהודה הלוי ב"ח | —50 |
| צבויאק שאפירא | - 80 |
| שטימע־ גוטער יוד ספעקטאר | - 25 |
| שארית ישראל ע"ט " " | 45 |
| שלעכטעס און גוטעס " " | —20 |
| דיא שוויגער בלאהשטיין ג"ח | - 60 |

הנני שולח ספרים לכל דורש (גם ליחידים) ע"י פאסט נ"נ וע"י מסלת הברזל בקבלי ד"ק 10 % את רצון קוני אמלא בזריזות ובמחיר השוה, מו"ס ביבליתיקים מורים ואגדות יקבלו הנחה.

כתבתי: З. Ш. СРЕБЕРКУ Книжный магазинъ Вильна.